STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 03279

# KONTINENTN UN OKEANEN

Melech Ravitch

•

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

0-657-03279-4

D:\YIDDISH\TITLES\9780657032791T.PS

THE STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY PROVIDES
ON-DEMAND REPRINTS OF MODERN YIDDISH LITERATURE

ORDERS MAY BE PLACED BY PHONE AT (413) 256-4900 X155; BY FAX AT (413) 256-4700; BY E-MAIL AT ORDERS@BIKHER.ORG; OR BY MAIL AT NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER, 1021 WEST STREET, AMHERST, MA 01002-3375 U.S.A.

©1999 NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:
*Lloyd E. Cotsen Trust*
*Arie & Ida Crown Memorial*
*The Seymour Grubman Family*
*David and Barbara B. Hirschhorn Foundation*
*Max Palevsky*
*Robert Price*
*Righteous Persons Foundation*
*Lief D. Rosenblatt*
*Sarah and Ben Torchinsky*
*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

BOOK DESIGN BY PAUL BACON

PRINTED IN THE U.S.A. ON ACID-FREE PAPER

# קאנטינענטן

# און

# אקעאנען

מלך ראוויטש

# קאָנטינענטן און אָקעאַנען

## לידער באַלאַדן און פּאָעמעס

אַזיאַטישע, אַמעריקאַנישע, אַפריקאַנישע, אייראָפּעישע,
אויסטראַלישע, אָקעאַנישע, פּאַציפיסטישע און אידעישע,
וועגנעטאַרישע, יידישע און אין-פיר-ווענטישע

★

נאָטיצן און זוכצעטל מיט אַ באַמערקונג פאַר
רעציטאַטאָרן — ביים סוף פון בוך

★

ארויסגעגעבן „ליטעראַרישע בלעטער“ ווארשע 1937

PRINTED IN POLAND

Mełech Rawicz

# KONTYNENTY I OCEANY

*Nakładem „Literarisze Bleter", Warszawa, 1937*

***Druk. „Grafia"***

# הקדמה פון מחבר דעם

# הקדמה

* * *

ווידער פאַר דער עפנטלעכקייט מיט אַ בוך. דאָסמאָל זעקס יאָרן נאָך אַ בוך מיט דריי דראַמעס („ווייב און מאַן“), וואָס זענען מער־וויניקער געבליבן ווייט פון דעם באַוווּסטזיין פון דער יידישער לעזער־וועלט, דער יידישער קריטיק. אינגאַנצן זענען זיי פאַרבייגעגאַנגען די יידישע בינע. איך קאָן מיך נישט באַפרייען פון דעם איינדרוק, אַז נאָר דער זעצער האָט דאָס בוך איבערגעלעזן, קרוב מיט זעקס יאָרן צוריק די דערמאָנטע דראַמעס און נאָך מיט צוויי יאָרן פריער אַ בוך מיט פּאָעמעס „די פיר זייטן פון מיין וועלט“.

און אין דער צווישן־צייט זענען געווען אין דער פרעסע געדרוקט זיכער מער ווי דריי מאָל צוועלף טוץ אַרטיקלען, וואָס האָבן באַשריבן אַ דרייסיק לענדער. און נישט וויניקער ווי צוויי מאָל צוועלף טוץ אַרטיקלען, וואָס האָבן רעצענזירט יידישע ביכער און געפּרווּוט צו נעמען שטעלונג אין פּלאָנטער פון יידישע קולטור־פראַגן.

קוואַנטום — נישט צום פאַרזינדיקן...

קוואַליטעט איז ביי גאָט אין די הענט...

נאָר ווי די זאַך זאָל נישט זיין, אויב עס איז אפשר דאָ אַביסל איכות אין דעם, וואָס מיינע הענט שרייבן, איז עס זיכער אין אַ גרעסערער מאָס (אויב עס איז בכלל דאָ) אין דעם נישט באַקאַנטן, כמעט אין פולער טונקלקייט פאַרבליבענעם טייל פון מיין — נו, ווערק. איך האָב נישט קיין אַנדער וואָרט. אין די לידער און אין די דראַמעס. דער לעזער איז איבערצייגט, אַז עס איז פאַרקערט. איך האָב מיך צוגעוווינט דערצו און איך האָב קיין טענות נישט.

צום ענין:

מיט זיבעצן יאָר צוריק איז דערשינען אַ בוך „נאַקעטע לידער“. אין דער הקדמה דאָרט האָט דער אויטאָר געשריבן: „דאָס לעצטע לידער־בוך מיינס...“ און נאָך פּאָעמעס און דראַמעס, און דער עיקר

נאָך זיבעצן יאָרן קומט ווידער אַ לידער־בוך... און דאָך האָט יענער, דער דעמאָלט זעקס און צוואַנציק־יעריקער, וואָרט געהאַלטן. יענער האָט קיין לידער מער נישט אַרויסגעגעבן. דער, וואָס גיט היינט אַרויס אָט דאָס בוך, איז יענעמס יורש — כאָטש לויט די יאָרן וואָלט ער גיכער געקאָנט זיין יענעמס פאָטער... בלויז דער נאָמען איז נישט געביטן. דער איצטיקער האָט מיט יענעם קיין שייכות נישט, נישט אין אינהאַלט און נישט אין פאָרם. יענער האָט בלויז געוווּסט, וואָס ער וויל וועלן און דער (אַזוי רעדט ער זיך איין) ווייסט, וואָס ער וויל.

עס האָט זיך געביטן אין גרונט דער אינהאַלט, עס האָט זיך געביטן די פאָרם, אָבער נישט געביטן האָט זיך די ליניע. און אָט אין דעם ווידוי־מאָמענט וויל איך אויפריכטיק בעטן דעם קרעציקסטן טויט פריער, איידער די ליניע זאָל זיך בייטן. ביים פולן באַוווּסטזיין איצט ווילט זיך בעטן, אַז טאָמער דאַרף איך אַמאָל פאַרוואַנדלט ווערן אין אַן אַנדערן מענטש, ווייניקער מענטש, איז בעסער פריער פאַרוואַנדלט צו ווערן אין ערד.

די ליניע האָט זיך נישט געביטן — און דער שוואַכער בויג פון געפיל צום נאַציאָנאַלן צו, אין דעם דאָזיקן בוך, ווערט דרייפאַך איבערגעוויגן מיט אינטערנאַציאָנאַלע, ניין, אַפילו אינטעררּאַסישע לידער, וואָס דערשיינען צווישן די זעלבע טאָוולען.

אין דער וועלט, ווען אַפילו דער לינקסטער ווערט אַלעמאָל מער און מער נאַציאָנאַליסטיש, בין איך טיף אינערלעך געבליבן אַנאַציאָנאַל געשטימט. און וואָס אַ טאָג ווערט רייפער דאָס געפיל, פון עטערישן געפיל גליווערט עס צו שטאָף, שיער נישט אַ טעאָריע. נאָר וואָס טויג די טעאָריע, אויב דער אָביעקט אירער, די וועלט, איז היינט ווייטער דערפון, ווי מען האָט דאָס אויסגעחלומט ערגעץ אין אַ רעדים, אַ לעמבערג, אַ ווין, אַ וואַרשע. עס איז מיר פאַרגונען געוועזן אויפצוהויבן אַביסל דעם פאָרהאַנג פון דעם צויבער־חדר וועלט, צו וואַרפן אַ בליק אויף אירע גרויסע סודות — און געזען האָב איך, אַז די וועלט איז אַ קאָלאָסאַלער שילדקרעט, וואָס קריכט אַזוי לאַנגזאַם, לאַנגזאַם באַרג־אַרויף וועלט, באַרג־אַרויף אוניווערס. זיכער איז, אַז די וועלט גייט צום אַנאַציאָנאַלן, דאָס באַווייזט איר נערוועז קלאַמערן זיך אָן דעם נאַציאָנאַלן, ווי אָן עפעס, וואָס איז פאַרמשפט צום אונטערגיין. פריער זענען געווען שבטים. אונטערגעגאַנגען. שפעטער זענען געקומען פעלקער — כמעט אונטערגעגאַנגען. איצט וועלן אפשר קומען ראַסן — כדי אויך אונטערצוגיין, צעשטערט ווערן דורך דער אידעע, וואָס קען נישט קיין שבטים, קיין פעלקער, קיין ראַסן, נאָר די מענטשהייט.

זענען זיי אַ סתירה אין איין בוך: נאַציאָנאַלע, אינטערנאַציאָנאַלע און אינטעררּאַסישע לידער? ניין. ווייל אַזוי איז דער מענטש, איז דער ייד אין 1937.

* * *

„קאָנטינענטן און אָקעאַנען“ הייסט דאָס בוך. אַ ווייניק אָריגינעלער און אַ סך פּרעטענציעזער טיטל. „אַ טיטל איז אַ היטל“, פּלעגט זאָגן מיינער אַ יוגנט־פֿריינט, אַ דיכטער. נישט ווייניקער ווי צוואַנציק אַזעלכע היטלען האָב איך פֿאַרנאָטירט אויף צוצודעקן דעם קאָפּ פֿון די לידער, סוף־כּל־סוף זיך אָפּגעשטעלט אויף דעם באָמבאַסטישן און אַפֿילו ווייניק יידישן נאָמען: קאָנ־טי־נענ־טן און אָ־קע־אַ־נען. שיר נישט אַ גלאָק.

קליינע טיילן פֿון דעם בוך פֿון דער סעריע „אַפֿריקאַנישע“ און „פּאַציפֿיסטישע און אידעישע“ לרוב, זענען געשריבן געוואָרן מיט פֿינף יאָרן צוריק, אָבער דער גרעסטער טייל, שיר נישט אַלץ, איז געשריבן געוואָרן אין די לעצטע צוויי יאָרן. וואָס מער עס האָט זיך געשריבן, אַלץ מער האָט זיך געוואָלט, נאָך, נאָך. נאָטיצן, אָנונגען פֿון לידער האָבן זיך געמערט, די שפּיל פֿון דרייען זיך אין רעדל, ווי אַ פֿאַרווונדעטער הונט, וואָלט גאָר קיין סוף נישט גענומען. ביז איך האָב אַליין צו זיך געזאָגט: גענוג, ביסט נאָך נישט געשטאָרבן און אין דער הקדמה פֿון דעם בוך שרייבסטו דאָך נישט, אַז עס איז דאָס לעצטע בוך דיינס... וואָסזשע אַרט עס דיך. עס איז נאָך דאָ פּאַפּיר און טינט אויף דער וועלט און האָפֿנטלעך וועלן נאָך בלייבן אַ פּאָר יידישע לעזער אויך. און עס קאָן דאָך געמאָלט זיין, אַז אַ לאַדע טאָג וועט מען אָנהויבן דיינע ביכער אַריינצולאָזן קיין ביראָ־בידזשאַן. אויב דאָס אָרעמע ביסל ביינער האָט מען יאָ דורכגעלאָזט מיט צוויי יאָרן צוריק, פֿאַרוואָס זאָל מען נישט נעמען דורכלאָזן דאָס אָרעמע ביסל גייסט? די קאָנסטיטוציע איז שוין דאָ און אַ סאָציאַליסטישע איז זי — נו, די לידער זענען עס נישט ווייניקער.

* * *

שרייבנדיק די הקדמה, בלעטער איך און בלעטער אין בוך און איך זע נאָר, אַז עס פֿעלט און פֿעלט. אָבער סוף־כּל־סוף איז דאָך דאָס בוך נישט קיין געאָגראַפֿיע, כאָטש עס טראָגט אַזאַ מין געאָגראַפֿישן נאָמען... עס איז אויך נישט קיין סאָציאַל־עקאָנאָמיע. עס איז אַפֿילו נישט אַ רייזע־טאָגבוך. און איבעריקנס, אין דער וועלט פֿון נסים קאָן דאָך אַמאָל געשען, אַז אַ צווייטע אויפֿלאַגע וועט געפֿאָדערט ווערן, וועט עס דעמאָלט ווערן קאָמפּלעטירט. נישט קאָמפּלעט זענען איצט כמעט אַלע סעריעס, דער עיקר אָבער די „אייראָפּעישע“. דאָרט איז גאָר אַ חורבן.

צען זענען די סעריעס, די אָפּטיילונגען פֿון דעם בוך: אָפּט איז מיר שווער געווען צו סדרן אַ ליד, אַריינפּאַסן עס אין אַ ריכטיק רעמל

פון אַ סעריע. און נאָך מער סעריעס האָב איך נישט געוואָלט שאַפן, עס וואָלט דאָך נאָר נאָך פאַרשטאַרקט דעם נאַטירלעכן כאַאָס פון אַ לידער־בוך. די צען אָפּטיילונגען זענען: אַזיאַטישע, אַמעריקאַנישע, אַפריקאַנישע, אייראָפּעישע, אויסטראַלישע, אָקעאַנישע, פּאַציפיסטישע און אידישע, ווענעטאַרישע, יידישע, אין־פיר־ווענטישע. פאַרוואָס אַזיאַטישע צוערשט? איך האָב אָנגענומען דעם שטרענג געאָגראַפישן סדר. און אין די סעריעס גופא זענען די לידער אויסגעשטעלט כמעט כראָנאָלאָגיש לויט די איבערלעבונגען, וואָס האָבן אינספּירירט.

* * *

אַ טעכנישע באַמערקונג: איך פאַרשטיי עס גאַנץ גוט, אַז אומפאַרשטענדלעך וועלן בלייבן מערערע פון די לידער, אויב איך וועל נישט געבן קיין אויפקלערנדיקע באַמערקונגען צו זיי. איך האָב עס געטון צום סוף פון בוך. די באַמערקונגען זענען געשטעלט לויט דעם סדר פון די זאַכן. פּרינציפּ איז: זיי אַזוי קלאָר ווי מעגלעך. ווייס און געדענק, פאַר וועמען דו שטייסט. דו שטייסט פאַר דעם יידישן האָרעפּאַשניק, וואָס וועט אפשר אַמאָל אַ זאָג טון צום דערשטוינטן ביבליאָטעקאַר אין זיין פאַריין: נו אַ סוף, גיט שוין אַהער דאָס בוך פון ראַוויטשן! אַזוי ווי קיין רעכט בוך האָט איר נישט, זאָל שוין זיין דאָס... יאָ, ווייס, פאַר וועמען דו שטייסט. און עס איז גוט אַזוי. נאָר גוט אַהין, גוט אַהער — קיין געאָגראַפיע האָט ער גרינטלעך פאָרט נישט געלערנט, דיין לעזער, און נישט נאָר געאָגראַפיע, נאָר אַ סך ווערטער, וואָס זענען צוליב דעם קאָלאָריט פון די לידער באַנוצט געוואָרן, זענען צו די לעזער לחלוטין נישט באַקאַנט. האָבן זיי געמוזט פאַרטייטשט ווערן, אַפילו פאַר דעם געאָגראַפיע־קונדיקן.

טאָמער זענען אין פאָעזיעלאָזן סדום פון אונזער היינטיקער וועלט פאַראַנען עטלעכע לעזער, וואָס וועלן נישט נאָר וועלן לעזן די לידער, נאָר זיי אויך פאַרשטיין, זאָל זיי דאָס גרינג געמאַכט ווערן.

און צו פאַרשטיין, אַזוי רעד איך מיר איין, איז דאָסמאָל דווקא גרינג.

* * *

אַז איך האָב אָנגעשריבן די ערשטע לידער פון דעם בוך, נאָך מיט פינף יאָרן צוריק, און איך האָב זיי אַליין איבערגעלעזן און איך האָב זיי אַליין פאַרשטאַנען, האָב איך מיך אַזש דערשראָקן. געפעלן — האָב איך אַליין געטראַכט ביי מיר. (נאָר נעמט דאָס נישט צו ערנסט, ווייל איך אַליין האָב אַלעמאָל גוט אַלע די זאַכן פאַרשטאַנען). און דאָך פלעג

איך קלערן, אז פארשטענדלעכקייט איז א סימן פון שוואכערער קוואליטעט. געקלערט און געקלערט אזוי לאנג, ביז עס דאכט זיך מיר היינט, אז פארשטענדלעכקייט איז דווקא א סימן פון שטארקערער קוואליטעט. מיט א צייט צוריק האב איך אפילו ערנסט אין זינען געהאט די לידער אנצורופן מיט דעם געמיינזאמען נאמען „קאמפראמיס", מחמת אויב זיי זענען פארשטענדלעך, מסתמא איז דא א קאמפראמיס אין זיי... א קאמפראמיס מיט דער לעזער־וועלט. נאר אז איך האב מיט דעם וווקס פון דעם בוך דאך צו מיין בארויקונג געזען, אז עס זענען דא נישט ווייניק נישט־פארשטענדלעכע לידער אויך, האב איך שוין אויפגעגעבן דעם פלאן צו רופן דאס בוך: קאמפראמיס. אבער דאס שטרעבן פון א שרייבער, און דער עיקר פון א יידיש־שרייבער דארף זיין: פארשטענדלעכקייט. וואס ווייניקער צייט א מענטש האט, אלץ קלארער מוז מען צו אים רעדן. קלאר רעדט דער ראדיא און קלאר, שוין אביסל צו קלאר, דער קלאנגפילם. מיט טויזנטער יארן צוריק פלעגן פאעטן רעדן מיט שווערע רמזים, דאס פאלק האט זיך געגריבלט, ביז עס האט ארויסגעגריבלט דעם זין.

* * *

היינט? זאג אפ און גיי ווייטער. אנדערעווארטן.

דער קריטיקער פון דער יידישער ליטעראטור, שמואל ניגער, האט אין אן אפשאצונג פון מיין בוך „די פיר זייטן פון מיין וועלט" צ. א. געזאגט: א מישונג פון פאעזיע און זשורנאליזם. מיט געמישטע געפילן האב איך עס דעמאלט געלעזן. אבער צומארגנס האב איך ניגערן רעכט געגעבן — אלע הונדערט פראצענט. איך האב נאר געזוכט צו געפינען א זכות פאר דעם זשורנאליזם... זיכער איז איינס, אז זשורנאליזם איז אומפארמיידלעך אין א סך פון די לידער פון דעם זשאנר, וואס איך שרייב. ער איז אומפארמיידלעך. אזיסט וואלטן א סך פון די זאכן פשוט הענגען געבליבן אין דער לופט, ווען מען וואלט זיי נישט אויפגעהאנגען אויף דעם זשורנאליסטישן האקן. דער זשורנאליזם איז אפשר דער טעם אין זיי, דער זין, דאס קעמפערישע, דאס אפטימיסטישע. פון לויטער ליריק וואלטן די זאכן געווארן שווארץ און יאושדיק. לאמיר זיין אינגאנצן קלאר: אין דער סעריע „יידישע" איז פאראנען א ליד „געזאנג אויף ימים צו מאמע־לשון" און א ליד „רעדים, מיין שטעטעלע" — דאס ערשטע איז זשורנאליסטיש, דאס צווייטע איז ריין ליריש. דאס ערשטע איז האפערדיק, האט ליכט און שאטן, דאס צווייטע איז — לויטער נאכט.

* * *

איך בלעטער די לידער און עס פּלאָנטערט זיך כּסדר אין געדאַנק אַ וואָרט: געפֿעלן — נישט געפֿעלן — יאָ געפֿעלן — מער געפֿעלן, ווייניקער; וואָס איז דאָס בכלל פֿאַר אַ קינדערשפּיל אָט דאָס לידערשרייבעריי? עס איז אַ מאָדנע און ממש אַ מיסטיש וואָרט, אָט דאָס וואָרט „געפֿעלן". אין אָט דעם וואָרט ליגט דער סוד פֿון יעדער קונסט. עס קומט—איך גלויב, אַז איך האָב נישט קיין טעות, פֿון וואָרט: פֿאַלן, צופֿאַלן, צופֿאַלן צו דער נשמה, צופֿאַלן צום האַרץ. עס איז נישט קיין קינדערשפּיל, צי דיין ליד וועט עמעצן צופֿאַלן צו דער נשמה. עס איז סוף־כּל־סוף דיין וועלט און אָט דאָס געפֿעלן — דיין לעבנס־פּראָבלעם. און איך בלעטער און נאָר זעלטן פֿאַלט אַ ליד צו צו מיין אייגן האַרץ, געפֿעלט מיר. און דעמאָלט בין איך גליקלעך, דעמאָלט דאַכט זיך מיר, אַז עס איז דאָ גענוג קינסטלערישער עלעמענט אין זיי, אַז זיי זאָלן אַלעמען געפֿעלן. אַלעמען צופֿאַלן צום האַרץ, ווי קינדער, פֿאַרבענקטע, ווי פֿריינט, ווי מאַמעס — דאָס איז דער סוד פֿון דער קונסט.

נאָר אַן אַנדערשמאָל בלעטער איך ווידער אין אָט די לידער, און שטאָט צוצופֿאַלן צום האַרץ — באַפֿאַלן זיי עס, ווי הינט, ערגער נאָך, ווי מענטשן, ווי בייזע מענטשן, קרימען זיך נאָך, שפּעטן, לאַכן אויס דעם דריי־און־פֿערציק־יעריקן פּאַיאַץ, וואָס וויל און קאָן נישט ווערן אַ מאַרשעליק אין די יאָרן פֿון זיין לעצטער רייפֿקייט, און דערצו נאָך אין אַזאַ צייט, אין אַ ז אַ צ י י ט!

* * *

און אין אַזעלכע זעלבסטפֿאַרצווייפֿלונגס־מאָמענטן קריכן די סתירות בולט פֿון דעם בוך אַרויס, ווי נאַפֿט אויף וואַסער, ווי טשוועקעס פֿון אַ זאַק. אַזוי צי אַזוי, דאָס בוך איז פֿול מיט סתירות. נאָר סתירות זענען לעבן. זענען אינטערעס פֿון לעבן, זענען ער און זי. סתירות, אָט אַזעלכע, ווי זיי געפֿינען זיך אין דעם בוך, זענען דאָס שטייגן און פֿאַלן, דאָס זינקען און אויפֿהויבן זיך, וואָס איז פֿאַראַנען אין אַלץ, וואָס לעבן איז — אַפֿילו אין גרעסטן ווונדער פֿון לעבן, אין שריט פֿון דער קרעאַטור, אין גאַנג פֿון דעם מענטש.

וואָלט איך צעלייגט די פּאָר צענדלינק לידער פֿון דעם בוך אויף אַ ברעט, וואָלט ממש אַ שאַכברעט דערפֿון געוואָרן: ווייס־שוואַרץ, שוואַרץ־ווייס, און אַזוי כּסדר. און וואָלט אַפֿילו דאָס שוואַרצע איבערגעוויגן — נישט געשראָקן זיך! איין טראָפּן ליכט צעברעכט באַלד די

פינסטערניש, איין ברעקל פינסטערניש קאָן דאָס ליכט נישט צעברעכן.
ליכט איז שטאַרקער, אויב אַפילו אין קלענערע קוואַנטיטעטן.
און וואָס וואָלט איר וועלן, אַז אין אָט דער פינסטערער צייט זאָל
איינער אויסזינגען אַ ליד פון בלויז האָפענונג און פרייד? האָט דען אײ־
נער נישט אַ רעכט אַמאָל אײנגאַנצן אַראָפּצולאָזן די הענט? אָבער אַלע־
מאָל קומט ווידער האָפענונג. און אַז זי איז זעלטענער, וואָס קאָן איך
מיר העלפן? דאָס בוך הייסט „קאָנטינענטן און אָקעאַנען”, קירצער —
„וועלט” — און אַזעלכע איז זי. און דעמאָלט, ווען פאַרצווייפלונג נעמט
אײנגאַנצן אַרום, ווען עס בלייבט נאָר נאָך טרער, ערשט דעמאָלט ווערט
געבוירן די האָפענונג. געוויין איז דאָך דער לעצטער אַקט פון פאַר־
צווייפלונג, נאָך וועלכן פרייד קומט. מיט געוויין ווערט דער מענטש גע־
בוירן, אָבער מיט געוויין שטאַרבט ער נישט...

* * *

ווי סתירות זעען אויס די לידער: מאָסקווע, פּאַריז, ניו־יאָרק. או־
מעטום דער זעלבער מאָטיוו, דאָס זוכן די שטאָט פון די שטעט. איז עס
אַ מאַניע אַזאַ? ניין, נישט אַ מאַניע, נאָר דאָס דײַטלעכע זוכן אומע־
טום דאָס ירושלים ד׳וועלט. (נישט דאָס יידישע, נישט דאָס נאַציאָנאַ־
ליסטישע). אָט די לידער זענען גאָרנישט אַזוי מיסטיש. זיי זענען די
קאָנקרעטסטע.

* * *

איך בלעטער און עס שפּרינגען מיר אַנטקעגן פון פּאַפּיר אַלער־
ליי סימנים פון השפּעות. געדאַנקלעכע און קינסטלעריש־פאָרמאַלע.
יידישע און נישט־יידישע. פון די ערשטע ווערט אָפט דערמאָנט וואַלט
וויטמען, וואָס ווען ער וואָלט קליגער געווען, וואָלט ער זיכער געווען
דער גרעסטער דיכטער פון אַלע וועלטן און צייטן. איך האָב אַזש שיער
נישט אין דעם בוך פאַרעפנטלעכט אַ פּאַראַפראַזע צו זיין ליד „סאַליט
אָ מאָנד”. וויטמענישער איינפלוס איז אומפאַרמיידלעך, אויב מען האָט
אים איינמאָל געלעזן. דאָס איז אַן עלעמענטאַרע זאַך. וויטמען איז דער
דיכטער פון אַ יאָרטויזנט, פון אַ מענטשהייט. אָ, וואָלט ער מער געדאַנק
געהאַט, וואָלט אפשר די וועלט געהאַט אַן אַנדער פּנים. נאָר דעם איינ־
פלוס פון יידישע שרייבער אויף מיר וועל איך נישט אויסזאָגן,
אפילו ווען מען וועט מיך צודריקן מיט אַ קני ביים האַרץ צו
אַ וואַנט. איין יידישן שרייבער, וואָס נישט נאָר אונטער זיין איינפלוס
שטיי איך, נאָר איך מאַך אַפילו אַ פּלאַגיאַט פון אים פון צייט־צו־צייט,
וועל איך יאָ דערמאָנען, דאָס איז אַ געוויסער מ. ר. פאַראַנען אין

דעם בוך פלאגיאטן פון דעם דערמאָנטנס „נאַקעטע לידער" און „פיר זייטן פון מיין וועלט". נאָר ביי די פלאגיאטן וועט מיך קיינער נישט כאַפּן. קיינער געדענקט נישט יענע ביכער אַזוי גוט.

* * *

די הקדמה האַלט שוין אויך ביים סוף. אַלע הקדמות ענדיקן זיך גוף־כל־סוף... און איך טראַכט מיר: נוץ אוים די געלעגנהייט און גיב דיך אַביסל אַ קריג דורך מיט דער יידישער ליטעראַטור, ווי אַמאָל אין די אַגרעסיווע יוגנט־יאָרן. יעדער ייד שטרעבט דאָך צו האָבן אַמאָל אין לעבן אַן אייגענע צייטונג. און אַן אייגן בוך איז דאָך אַוודאי און אַוודאי אַזאַ מין אייגענע צייטונג, אַרויסגעגעבן פון צייט צו צייט. און די הקדמה צו אַזאַ מין בוך איז דאָך אַ מין לייטאַרטיקל.

איז אַרויס — — פון די כלים און אַראָפּ פון האַרץ!

און איך גיב ווידער אַ בלעטער אין דעם בוך און מיינע נערוון שטילן זיך איין. כאַפּן אַפילו אַ שטילן שרעק־ציטער. אַ בוך איז נישט נאָר אַ מין צייטונג, נאָר אַ בוך איז אויך אַ מין הויז פול מיט פענסטער. פענסטער פון דער וועלט צו דיר און פון דיר צו דער וועלט. און אין אַ הויז מיט אַזויפיל פענסטער מוז מען זיצן רואיק. טאָר מען זיך מיט קיין שטיינער נישט וואַרפן...

* * *

נישט וואַרפן זיך מיט קיין שטיינער, ווייל ביי דיר אַליין איז איצט געפערלעכער עלטער און ביי דער וועלט איז געפערלעכע צייט. זענען בילכערע זאַכן פאַראַנען.

יאָ, דאָס זענען לידער פון געפערלעכן עלטער. לידער, וואָס האָבן נאָך נישט די רו פון דער עלטער און שוין נישט די אומרו פון יוגנט. אויב מיר וואָלטן אָנגענומען דאָ אַ טעאָריע, אַז אין שאַפונגס־פּראָצעס פון אַ דיכטער זענען פאַראַנען דריי פּעריאָדן, זענען אָט די לידער פון געפערלעכן עלטער. אפשר דעם אינטערעסאַנטסטן, דעם רייפסטן. לידער פון שפּעט־זומער. לידער פון נאָך־נישט־האַרבסט.

* * *

בשעת איך שיק דאָס בוך צום דרוק, ליגן אין אַלע ווינקלען וועלט קאַנאָנען, ווי הינט אויף קייטן און וואַרטשען, אַז מען זאָל זיי שוין אָפּלאָזן, אַז עס זאָל שוין וואָס גיכער ווערן נאַכט... ווער ווייסט, אפשר

וועט שוין זיין נאַכט און די הינט אָפּגעלאָזן, ווען דאָס בוך וועט אַרויס, אָדער זיין אין דרוק.

איז ערשט רעכט, זאָל עס דווקא אַרויס אויף דער וועלט, דאָס בוך. נישט דאָס בוך און נישט דער נישטיקער יחיד, וואָס שטייט הינטער דעם, נאָר דער סימבאָל פון מיליאָנען, מיליאָנען אַזעלכע צעשפּרייטע איבער דער גאָרער וועלט, וואָס האָבן מיט אַלע זייערע בלוטן און געדאַנקען ליב די וועלט, וואָס די וועלט איז זייער האָפענונג און זיי זענען דער וועלטס האָפענונג. ווי אָרעם מיין ליכט זאָל נישט זיין, נישט צוליב דעם האָב איך עס געצונדן, כדי עס צו שטעלן אונטער אַ שעפל. אַרויס! אין דער וועלט, און אין דער צייט!

* * *

געוויס, עס איז אַ טראַגישע סיטואַציע אַרויסצולאָזן אַ בוך מיט אַ הומאַניטאַרער אָריענטאַציע אין דער איצטיקער וועלט, אַרויסצולאָזן אַזאַ יידיש בוך איז אַפּילו אַביסל טראַגיקאָמיש. נאָר מיר נעמען אַפּילו די ראָלע אויף זיך, טוען זיך אָן מיט ערנסט דאָס יידישע דיכטער־מיצל. מיר זענען דאָך נישט אַנדערש פון אַלע דורות יידישע דיכטער, אָנהויבנדיק מיט די שפּילמענער פון מיטלעלטער, וואָס האָבן אויך געזונגען זייער ליד אינמיטן מלחמות און שחיטות.

* * *

דאָס בוך איז צוזאַמענגעשטעלט, און לרוב אויך געשריבן געוואָרן, אויף אַ לאַנגער וואַנדער־סטאַציע אין אַ וועלטרייזע, וואָס האָט זיך אָנגעהויבן אין 1931 און וועט זיך מער נישט ענדיקן. די סטאַציע הייסט אויסטראַליע. אין אַ גרויסער מאָס איז דאָס ציל פון דער גרויסער וואַנדער־פּויזע געווען דאָס בוך.

גיי און ברענג מיר גוטע פּויינט פון דער וועלט, דו, מיין בוך, דו, מיין קינד פון לייד און פרייד און ליבע!

# I

# אזיאטישע לידער

# טראָפּישער קאָשמאַר אין סינגאַפּאָר

זיבן וועלטן און זיבן ימען
און צוויי און פערציק יאָר —
קאָשמאַרן זענען די הייסע
נעכט אויפן עקוואַטאָר.

די אויגן אָפן, נאַקעט דאָס האַרץ
און בלוט טרינקט אַ מאָסקיט,
און עס זשומעט, זשומעט, זשומעט
אין קאָפּ זיין קאָשמאַרנע ליד.

איבער זיבן וועלטן און ימען,
אויף פליגלען פון פייער־ווינט
פליט אַ חלום, און אין חלום
ווער איך ווידער אַ קינד.

איבער זיבן וועלטן און ימען,
זע איך רעדים, מיין שטעטל און אַ יריד,
און עס זשומעט, זשומעט, זשומעט
זיין זשומענדיק ליד דער מאָסקיט.

איבער זיבן וועלטן און ימען
אַ יריד אויף אונזער מאַרק,
ביים פענסטער דער טאַטע מיט דער מאַמען
קוקן אויף דער באַן אויפן באַרג.

קוקן אזוי לאנג ביז זיי גייען
אין קיך אריין די אלטע צוויי לייט,
און פון אונזער קיכפענסטער זעט מען
די בית־עולם טויערן פון דער ווייט.

און עס ווארפן די קאשמארן
אין טויטאנגסט און אין היץ,
פלוצלונג זיץ איך מיט אפענע אויגן,
א געדאנק קומט — שארף ווי א בליץ —

אז די זיבן וועלטן און ימען
זענען דאך א חלום נאר,
און חלום זענען אויכעט
די צוויי און פערציק יאר.

גיט די מאמע פלוצלונג א שמייכל
און דער טאטע צעלאכט זיך גאר:
— אוודאי, דו נאר פון וועלטן און ימען,
ביי אונז אין דער היים איז די וואר — — —

פון דער זייט שטוב איז א בערגל
און פון דארטן זעט מען די באן,
און פון יענער זייט שטוב — זעסטו זון?
איז — ווי תמיד — דער בית־עולם פארהאן.

דארטן ליגן אונזערע זיידעס
ביז ארויף צום פערטן דור —
מען דארף רוען, זון, מען דארף רוען,
נאך צוויי און פערציק יאר,
נאך עקוואטאר, נאך סינגאפאר.



Free Public Library, Newark, N. J.

זאָגט די מאַמע: — דו מיינסט טאַקע אמת,
וואָס דו האָסט דיר איינגערעדט שטאַרק,
אַז די וועלט איז עפּעס מער דאָרט
ווי אונזער קליינער מאַרק?

אָט וואַרף איך די זיבן וועלטן
דורך דעם פענסטער אַרויס —
אָט גיס איך די זיבן ימען
אין דעם קיכשעפל אויס — —

דאָ זעץ דיך, מיין זון, מיר צופוסנס
און דעם קאָפּ לעג אָן אין מיין שויס,
ס'איז אַ חלום אַלץ געווען
און איצט איז דער חלום אויס — —

און נאַ דיר פאַר אַלץ זיבן גראָשן
און קויף דיר עפּל אַ פּאָר —
און ביים אַריין און זע אַליין
ווו עס איז די וואָר — —

און העלף מיר אָנצינדן ס'לעמפּל
און פייער מאַכן אין קיך,
און נעם אַראָפּ פון דיינע
מידע פיס די שיך.

און לייג אַרויס די געדאַנקען,
וואָס דריקן דיר אין קאָפּ,
און פון די אַקסלען נעם שוין
די לאַסט פון די יאָרן אַראָפּ.

און לייג דיך צוריק אין בעטל,
אין דיין קינדער־בעטל אַריין,

איך וועל פֿאַרשטעלן דאָס לעמפּל,
עס זאָל דיך נישט שטערן די שיין.

פֿראָים, גיי דיך שוין לייגן,
דו ביסט דאָך אוודאי מיד,
און איך וועל דאָ פֿאַרזינגען
אונזער קינד מיט אַ ליד — — —

אַמאָל איז געווען אַ מעשׂה,
די מעשׂה איז גאָרנישט פֿריילעך,
די מעשׂה הויבט זיך אָן
מיט אַ יידישן זינגער, אַ מלך.

דער זינגער איז אַוועקגעפֿאָרן
איבער זיבן וועלטן און ימען,
און ער איז צוריקגעקומען
צו זיינע אַלטע טאַטע־מאַמען.

און פֿון דעם מלכס אויגן
טרערן רינען און רינען,
ווייל אויף זיבן וועלטן און ימען
האָט ער די וועלט נישט געפֿונען.

ווייל אויף אַלע זיבן וועלטן
און אויף אַלע ימען זיבן
איז דער זינגער, דער מלך
אַליין אויף דער וועלט געבליבן.

פֿון זיבן וועלטן און ימען
איז ער צוריקגעפֿאָרן
און ער פֿרעגט ביי זיין אַלטער מאַמען
פֿאַרוואָס זי האָט אים געבוירן — —

האָט די מאַמע זיך צעיאָמערט
און דעם זון מיט טרערן באַגאָסן,
און האָט דעם מלך, דעם זינגער,
ווי אַ קינד אין די אָרעמס געשלאָסן.

(האָט גענומען צאַנקען דאָס לעמפּל,
און דאָס גלעזל שוואַרץ זיך צו פאַרבן...)
— כ'האָב, מיין זון, געמוזט דיך געבוירן
דערפאַר דו זאָלסט מוזן שטאַרבן — —

# טראַנס-סיבירישע ווינטער-רייזע

פון מאָסקווע אַ נאַכט און אַ טאָג — יואָקזאַל נאָך וואָקזאַל,
מיט דער טראַנס-סיבירישער באַן ביז אוראַל.

סיביר — סי־בירר —
שטילער, אָנווינטיקער ווינטער איבער מיר און אין מיר.

טאָג. שליטנס קלינגען און עס בילן די הינט,
אין ווינטער־ביימער ציטערט איינגעשטילטער ווינט.

נאַכט. וואָיעט נאָך די האָרדע פון דזשינגיסכאַן
אין די רעדער פון דער טראַנס-סיבירישער באַן.

ווידער טאָג. גיט די זון אַן אייזיקן, שאַרפן, קורצן גלאַנץ,
צעברעכט אירע שטראַלן אויף אַ רויט־קאָזאַקישער רייטער-לאַנץ.

פון פערד הענגט אַראָפּ צום שניי די לייץ,
פון אַ פאַרלאָזטער קירכע — דאָס טאָפּל-קרייץ.

לבנה־נאַכט. ציט זיך אין שניי אַ פּויערישער שליטן-קאַראַוואַן
מיט ברויט — לענגאויס דער טראַנס-סיבירישער באַן — —

ווידער טאָג. וועלדער אין זון — ווייסער פֿאַרצעלאָן.
פֿאַרנאַכט צעגלאַנצט זיך די זון ווי אַן אַלטע קופּערנע פּאַן.

פֿון ווייטן דערפֿער. פּויערים אין שניי, צעשאָטענער מאָן.
ווי אַ רויטע מאָן־בלום פֿלאַטערט אויף אַ סאָסנע אָן צווייגן אַ פּאָן.

ווידער נאַכט. מיט די לעצטע כּוחות אָטעמט טיף:
— ראַטעווע מיך — די מידע לאָקאָמאָטיוו.

אַ גאַנצן טאָג רעדן די רעדער אויס אַלדאָס בייז,
קוילערן זיך נאָך — ווי קוילן פֿון אייז.

ווידער נאַכט. אַ וואָקזאַל האָט אויף דער באַן זיך פֿאַרגאַפֿט,
לאָזט זי פֿאַרביי, ווינקט צו איר מיט די אויגן, צוויי לעמפּלעך פֿון נאַפֿט.

אַ צונויפֿגעפֿרוירענער סאָלדאַט אויפֿן וואָקזאַל, מאַנטל, ביקס און שפּיז,
דאָס פּנים פֿאַרהילט, קרומע אויגן פֿון אַ ווילדן קירגיז.

די באַן שטעלט זיך אָפּ און מורינקט. אין האָלצערנעם, דומפּיקן, קליינעם וואָקזאַל,
ביי דער סטעליע — בילדער פֿון לענין, מאַרקס און לאַסאַל.

אויף דער ערד שטיוול, פּרויען מיט אָפֿענע בריסט, קעפּ,
דאָס שיקט מען אַ דאָרף פֿון אַ סטעפּ צו אַ סטעפּ.

אַלע כראַפּען — נאָר אַן אַלטער מאַן קוקט שטאַר
צום גרויסן, מעשענעם בופֿעט־סאַמאָוואַר — —

— ווי שלעפֿן זיי אונז? ראַז — טוואַיאַ — מאַט!
אַנטשוויגן. ער קוקט ווידער שטאַר — אויף דער שפּיז פֿון דעם וואַכסאָלדאַט.

ווידער טאָג. אַ דאָרף, ווי אַ נעסט, פּלוצלונג גיט אַ פלי
פון דאָרף אַרויס אַן עסקאַדרע יונגען און מיידן אויף סקי.

ווידער נאַכט. אַ רויטער שטערן הודזשעט מיט דעם פּראָפּעלער איבער
דער באַן,
און שעלט זיך מיט דעם בייזן שכן — יאַפּאַן.

— פּאָסט זעקס און אַכציק — אָדפּאָר!
אין אַ וואָך — צוויי דזשינגיסכאַנישע יאָר.

ווינט, סאַפּקעס, זאַמד, וואָקזאַל אין נאַקעטן פעלד,
סטאָפּ! די טראַנס־סיבירישע באַן האָט זיך אָפּגעשטעלט.
עק־וועלט.

# לאָרד ליטאָן פון גענף און דער קולי
# מעי-וואַן-פו פון טשיפו

### כ א ר ב י נ ע ר ב אַ ל אַ ד ע

מאַנדזשוריע אַהער און מאַנדזשוריע אַהין
און אויפן טראָן זיצט שוין הענרי-פו-אי,
און יאַפּאַנישע שיפן אַנקערן שוין
אין כאַרבין אויף דעם טייך סונגאַרי.

מעי-וואַן-פוס ווייב אין אַ דאָרף, אין טשיפו
טרייבט פון שטוב: — זע, באַלד וועט נעמען אַ פראָסט.
האָט מעי-וואַן-פו מיט דער לעצטער שיף
אויף אַ גליטשיקן דעק זיין היים פאַרלאָזט.

אַ קוק געטון ביין אויף דעם איינציקן ווייב
און אַ קוש דאָס יינגסטע, דאָס נייַנטע אין וויג.

— — — — — — — — — — — — — —

מאַנדזשוריע אַהין, און מאַנדזשוריע אַהער,
און שוין איז לאָרד ליטאָן פון דער פעלקער-ליג

געקומען צו פאָרן מיט אַ גרויסן שטאַב
אין האָטעל „מאָדערן" פון כאַרבין.

— — — — — — — — — — — — — —

אין דעם טאָג האָט מעי-וואַן-פו צום ערשטן מאָל
פאַרזוכט דעם טעם פון העראָאין.

,,מעי־וואַן־פו, מעי־וואַן־פו, קרוין פון מיין קאָפּ'',
(מיט דעם שרייבערס האַנט האָט געווײנט דאָס ווייב)
,,שיק כאָטש דריי אײנציקע קו־אַ־פּי,
שיק גאָרנישט, נאָר שרייב כאָטש, שרייב''.

ער רויכערט הערױאין און פון וואַסער מיט רייז
איז ער אַלע טאָג מערער אָפּגעוויינט.
,,דאָס לעבן איז קאַלט און וועט זיין ביז צום טויט,
און פאַרלאָזן טשיפו האָט נישט געלוינט,

דאָס לעבן איז קאַלט און וועט זיין ביז צום טויט,
דער טויט איז וואַרעם, ער איז אייביק אַזוי,
אָט דאָס זאָלסטו שרייבן''. — ,,און גאָרנישט מער?''
,,יאָ, גרים מיר די קינדער און — די פרוי''.

מאַנדזשוריע אַהער, און מאַנדזשוריע אַהין,
יאַפּאַן טרעט אַרויס פון דער פעלקער־ליג,
אייראָפּע וויגט זיך און ס'וויגט זיך די וועלט:
יאַ־קריג, נישט־קריג — קריג — קריג — —

און די ליטאָן־קאָמיסיע אין האָטעל ,,מאָדערן''
מאַכט דעם לעצטן גרויסן באַנקעט.

— — — — — — — — — — — — — — — — — —

מעי־וואַן־פו דריקט אין דער געלער האַנט,
די לעצטע דריי פען און וואַרפט זיך אויפן בעט.

,,איך וועל שרייבן דעם אמת אין מיין באַריכט,
אַן אמת פון גענף, ביז ניו־יאָרק, ביז טשיפו!''

— — — — — — — — — — — — — — — — — —

מעי־וואַן־פו טראַכט: פון גענף ביז ניו־יאָרק —
ביז טשיפו, אַזאַ אמת איז גאָר אויף דער וועלט נישטאָ.

אַן אמת איז דאָ, פּאַר צוועלף קופּערנע פּען
פון אַ מאַנדזשורישן קו־אַ־פּי טוט
אים דיר דער אַלטער קאָרעער — ער שפּריצט
אים דיר אַריין אין דיין געלן בלוט.

מעי־וואַן־פּו הויבט זיך אויף פון זיין האָלצערן בעט,
דער פראָסט שניידט שטיקער און ער יאָגט זיך גיך,
לייגט זיך אַוועק אויף דעם ברעט ביים קאָרעער, טוט אויס
די וואַטע־הויזן, דעם סורדוט און די פוטער־שיך.

פאַרויכערט די הויזן — איצט רויכערט ער די שיך,
געבליבן איז נאָך דער וואַטענער סורדוט.
איצט הייסט ער זיך געבן איינמאָל און גוט
אַ שפּריץ ביז צום סאַמע האַרצנס־בלוט!

דער ווינטער־פאַרטאָג האָט שוין איבער כאַרבין
פאַרכמורעט און פראָסטיק געגרויט.
און אין יענער שעה זענען בײדע אַוועק,
ליטאָן — קיין גענף, מעי־וואַן־פּו — קיין טויט.

דער קאָרעער האָט זיין קונה מעי־וואַן־פּו
מיט כבוד אויף אַ טאַטשקע אַרויסגעפירט
צום גראָבן, ביים באַן־פּלאַנט. ער פירט שטענדיק אַהין
די קונים, וואָס ער האָט שוין אויסקורירט.

מעי־וואַן־פּו איז געפאַלן מיטן פּנים אַרויף,
און די הענט אַרויף מיט די פויסטן געדריקט,
מעי־וואַן־פּו איז נישט איינזאַם דאָ. — מעי־וואַן־פּו,
גיב נאָר אַ קוק ווער נעבן דיר ליגט!

נאָר דער, וואָס דערנעבן, האָט זיך נישט גערירט
און אפילו נישט געהערט,

ער ליגט שוין א וואָך דאָ, זיין פּנים איז שוין
אַריינגעפרוירן מיט דער נאָז אין דער ערד.

ליגן זיי ביידע, עס שפּילט זיך מיט זיי
דער ווינט און דער שניי, דעקט זיי אויף, דעקט זיי צו,
דער ווינט שפּילט זיך דאָ און דער טויט שפּילט זיך דאָרט
מיט די ווייבער און קינדער אין טשיפו.

אַז לאָרד ליטאָן איז מיט דער שנעל־באַן פאַרביי
אין דער פרי, ווו מעי מיט זיין חבר ליגט,
האָט מעי־וואַן־פו זיך א טרייסל געטון
און זיך צו זיין חבר צוגעדריקט.

מעי ליגט און ער שווייגט מיט דעם פּנים אַרויף
דעם הימל דעם אמת אין פּנים אַריין. הימל וואָלקנט זיך און הערט — — —
און זיין חבר נעבן אים שווייגט אַריין
זיין אמת צו די גייסטער פון דער ערד.

נאָר ליטאָן וועט זאָגן זיין אמת דער וועלט,
וואָס ער האָט געזען און געפאָרשט אין כאַרבין.
ס'וועט אין פרילינג זיין — ווען די סונגאַרי וועט טאַיען,
קאַאָליאַן און סאָיאַ וועלן אויפבליען גרין.

און צווישן די נאַקעטע ציין מעי־וואַן־פו
וועט ביי זיין אמת שוין בלייבן דאָ,
אַז פון גענף ביז ניו־יאָרק און ביז טשיפו —
אַזאַ גרויסער אמת איז גאָר אויף דער גאַנצער וועלט נישטאָ — — — —

## יאפּאַנישער דיכטער זינגט צווישן קאַרשנביימער

זיבן וועלטן זענען געבוירן געוואָרן
אין זיבן טויזנט יאָרן,
זיבן וועלטן האָט מען אין שטויב און אין אַש
פון פאַרגעסנקייט און געשיכטע פאַרשאַרט —
מ י ר האָבן געוואַרט.

זיבן געטער זענען אין בלוט און אין אייזן
געסט געווען דאָ אויף דער ערד,
געהאָפט זי אויסצולייזן —
בלוט האָט זיך אויסגעטרוקנט
און ווידער געוואָרן פאַרגאָסן —
מ י ר זענען שטיל און פאַרשלאָסן.

זיבן זונען אַרויף און זיבן זונען
זענען צוריק אין וואַסער געפאַלן,
מען האָט ערדן פאַרלוירן און ווידער געוווּנען,
געגאַנגען דורך פייער, דורך וואַסער געגאַנגען — —
מיר האָבן נאָר איין זון אין זינען געהאַט,
און א ו נ ז ע ר ע איז אייביק אויפגעגאַנגען.

זיבן וועלטן־מלוכות און זיבן נאַפּאָלעאָנען
האָבן געוואָרפן מענער־מיליאָנען
צום געמש פון אומזין — —

און פֿאַר דעם געטש געבלוטיקט און געליטן. —
מיר זענען געווען מיט זיך אַליין —
מ י ר  האָבן זיך קיינמאָל נישט געביטן.

זיבן פֿאַר איינעם און איינער פֿאַר זיבן,
מען האָט ביכער געברענט און נייע געשריבן,
מען האָט קעפּ געברענט און קעפּ זענען אַלץ צום ברענען געבליבן.
מ י ר  האָבן קינדער אין דער וועלט געטריבן
און געהאַמערט אין זייערע שאַרבנס אייביק דאָס איינע:
נישט זיבן פֿאַר איינעם, נאָר אייביק איינער פֿאַר זיבן.

זיבן וועלטן־איבערקערענישן,
זיבן מאָל האָט מען איבערגעשריבן דאָס בוך פֿון די וועלט־געזעצן.
היינט געצן און מאָרגן געטער, היינט געטער און מאָרגן — געצן.
מיר האָבן געלערנט מיט פֿרעמדן בלוט אויף פֿרעמדע פֿעלער,
אַלע גוטע גאָט־געדאַנקען פֿאַר זיך באַהאַלטן,
אין אונזער אייגענעם, אייביקן קעלער,
און געוואַרט צווישן שטילע און ראָזעווע קאַרשן־בלומען,
אַז אונזער קאַרשן־בלומען־פֿרילינג זאָל קומען —

זענען זיבן טויזנט ווינטערס אַוועק און געקומען
זענען זיבן טויזנט פֿרילינגען —
און איצט איז דער זיבן־טויזנט־ערשטער — עס וויינט די וועלט
איר לעצט געוויין —
איצט איז אונזער צייט צו זינגען — זינגען — זינגען—
דאָס ליד פֿון אונזער גרויסן גאַנג, אונזער גרויס געזאַנג —
נאָך אַנט נישט די וועלט, וואָס עס גייט געשען,
נאָר מיר, מיר דיכטער פֿון דער אייביקער זון — האָבן שוין עס געזען—
אין אונזער טרוים —
זעט, זעט דאָס וווּנדער קומען: —

א מיטראַליעז פון יעדן קאַרשן־בוים —
און פלינקע שפּיצן־קוילן פון אַלע קאַרשן־בלומען —
מיר זענען דאָס ערשטע מאָל איצט אַרויס —
און אַ קליינעקייט ווילן מיר —
פון אייער ערד פון דעם אורוואַלד, דעם ווילדן,
אַ קאַרשן־גאָרטן, אַ ראָזיק־מילדן,
מאַכן פון איר —
צו מערב גייען מיר, גייען מיר —
מיר זענען ווי קליינער מאָן,
מיר זענען מיליאָן, הונדערט מיליאָן און וועלן זיין טויזנט מיליאָן,
ביז מיר וועלן ווידער קומען אָן
אין אונזער לאַנד פון דער צווייטער, דער מזרח־זייט,
און אין דער צייט
פון דער גאַנצער וועלט געמאַכט
אַ קאַרשן־גאָרטן,
געמאַכט ניפּפּאָן — —

# אַ קאָפּ אין אַ רעמל

הענגט אַ כינעזישער קאָפּ אַ געקעפּטער, מיט אויגן פֿאַרמאַכטע,
אין אַ הילצערן רעמל אַריינגעשטעלט,
הענגט אויף אַ טויער פֿון אַלט־טיענטסין, וויגט זיך און וויגט,
שמייכלט מיט אויגן פֿאַרמאַכטע — און רעדט צו דער וועלט:

כ'האָב געלעבט און געלעבט און עס האָבן געגנישטערט
טויזנט פֿראַגן, ווי טויזנט הענט, אין מיין מוח,
און נאָך טויזנט פֿראַגן איז געקומען אַן ענטפֿער —
טויזנט איינס — און דער ענטפֿער איז געווען רויך — —

זיסער רויך פֿון אָפּיום און אין רויך, אין זיסן,
אַ חלום — טויזנטגעשטאַלטיק און אָן באַשייד,
אויף טויזנט פֿראַגן, טויזנט חלומות,
אויף טויזנט ליידן איין איינציקע פֿרייד —

ביז מען האָט מיך געכאַפּט — ווייל אַזוי איז די וועלט שוין,
אַז אויף אמתער פֿרייד איז געזעץ דאָ — פֿאַרבאָט.
און זיי האָבן געהיילט מיך און מיט פֿייער געסטעמפּלט,
און געהייסן גוט זיין און צוגעזאָגט גנאָד.

און ווי מען האָט מיך אָפּגעלאָזט, בין איך
צומאָרגנס אַוועק זוכן פֿרייד אין רויך,
איין קלייד האָב איך נאָך אויף מיר געהאַט,
האָב איך דאָס פֿאַררויכערט אויך.

און עס האָט מיך געכאַפּט דאָס געזעץ און געפרעגט מיך
דעם באַדייט פון געברענטן צייכן אָט דאָ.
— דיין אייגן וואָרט? דיין אייגענער משפט?
האָב איך געענטפערט, יאָ!

איצט איז שוין פאַרביי און ווי דו זעסט מיך, דאָ הענג איך
אין האַלצערנעם רעמל פאַרשפּאַרט,
און איך ווייס נישט אפילו ווי זיי האָבן ערגעץ
מיין פאַרחלומטע האַרץ פאַרשאַרט.

כ׳הענג צום שרעקן פאַר דיר, וואָס אין דיינע אָדערן,
פאַרבייגייער, לעבעדיק בלוט נאָך רינט,
שרעק דיך נישט, פרעמדער, עס איז גאָרנישט שרעקלעך —
און פלאַטער אַרויף צו מיר אויפן ווינט.
— — — — — — — — — — — — — — — —
קומט אַ פויגל געפלויגן און אויגן־דעקלעך
מיטן שאַרפן שנאָבל ער שערט. —
זאָגט דער קאָפּ און שמייכלט: — זע, מיך פרעסן פייגל
פון הימל — און דיך וועלן פרעסן ווערעם פון דער ערד.

הענגט אַ כינעזישער קאָפּ אַ געקעפּטער מיט אויגן פאַרמאַכטע,
אין אַ הילצערן רעמל אַריינגעשטעלט,
הענגט אויף אַ טויער פון אַלט־טיענטסין, וויגט זיך אין ווינט,
שמייכלט און רעדט צו דער וועלט — —

## כונכוזן-ליד אויף די וואסערן פון יאַנג-טסע טייך

וויגן זיך, וויגן, דריי שיפלעך, דריי קליינע,
דריי שיפלעך מיט דריי טויט כונכוזן,
שווארצע די הימלען, שווארצע די וואסערן,
און זאַמדיק די ווינטן, וואָס בלאָזן,

זאַמדיק די ווינטן און ווינטערדיק זענען
די הארבסטיקע מאָרגנס געוואָרן,
מוזן כונכוזן די געגנט פארלאָזן
און אין ווייטע וועלטן פאָרן.

ווייל מען קאָן זיך נישט מער אין די פעלדער באהאלטן,
אין הויכן שטאַנג פון די קאַאָליאַנען,
מוזן כונכוזן די געגנט פארלאָזן
און די פעלדער, וואָס שטאַרבן און וויאַנען.

האָבן די זעקס און דרייסיק כונכוזן.
די כונכוזן, די מענטשן־רויבער,
זייער ליד — אויף די וואסערן, זייער ליד — אויף די ווינטן
צו זינגען אָנגעהויבן.

און עס גליטשן זיך שיפלעך, יאָמערן די ווינטן
צום שטילן, צום ווילדן כונכוזן־ניגון,

און אויף די ברעגעס, אין דערפער אין שטילע,
וויינען די קינדער אין שטריקענע וויגן.

און הינט פון די ברעגעס בילן און וויינען
צו זיי מיט יענוועלטיקע שטימען,
דאָס זענען די טויטע שטימען פון יענע
וואָס זענען דעם זומער אומגעקומען.

פון די הענט פון די דריי טויט כונכוזן.
זיי האָבן זיי אַלע געהאַלטן געפאַנגען,
און שלוחים געשיקט נאָך דעם אויסלייז־דאָלאַר,
ביז זיי האָבן זיי אַלע אויפגעהאָנגען — —

— — — — — — — — — — — — — — — — — — — — — —

העי, מאַמע, מאַמע, דו גרויסע מאַמע,
פון אונז אַלע מענטשן־קינדער,
וואָס האָסטו אונז, מאַמע, אַזעלכע מזלות
געגעבן יעדן באַזונדער.

וואָס האָסטו איינעם אַלצדינג געגעבן
און איינעם גאָרנישט געלאָזן,
און אַז דו האָסט אים גאָרנישט געלאָזן,
איז ער אַוועק צו די כונכוזן.

ווייל אויף דער וועלט זענען רויבער מיר אַלע,
גרויסע מאַמע, אויף דיינע וועלטן,
און מיר כונכוזן, מיר רויבער אָן בושה —
און זיי — זענען רויבער פאַרשטעלטע.

מיר זענען כונכוזן און לערער פון אמת,
און נעכטן ערשט האָבן מיר אויפגעהאָנגען
אַ מאַן, וואָס מיר האָבן אים הונדערט מעת־לעתן
אויף אונזער אָרעם־ברויט געהאַלטן געפאַנגען.

ער וויינט: ווייבֿ און קינדער און זיי האָבֿן ליבֿ אים —
זיי ליבֿן? — דאָס דאַרף מען באַווייזן —
אַ ליבֿע — אַן אמתע ליבֿע דאַרף מען,
מיט געלט דאַרף מען אויסצולייזן —

מיר האָבֿן געוואַרט און געוואַרט, און אַ חודש
אַ גאַנצן צוליבֿ אים לענגער געבֿליבֿן —
און אים אויפֿגעהאָנגען, ווייל נישט באַוויזן
האָט דאָס ווייבֿ אים און די קינדער די ליבֿע — —

און אויבֿ עס האָט זיין ווייבֿ אונז פֿאַר אים
קיין אויסלייז־געלט נישט געגעבֿן,
וואָס דאַרף ער עס האָבֿן, וואָס דאַרף ער עס האָבֿן
דאָס נאַרישע ביסל לעבֿן —

העי מאַמע, מאַמע, דו גרויסע מאַמע,
פֿון אונז אַלע מענטשן־קינדער,
וואָס האָסטו אונז, מאַמע, אַזעלכע מזלות
געגעבֿן יעדן באַזונדער.

— — — — — — — — — — — — —

אין דערפֿער וויינען קינדער אין וויגן
און ווינטערדיקע ווינטן בלאָזן,
ביים דאָרף, צווישן פֿעלזן, זענען נעכטיקן געבֿליבֿן
דריי שיפֿלעך מיט דריי טויט כוונזון.

# האָ־נעי־וואַן און לי־קוואַן־יו

## פעקינער ליבעס־באַלאַדע

האַ־נעי־וואַן וויינט בייטאָג און ביינאַכט
אויף דעם זיידן באַדעקטן בעט,
דער פאָטער וויינט און די מוטער מיט איר,
— נעי־וואַן, וואָס ווילסטו, רעד.

אירע אויגן ווערן גרעסער פון טאָג צו טאָג,
און די זיידענע הויט ווערט פון צער גרין:
— פאָטער און מוטער, שיקט מיך אַוועק
אויף דער אוניווערסיטעט קיין פעקין. — —

דער פאָטער זאָגט יאָ און די מוטער ווינקט צו,
און דער גאָלדענער בודדאַ אין ווינקל — לאַכט.
האָ־נעי־וואַן איז אַוועק און איז אָנגעקומען,
קיין פעקין צומאָרגנס ביינאַכט.

דער טורעם־טויער פון גרויס־פעקין,
מיט דעם שווערן, צום הימל פאַריסענעם דאַך,
האָט געפינסטערט, ווי אַ פאַרגעסן יאָרטוויזנט,
ווי דאָס מויל פון דעם אייביקן דראַך.

ווען ס'איז האַ־נעי־וואַן אויף אַ ריקשאַ פאַרביי
און אַריין אינמיטן דער שטילער שטאָט.

האַ־נעי־וואַן זינגט אַ ליד צו זיך אַליין.
צום טאַקט פון דעם קולים ראָד.

און פּלוצלונג ליכט! אָ, אַזויפיל ליכט,
פּעקין — אָ ליכט פון כינע, ווי העל ביסטו, העל!
טראַכט האַ־נעי־וואַן. דער קולי שטעלט זיך אָפּ:
— פּעקין־האָטעל!

האַ־נעי־וואַן האָט צומאָרגנס די ברוסט פאַרשנירט,
און פאַרוואָרפן דאָס גרינע, זיידענע העמד,
און דאָס שלאַנגען־לאַנגע, בלויע קלייד,
און די האָר — האָט זי היינט מיט אַ רויז פאַרקעמט.

דער ריקשאַ פליגלט מיט דער לייכטער לאַסט
דורך דער מאַסיווער גאָרטן־בריק,
גאָלד־גלאַנצען פון ווייטן די קייזער־דעכער,
האַ־נעי־וואַן איז אינגאַנצן גליק.

דאָרט איז שוין דער דאַך, דער דאַך איז גרין,
האַ־נעי־וואַן טראַכט: האָפענונג איז גרין —
און אירע שוואַרצע אויגן פליען,
ווי שוואַרצע טויבן אַהין.

און עס פלאַטערט איר האַרץ אין ענגן קלייד,
כוואַליעט ווי וואַסער־פלאַך ס׳זיידענע בלוי —
— קאַ־טעי, קאַ־טעי, דו לאַנד, דו, יונג און געליבט!
און געהיימער און שטילער: לי־קוואַן־יו — — —

— קאַ־טעי, דו אור־אַלט, דו אייביק יונג!
לי־קוואַן־יו!! ער וואַרט שוין, ווי אָפּגערעדט
אין געהיים. בלוי־זייד דער מאַנטל און בלויז דער קאָפּ,
ביים טויער פון דער אוניווערסיטעט.

און דאָס לעבן האָט זיך אַ בלעטער געטון,
ווי אַ וווּנדער־בוך, בלאַט נאָך בלאַט,
פאַר ליבע און לערנען האָט האַ־נעי־וואַן
קיינמאָל קיין רגע צייט נישט געהאַט.

און אַז זי האָט ביינאַכט, אין איר צימער אַליין,
אירע טויבן צעלאָזן, אירע בריסטן צעשנירט,
האָבן אַ פלאַטער געטון פון דעם זייד
די געהיימע בריוו פון דעם ליבע־געשפּרעך,
וואָס זי האָט אין שריפט — מיט איר לי געפירט.

נאָר צומאָרגנס האָט אין אַזאַ בריוו לי־קוואַן־יוּ
פון ליבע קיין וואָרט נישט גערעדט:
— האַ־נעי־וואַן היינט נאַכט וועט אַ זיצונג זיין,
„רויט־קאַ־טעי" — געהיימער סטודענטן־קאָמיטעט.

קום האַ־נעי־וואַן, איצט רופט נישט דיין לי,
נאָר דאָס אייביק יונגע כינע רופט!

האַ־נעי־וואַן זעט, ס'האָט געציטערט זיין האַנט,
ווען ער האָט געשטעלט די צייכנס פון דער שריפט.

— קום, האַ־נעי־וואַן, היינט ביינאַכט זייגער אַכט,
צו די פינף בריקן, צום מעשענעם לייב.
קום, האַ־נעי־וואַן, טויזנט מאָל געהיים!
ס'וועט נישט וויסן קיינער, וואָס איך שרייב.

האַ־נעי־וואַן האָט געשמייכלט, האַ־נעי־וואַן האָט געציטערט,
היינט איבער די ביכער, ווי ס'ציטערט אַ בלאַט.
און עס שווערט זיך האַ: לי, לי — פאַר דיר און דיין כינע,
ליבער הונדערט מאָל טויט, איידער איין פאַרראַט.

נאָר געהיימער ווי די ליבֿע פון הא און לי,
איז שוין צוגעגרייט דער געמיינער פּאַראַט:
טשאַנג־קאי־שעק האָט זיין גוואַרדיע אומעטום,
און בײַ יעדן טיש זיין געהיימען סאָלדאַט.

פון די פינף בריקן, פון דעם מעשענעם לייב,
האָט מען זיי איינציקווייז אַוועקגעשלעפּט,
מיט הענט, ווי מיט נעגל פון מעש
איבער נאַכטיקע גאַסן געשלעפּט.

לי־קוואַן־יו איז פאַרטאָגס געקומען צו זיך,
און דאָס בלוט פון די אויגן אָפּגעקלעפּט —
— ווּ איז הא? ווּ־א־הין
האָט מען זי פאַרשלעפּט?

און הא איז געלעגן, צעלעכצט ווי אַ פּאָס,
ווי אַן אומגעוואָרפענער קרוג אויסגעשעפּט,
דריי זעלנער האָבן זי אַהער אין קעלער
אינמיטן דער נאַכט פאַרשלעפּט.

און דערפאַר, צוליבֿ איר, צוליבֿ הא האָבן אַלע
פיר איבעריקע שעה געלעבט —
זעלנער־שטיוול און געשריי: העי!
הויכער טאָג און צייט צו ווערן געקעפּט!

און ווידער גאָלד־גלאַנצן די קייזער־דעכער,
טראַמווייען קריצן, אויטאָס פייפן, ריקשאַס פליען שטיל.
ליס קאָפּ איז פייער און בלוט אינגאַנצן,
ער הערט — דעם מעשענעם לייבס געוואַלטיקן געבריל.

און ער זעט אַ פייער איבער די דעכער
פון פּעקין, ביז שאַנכאַי, ביז קאַנטאָן,
און ער זעט מאַרשירן, מאַרשירן — אי זיך,
אי אַלע פינפהונדערט מיליאָן.

און ער שרייט עס הויך צו הא־נעי־וואַן,
וואָס גייט נעבן אים, אַזוי שטיל ווי אַ טויב.
און זי אָטעמט שווער, און קוים, וואָס זי זאָגט.
— דו רעד — לי־קוואַן־יו — איך גלויב —

דער תלין גייט מיט, אויף דעם אַקסל די שווערד.
אָט שטעלט ער זיך אָפּ. דאָ קעפּט מען — דער מאַרק.
— נומער איינס! — און עס האָט זיך אַ צי געטון
דעם תלינס אָנגעגאָסענער קאַרק.

— נומער צוויי! — הא־נעי־וואַן האָט אַנידערגעקניט
און די דינע הענט אויף דעם רוקן פאַרלייגט —
לי־קוואַן־יו האָט געזען, ווי דער קאָפּ אירער פליט,
און זיינעם, דעם דריטן, אָנגענייגט.

ס׳האָבן זייערע אויגן נאָך איינמאָל זיך
אַן עפּן געטון און פול ליבע אַ קוק,
איידער ס׳האָבן די קעפּ זיך פאַנאַנדערגעקוילערט
אויף דעם הויקערדיקן ברוק.

— נומער צוועלף! — דער גאַנצער קאָמיטעט.
ס׳ווערט דער תלין פאַרטיק מיט דעם לעצטן קאָפּ
און ווישט די שווערד אָן אָן אַלטער שמאַטע,
וואָס ער האָט מיטגעבראַכט — אָפּ.

גייט דער עולם פאַנאַנד זיך, גייט דער מאַרק ווידער אָן,
נאָר יעדער ריקשאַ, וואָס פאָרט פאַרביי — טוט
אַ דריי אָן אַ זייט זיך — נישט צו פאַרשמירן
די לייכטע, גומענע רעדער אין בלוט.

און הא־נעי־וואַנס הויט דורך צעריסענעם קלייד
ווערט דינער, גרינער, ווי זיידנצייג — גרין.
דאָס גרינט די האָפענונג פון כינע
אויף די שטיינער פון פעקין.

# אַ ריקשאַ שטאַרבט אין אַ שאַנכאַיער פאַרטאָג

מיד שלעפט  דער פאַרטאָג זיך אַריין אין שאַנכאַי,
ריקשאַס אין לאַנגע רייען — דרימלען.
זיצן איבער אין דרויסן די נאַכט, קייען אין חלום ס׳פּוסטע מויל,
וואָלקנס אין מזרח בלאָזן — אין מערב בלויען די הימלען.

איינער וויינט. ערגעץ פאָרנט אין דער לאַנגער ריי.
— ווער וויינט צווישן אונז? — מאַן צו מאַן גיט די פראַגע איבער.
— טשאַן־צון־קווי. פאַרוואָס? אויך אַ זאַך. אַ פּוס פאַרשטאָכן.
— איז וואָס? ער שטאַרבט אָבער, ס׳וואַרפט אים אין פיבער.

טשאַן פליט אַרויס פון דער ריי. — וווּהין? פאַרלירסט דאָך די ריי —
איז דיך אַ נישט־גוטער באַפאַלן?
טשאַן לויפט, דאָס וועגעלע טאַנצט הינטער אים.
אַ בודדאַ־הויז. ער בוקט זיך, טוט אויס די סאַנדאַלן.

— מאַך אויף, פאַרשלאָפן פערד! פאַר מיינע לעצטע
דריי קופּערס שטיי אויף און עפן!
איידער ער פּגרט וויל נאָך טשאַן־צון־קווי
זיך פּנים צו פּנים מיט בודדאַ טרעפן.

פאַרזשאַווערטער שליסל גיט זיך אַ דריי,
שווער גיט אַ קרעכץ אַ הילצערנער ריגל.

טשאַן־ווו־שען עפנט ס׳טויער, ס׳מויל צו אַ געגעץ —
בודדאַ וואַכט אויף. אַ שמייכל. אַ טאַנץ גיט דאָס פלעמל אין קריגל.

— דאָ בין איך בודדאַ, ווי איך שטיי און איך גיי,
טשוואָק זשאַווערט אין פוס, אין בויך זשאַווערט הונגער,
הער מיך לייטזעליק אויס, זע, איך האָב גרייט
דריי ברוינע קופערס אין די שוואַרצע פינגער.

נאָך בין איך טשאַן־צון־קווי. — באַלד וועל איך גאָרנישט זיין —
נאָך בין איך איינער פון פינפהונדערט מיליאָנען.
פון דיר וויל איך גאָרנישט, אַפילו נישט קיין לייכטן טויט,
איך וויל דיר נאָר גלאַט אָן מיר דערמאָנען.

אָן מיר, אָן טשאַן־צון־קווי, ערגער ווי אַ הונט. גיב אַ האָלצערנעם שפּיי
אין מיין פנים, עס איז קיינמאָל נישט אונטער אַ דאַך געלעגן,
איך קען עס אַליין נישט, האָב עס קיינמאָל נישט אין שפּיגל געזען,
נאָר שטענדיק אין לוזשעס פון גאַס, אין וואַסער פון רעגן.

אין דער קיאַנגסו־פּראָווינץ הונגערן ערגעץ און דאַרן,
מיינע קינדער און ס׳ווייב, קוואַרן און דאַרן,
דריי קופערס פאַר דריי לעבנס, נעם עס צו ביי זיי,
און לאָז זיי וואָס גיכער אין דער ערד פאַרשאַרן.

און איך וויל נירוואַנאַ. איך — ערגער ווי אַ הונט פון גאַס,
אָט האָב איך מיין פוס מיט אַ זשאַווערדיקן אייזן צעריסן,
עס ברענט מיך די היץ, און קיינער
וועט מיך נישט אפילו פון רחמים דערשיסן.

אָבער ווען טשאַן־צון־קווי וואָלט אַ הונט געווען,
וואָלטן מענטשן מיט וואַסער זיין וווּנד באַגאָסן,
וואָלט מען אַ ביין אים דערלאַנגט צום קייען
און הינטערוויילעכץ מיט רחמים דערשאָסן.

שמייכל נישט, בודדא, וואַך אויף, טשאַן איז נישט רייך,
ער קאָן קיין דריי קופּערס אומזיסט נישט געבן,
ער וויל באַצאָלן און ענדיקן, טשאַן האָט עס פאַרדינט.
מאַך אויף די האָלץ־האַנט, טשאַן וויל דיר געבן זיין לעבן.

בודדאַ דערהערט, שטרעקט אויס די  האַנט, באַלד שמייכלט ער ווידער,
טשאַן־צון־קווי שטרעקט זיך אויס און שמייכלט בודדאַן אַנטקעגן,
דער ערשטער און לעצטער שמייכל אויף דעם פּנים,
וואָס פלעגט זיך נאָר שפּיגלען אין לוזשעס פון רעגן.

טשאַן־וווּ־שען, דער דינער, גייט צו מיט געבייזער,
נעמט די קופּערס אַרויס פון דער האַנט, דער פאַרקרומטער,
שפּעטער שלעפּט ער דעם טויטן ביים פוס, ביים געזונטן;
— ווּ טוט מען אהין אים? — ציט ער די אַקסלען, ברומט ער.

# די ווייסע גרעפין און דער געלער ריקשאַ-קולי ביים פוטשאַו-טייך

נאָך שטייט פעטראָגראַד , ווי אַ שיכור אויף די לעצטע, וואַקלדיקע פיס,
צפון-ווינטן, הונגעריקע וועלף, וואָיען און בלאָזן.
פעטראָגראַד פאַלט, אין געפאַנגענשאַפט גייט דער צאַר
אין אַן עסקאָרטע פון רויטע מאַטראָזן.

פעטראָגראַד פאַלט, אויף גיך פאַקט גרעפין מאַריאַ אַנדרעיעווונאַ
דיאַדעמען אין די שוואַרצע וואָלענע ווינטער-זאָקן,
די פענסטער פאַרשטעלט, זי וואַרט אויף נאַכט, אַנגלאָקנדיק פאַרפאָרן די
שליטן,
נאָך אין דערזעלבער נאַכט פליט זי קיין פינלאַנד — זי קוקט זיך אום
און הערט ווי אין פעטראָגראַד ווערן איינציקווייז אַנטשוויגן די גלאָקן.

פון פינלאַנד מיט דעם ים קיין פראַנקרייך, קיין פאַריז —
דאָרט איז שוין אַן אויפגעלויף, ווי ביי אַ וועלטן-שריפה. די גרעפין
דינגט אין עלעגאַנטן
האָטעל אַ סאַלאָן. זי שלאָפט ביטאָג, זי לעבט ביינאַכט,
זי בייט אויף פאַפיר דאָס גאָלד און אויף גאָלד די בריליאַנטן.

אין שווערן, בלוטיקן זיגזאַג גייט די וועלט — שריט ביי שריט —
באַרג־אַרויף —
מאַריאַ אַנדרעיעווונאַ שניידט די הערצער פון אירע געליבטע, ווי מיט
אַ הערצער־גילאָטינע —

פאַריז ווערט איר ענג — זי וויל די וועלט, צעבייט דעם לעצטן בריליאַנט,
אַנטלויפט מיט דעם לעצטן ווייסן קניאַז־גענעראַל — קיין כינע.
שאַנכאַי — אַוועני זשאָפר, קליין־פּעטראָגראַד און קליין־פּאַריז, גאַלאַ־באַנקעט,
גרעפין מאַריאַ וועט רעדן, זי רעדט — אַ כוס פון פייער־וואַסער אין די הענט, אין די פייער־רויטע ליפּן — פייער,
טייל געסט שטייען נאָך אויף די פיס, טייל שוין מיט אויגן פאַרגלייזטע — די דריטע כראַפּן אונטערן טיש —
— ער איז שוין דאָ, אָט באַלד וועט ער מוטערל רוסלאַנד באַפרייען, דער הייליקער באַפרייער!

אַלע וואָך איז גרויסער צוזאַמענקום אין קלוב אויף אַוועני זשאַפּר,
גענעראַלן קומען און פאָרן, אָט באַלד — עס ציטערן די געמיטער —
ער קושט מאַריאַס געלן שטערן מיט פייערוואַסער־ליפּן, בלויע, פאַרברענטע;
— נישט געזאָרגט, געליבטע, מיט גלויבן דאָס לעצטע גאָלדשטיק צעביטן! — —

צומאָרגנס איז ער אַוועק קיין כאַרבין, דאָרט איז דער אמתער שטאַב,
אין קלוב איז שטיל געוואָרן, ביי דער טיר זיצט דער קולי, אין געלן פּנים גרויסער גענייץ —
אַ בריוו פון אויסלייזער: גרעפין, געלט! ער איז שוין נאָענט פון ציל —
די ווייסע אַרמייען וועלן באַלד ווי ווייסע אָדלערס פליען איבער רוסלאַנדס אייביקער הייליקער גרענעץ — — —

מאַריאַ ענטפערט נישט, נישטאָ אויף קיין מאַרקע. זי איז ניכטער אין די טעג און שלאָפט נישט אין די נעכט,
זי כאַפּט אַ ריקשאַ, אַ זעץ אין זיין דאַרן הינטן מיט שפּיציק קליינעם פיסל:
כיו! — אַ פייף אָן אַ וואָרט, דער קולי יאָגט פאָרויס לענגאויס די זשאַפּר־אַוועני,

ער סאַפּעט, פּאַרעט, ווי דאָס לײַב וואָלט אין אים געקאָכט, ער קוקט
זיך אום ווי אַ דערשראָקן פֿערד. אַ שפּיציקער זעץ: ווייטער אַביסל!

די גאַסן שטראָמען ווילד, איבער פאַרנאַכטיקן הימל בליצן שוין
בלוי־רויט־גרין־פּיאָלעט

גרויסע, כינעזישע רעקלאַמע־נעאָן־ליכט־היעראָגליפֿן,
בערדיקע שיקס, אינדישע פּאָליציאַנטן קירעווען מיט פּופּציק טויזנט
אויטאָס,
שיכורע מאַטראָסן אויף די גאַסן — פֿון פערציק פֿעלקערס שיפֿן —

סעטשואַן־גאַס, דער קולי קוקט זיך ווידער אום, שפּיציקער זעץ, נאָך,
נאָך, נאָך!
— אם אדאַ! סטאָפּ קולי! אַ שפּרינג אַראָפּ. וואַרט, קולי — איך דאַרף
מיין געלט צעבייטן! —
— דאַ זדראַווסטוויעט גרעפֿין מאַריאַ אַנדרעיעוונאַ! — עס ציטערט
פֿון פֿרייד
דער באַר צום „קרעמל“. — העי, אויפֿגעשפּילט זאָל ווערן, ווי אין די
בעסטע פּעטראָגראַד־צייטן!

איוואַנאָוו עקט זיך אַזש און שרייט: גרעפֿין, דאָס הייסט פֿאַרייניקט
הייליק רוסלאַנד,
אויף אייער געזונט, אויף רוסלאַנדס גליק, איוואַן איוואַנאָווס איינציקע
פֿאַרלאַנגען! —
דער ריקשאַ איז שוין פֿון לאַנג פֿאַרטריבן געוואָרן, ווען מאַריאַ איז
פֿאַרטאָג
פֿון באַר אַרויס, און ניכטער מיט פֿעלדפֿעבל איוואַנאָוו דעם ערשטן
טרעפּ אַראָפּגעגאַנגען —

און פֿון יענער נאַכט אָן — נאַכט נאָך נאַכט — פֿון דער סעטשואַן־גאַס
טיפֿער, טיפֿער —
ביז צו די ברעגעס פֿון פֿוטשאַוו־טייך, טרעפּ נאָך טרעפּ — אַלע טרעפּן —

אין קלוב איז פּינסטער, אפילו דער קולי זיצט שוין נישט מער מיט זיין געניץ,
בּיים טויער שטייט דער סעקרעטאַר: געענדיקט גרעפין, נישטאָ שוין פון וואַנעט צו שעפּן.

יאָרן גייען, לויטער נעכט, שוואַרצע יאָרן, די גרעפין שטייט אויף פאַרנאַכט,
זי קאָן שוין נישט עסן מער, זי טרינקט בלויז און איז אייביק ניכטער,
קיין ריקשאַ וויל אומזיסט נישט ציען — זי גייט און גייט — אָט איז טשאַ־פּעי, כינעזער־שטאָט —
דאָרט ווו עס ענדיקן זיך די פאַרביקע סיטי־ליכטער.

פּינסטער און גליטשיק איז אין טשאַ־פּעי, צען פרויען בּיי יעדן צעבּראָכענעם לאַמטערן,
הייסע נאַכט־ווינטן, מען קאָן נישט איינשטיין אויף די פיס, זיי בלאָזן,
פון וואַנג־פּו און פון יאַנג־טסע־טייך — מאַריאַ שטייט און טראַכט:
— כאָטש א וואָרט צו רעדן, כאָטש צו איינעם פון די געלע מאַטראָזן —

די גרעפין איז קראַנק, זי שטייט בּיים לאַמטערן
און פּודערט מיט קרייד די קרעץ אויף די בּרעמען,
די פאַלדן אין דער רויטער נאָז — זי שפּייט און זי שעלט —
זי טראַכט: וואָלט איך כאָטש וויסן וועמען — — —

גרעפין מאַריאַ אַנדרעיעווגאַ דאַלסקא גייט די לעצטע
טרעפּ שוין אַראָפּ — נאָך ווייטער פון דעם טונקעלן ליכט פון לאַמטערן —
צום גראָז בּיים בּרעג פון פּוטשאַוו־טייך, גאַנץ ווייט די ליכטער פון דער שטאָט,
און איבּער איר דאָס ליכט פון די שטערן.

קומט א קולי לאַנגזאַם מיט זיין ריקשאַ אָן. זיין צייט. ער פאָרט אַהיים.
— בּאָי, קום אַהער! ווילסטו דיך אפשר אַבּיסל לייגן? —

ער הערט די שטימע, ער זעט זי נישט, ער ציטערט, קומט נענטער,
וויקלט אַ זשמעניע קופּערס אויס,
באַצאָלט פאַרויס, ער פירט זיך אַזוי, און נעמט זי אַרום אין פּייכט־הייסן,
נאַכטלעכן שווייגן.

— זאָג עפּעס! רעד עפּעס! זאָג עפּעס! — זאָג מיר — ווי הייסטו?
— טשו־וואַ־סינג — — — טשו־וואַ־סינג, מיין געליבטער, דו ביסט
אַזאַ גוטער!
זי רירט אָן די אָדערן פון זיינע פיס און דאָס ריקשאַ־האַרץ זיינס, וואָס
שלאָגט, ווי אַ האַמער — —
— נעם דיינע קופּערס צוריק! זאָגט טשו־וואַ־סינג: — דו ביסט אַזאַ
גוטע, ווי מיין אייגענע מוטער —

— נעם מיך צו דיר אַהיים, טשו־וואַ־סינג, איך בין אַזוי איינזאַם,
טשו־וואַ־סינג, וואָס קאָן עס דיר שאַטן?
כ'וועל דיר קאָכן רייז, כ'וועל דיר אָנגרייטן טיי,
און דיינע פּאַנטאָפל און הויזן פאַרלאַטען —

— אַ הונט בין איך און איך האָב נישט קיין היים, ווו איך ליג איז מיין
היים, אָט איצט איז זי דאָ —
און איך בין גענוג מיך אָנגעלאָפן
קויף איך מיר רייז — און דאָ, ווו עס לאָזט זיך
לייג איך דעם קאָפּ אַוועק, די פּאָר שעה אַדורכצושלאָפן.

און גרעפין מאַריאַ רעדט און רעדט און גלעט טשו־וואַ־סינג.
ער פאַרשטייט נישט קיין וואָרט מער: — הייליקע מאַריאַ, גוטע מוטער,
איך דאַנק דיר, וואָס דו האָסט אַלץ ביי מיר גענומען, אַזוי איז אונז
אַלע געקומען,
און איך דאַנק דיר פאַר דעם לעצטן מענטש — ווייל דער לעצטער איז
אַ גוטער —

און זי קניט אַנידער נעבן טשו־וואַ־סינג,
הילט איין איר פּנים מיט זיינע הענט, די נאַסע פון שוויס.

זי וויינט — — טשו־וואַ־סינג וועט שוין גאָרנישט מער,
ער פילט נאָר אין זיינע מיד־וואַרעמע הענט דאָס טרערן־וואַסער, דאָס
הייסע.

טשו ווייס אַליין נישט מער, וואָס ער טוט, ער האָט אויף זיינע הענט
די גרעפּין אין זיין ריקשאַ אַריינגעהויבן,
און ער פירט זי ביים ברעג, פירט זי שריט ביי שריט — און זי טראַכט:
איצט דאַרף מען גיין אַהיים צוריק און אָנהויבן פון דעם לעצטן מענטש
— ווייל איצטער איז ווידער דאָ גלויבן.

זי שלאָפט איין אין שטילן ריקשאַ־געוויג און אין שלאָף זעט זי אויף
דעם הימל פליען,
צוויי גרויסע, בלויע, כינעזישע היעראָגליפן,
זי זעט אין חלום, ווי טשו־וואַ־סינג טייטלט מיט די פינגער אַרויף און
לעזט.
— דעם לעבנס אמת איז אין די טיפן — —

און ווידער זעט זי: טשו־וואַ־סינג — הענגען אויף אַ קרייץ —
זי קניט אַנידער נעבן אים, בלוט־טראָפנס פון זיינע ווונדן טריפן —
זי הערט, ווי טשו־וואַ־סינג קרעכצט: גאָט, מיין גאָט — וואָס האָסטו
מיך פאַרלאָזן —
זי רעדט עפּעס צו אים — טשו ענטפערט: קיינער נישט, קיינער וועט
דיך מער נישט רופן — — —

זי זעט דורך די ווונדיקע אויגן די שיין אויף טאָג. — טשו־וואַ־סינג
געליבטער, סטאָפּ!
זי גייט אַראָפּ — טרעפּ אַראָפּ, צום געדיכטן פוטשאַו־טייך. אין מזרח
טאָגט, אין וואַסער ווידערשיין פון לעצטע נעאָן־ליכטער.
— ווו גייסטו? זאָל איך דיך פירן? — צום גרויסן ריכטער גיי איך,
דאָרט מוז איך גיין אַליין —
— אָבער דאָרט איז דאָס וואַסער דאָך! — אין וואַסער איז דער גרויסער
ריכטער.

## בודראַ קויפֿט זיך אַ זונה פֿון אַ סאַמפּאַן
## אויף די וואַסערן פֿון קאַנטאָן

עס איז אַ געשיכטע פֿון דער שטאָט קאַנטאָן,
אַ געשיכטע פֿון דעם טאָגטעגלעכן מין,
פֿון דעם כינעזישן פֿאָלק אויפֿן וואַסער,
אַרום דעם קאָנצעסיע־אינזל שאַ־מין.

צוועלף דורות שוין, און אפשר שוין מער,
ווי זיי לעבן דאָ, אַרום שאַ־מין,
בײַ די רודערס אַרבעט דאָס ווײַב און די טעכטער,
און ווי קולי־טרעגערס, בײַ די שיפֿן — די זין.

אויף קייטן בינדט מען אָן די קינדער אין דער פֿרי,
צוזאַמען מיט די מאָגערע הינט,
דעמאָלט שפּאַנען זיך די מענער אין דער אַרבעט אײַן,
און די זעגלען פֿון שיפֿל שפּאַנט מען אין ווינט.

זיבן קינדער זענען אויף דעם סאַמפּאַן
פֿון דעם אַלטן שיפֿס־קולי לאַ־שין־פּאַ,
זעקס זענען אים געבוירן געוואָרן,
יונגען — אין אַ מזלדיקער שעה.

נאָר אַ זיבעט קינד איז אויכעט דאָ,
אַ מיידל, און מען רופֿט זי יע־נעי־פּאַן.

און פון איר ערשטן טאָג איז זי
דאָס אומגליק פון גאַנצן סאַמפּאַן.

מען בינדט זי אויף און מען בינדט זי צו,
צום רודער אויף דער קייט,
אַ בלינדע און אַ מיידל, און כאָטש וואַרף זי אין וואַסער,
זי שטאַרבט נישט יונגערהייט.

און שיינער ווערט זי — יעדן טאָג יע־נעי־פּאַן,
כאָטש מען שפּייזט זי נאָר מיט קאַלט וואַסער און רייז.
די גרויסע אויגן בלינד־הימל־בלויע,
בלוי־שוואַרצע האָר, און די הענט ווי פּאָרצעלאַן ווייס.

זאָגט דער פֿאָטער צו דער מוטער אין איין הייסן טאָג:
— מען מוז טון וועגן יע־נעי־פּאַן אַ טראַכט,
דאָס מיידל וואַקסט — וואָס וועט זיין איר סוף,
אויב איך האָב נישט קיין טעות — איז זי שוין אַ יאָר אַכט.

זאָגט די מאַמע: עס איז טאַקע שוין די העכסטע צייט
עפּעס צו טון מיט אָט דעם קינד.
און אין אָוונט ברענגט דער טאַטע אַן אַממאַ.
זאָגט די אַממאַ: אָט דאָס? אָט דאָס מיידל איז דאָך בלינד.

שמייכלט פֿאָטער און זאָגט: האָב איך דען געזאָגט,
דיר, אַממאַ, אַמאָל, אַז יע־נעי־פּאַן זעט?
און ער שמייכלט ווייטער: — נאָר קוק זי אָן — קוק די סחורה אָן —
און ער בינדט זי אָפּ פון דעם רוקן־ברעט.

אַ טעיל אַהין, און אַ טעיל אַהער,
דער סאַמפּאַן האָט זיך שיער נישט איבערגעקערט.
— דאָס לעצטע וואָרט: צוואַנציק! קיין קעש נישט מער,
דיין סחורה איז טאַקע מער נישט ווערט!

יע־נעי־פּאַן האָט געקוקט מיט די בלוי־ווייסע אויגן
און שווייגנדיק יעדעס וואָרט געהערט.
איין קוש טוט די מאַמע — איין קוש און מער קיינער —
— מסתּמא בין איך מער נישט ווערט.

מיט די אויגן אָפן — דאָס ערשטע מאָל
גייט יע־נעיפּאַן פון איר טאַטנס סאַמפּאַן. זי גייט און זי גאַפט
פון סאַמפּאַן, פון די קינדער־יאָרן אַרויס,
גלייך צו דער אַממאַ אין געפאַנגענשאַפט.

די אַממאַ איז אַ גוטע און צו עסן גיט זי,
און עס עסט יע־נעי־פּאַן און זי וואַקסט אַזוי שיין.
טראַכט די אַממאַ און קוועלט: זי זעט טאַקע נישט, אָבער זען זעט מען זי,
זי איז שיין ווי בודדאַס געליבטע אַליין.

אַזוי זענען אַוועק אויף דעם פאַרביקן אַממאַ־סאַמפּאַן,
יאָרן שטילע, יאָרן גאַנצע פיר —
זאָגט די אַממאַ אַמאָל. יע־נעי־פּאַן, מאַך דיך שיין אויף היינט נאַכט,
דו ביסט צייטיק און היינט וועט מען קומען צו דיר.

זיצט יע־נעי־פּאַן אויף דער פאַרביקער שטול אין סאַמפּאַן,
ווי בודדאַ דער שיינער, שיין און פאַרשטאַרט,
ליכט איבער איר אין דער היץ פון דער נאַכט,
זי בליט און זי גליט צווישן די סאַמפּאַנען — און וואַרט.

דאָס געל־טוכלע וואַסער אַרום איר סאַמפּאַן
שמעקט איצט — געווירציקער פעקין־פּערפום,
זי בליט אויף דעם בעכער פון איר סאַמפּאַן
ווי בודדאַ אין דער געשטאַלט פון אַ בלום —

אַ שיפל שיפט צו, יע־נעי־פּאַן גיט אַ ציטער;
— אָט איז ער, וואָס איז איר באַשערט — —

די אממא גיט א שפרונג ווי א שפין און זי דינגט זיך:
— א יונגפרוי! — נו, איז וואס? — אבער בלינד! — גוטע פופציק
ווערט!

גיט יע־נעי־פאן א שמייכל און זי זאגט
נאך זיסער, ווי די אממא האט זי געלערנט:
— אבער ליב האב איך דיך, אזוי היים, דו מיין שיינער —
זאגט דער אלטער: פאר מיר איז זי אפשר טאקע ווערט — — —

רוקט די אממא באלד דעם פארהאנג דעם פאווע־פארביקן צו,
און פארלעשט דעם לאמפ און זי רודערט ארויס
דעם סאמפאן, אין א שטילן ווינקל פון ים. שטיל ציטערט יע,
און טוט פארזיכטיק אירע קליידעלעך אויס.

— כ'האב דיך ליב, כ'האב דיך ליב, אזוי היים, אזוי היים,
און דאס הערצל ווארפט זיך, ווי א פויגל אין שטייג.
זאגט דער אלטער און צאפלט: מיין פייגעלע, פייגעלע —
איך וויל קושן, יע־נעי־פאן, און דו — בעסער שווייג — —

גיט דאס הערצל א פלי פון דעם שטייגל ארויס —
און ווערט שטיל, און דאס שטייגל ווערט הויל —
און עס כאפן זי אן צוויי נאס־אלטע הענט,
און עס קייט אירע ליפן אן אנצייניק מויל — —

פארטאג איז דער אלטער אנטשלאפן געווארן,
און יע האט דאס פארהענגל אפגערוקט,
און אטעם געכאפט און מיט בלוי־בלינדע אויגן
אין דער אויפגייענדיקער זון געקוקט.

איז דעמאלט איבער די וואסערן צו איר
געקומען אין ווייסן א שטילער מאן:
— עפן אויף דיינע אויגן — עפן אויף און זע!

און זי עפנט
און זי זעט
— אים —
יע־נעי־פאַן.
נאָר זי זעט נישט מער, נאָר דאָס וואָסער זעט זי,
און דעם מאַן —
און איבער אים —
די זון —
גייט די אַממאַ ארויס, זעט דעם מאַן און זאָגט:
— צו שפּעט!
יע־נעי־פאַן דו ביסט דאָך פארקויפט, ווייסטו דען נישט דערפון?

זאָגט דער מאַן צו דער אַממאַ:
— איך וועל געבן דיר מער,
יע־נעי־פאַן איז מער ווי אַלע פרויען ווערט!
כ'וועל דיר געבן פאַר איר —
פאַר מיין —
געליבטער — —
דעם ווערט פון אַלע פרויען פון דער ערד — —

זאָגט די אַממאַ: איז גוט, טאָ נעם זי דיר —
און יע־נעי־פאַן גייט —
איר געליבטן נאָך —
גייט גלייך —
אין וואָסער אריין — —
בודדאַ איז געווען דער מאַן —
בודדאַ דער פאַרליבטער —
און יע־נעי־פאַן —
איז געגאַנגען אין וואָסער אריין —
בודדאָס —
בודדאָס אליין —
געליבטע צו זיין.

# ליבע און טויט ביי די לעפערס אויף סומאַטראַ

פון די בערג פון סומאַטראַ, פון באַטאַקישע דערפער,
פון פאַרענדיקע טראָפּישע זומפּן,
אויף אקסנוועגן צוזאַמענגעקליבן
האָט מען זיי — די געוועזענע מענטשן, די פליישיקע קלומפּן.

אויף דעם האַלבן וועג פון מעדאַן און בעלאַוואַן
אַ צוים פון דזשונגל־פּאַלמען אונטער הימלען בלויע און בלאַנקע,
די זון מעג דאָ פון אויבן אַריין, דער טויט פון אונטן אַרויף,
מער קיינער נישט — ס׳איז אַ לאַגער פאַר טויזנט לעפּראַ־קראַנקע.

זעלטן ווער רעדט דאָ איינער צו איינעם, קיינער פאַרשטייט נישט קיינעם,
און רעדט ווער — איז צו זיך — אויף אַלע אַזיאַטישע שפּראַכן,
קיינמאָל לאַכט דאָ נישט קיינער, מיט פאַרפוילטע מיילער
קאָן דאָ קיינער נישט לאַכן.

ווער אַ קלומפּן רייז, ווער אַ בוך מיט טאַמילישע
שריפטצייכן האָט ליגן נעבן זיין האָלצערנעם קישן
אויף דעם ברעטערנעם געלעגער — אָנפינגערדיק און אָן די סטאָפּעס,
די נאַקעטע ביינער אַרויף, פּירפּיסיק צוריק... ווי איבערגעקערטע טישן.

---

אין גרויסן וונדן־פּאַוויליאָן איז היינט פּרי אַ הייסער גערודער
צווישן די זיבעציק לעפּרא־מענער:
— זי קומט! — זי איז דאָ שוין! — איז וואָזשע, פאַר דיר, פּאַרפוילטער הונט?
און ער קוקט אין שפּיגל־שערבעלע און ער זעט ,אַז ער איז טאַקע שענער.

מען האָט זי געבראַכט היינט פרי פון דאָרף. די גלידער נאָך גאַנץ,
נאָר דער משפט איז געשריבן מיט לעפּרא־פלעקן אויף אירע באַקן.
דער טויער האָט זיך אויפגעמאַכט און — צוגעמאַכט צוריק.
הינטער דעם מיידל פון דעם שווערן שטאָם פון די באַטאַקן.

אויפן קאָפּ דער הוט, אַ טוכענער, שוואַרצער קישן,
ווי אַלע באַטאַק־פרויען טראָגן. רעכטס און לינקס צוויי שפּיציקע עקן.
דאָס ערשטע איז אַ באָד, עס געפעלט איר דאָ, אין דער זון גלאַנצט איר לייב,
נאָר ווי אויף אָנגעפוילטע עפּל — אויף די עפּל פון אירע בריסט — לעפּרא־פלעקן.

ווער אויף אַלע פיר, ווער אויף די קניען, ווער אויף די גאַנצע פיס,
שטייען מענער און קוקן צו די פרויען אריין דורך די דראָטענע צוימען,
און זאָגן. דאָס איז זי — — דער גאָט פון אַלעמענס ביינאַכטיקע,
הייסע לעפּרא־טרוימען.

ווייל אַזוי איז די וועלט, אַז דער גאָט, וואָס שלאָגט זיין מענטשן־מין,
וואָס ער ווייס נישט געווי, וואָס ער איז דערמיט אויסן,
האָט די לעפּרא־קרענק געשאַפן אַזוי, אַז די גלידער פוילן שטיקווייז און איינציקווייז,
נאָר נישט די אויגן און נישט די שויסן.

די אויגן פון דער מחנה ברענען, קיינער רירט זיך נישט צו היינט צום עסן,
קיינער לאָזט זיך היינט נישט איבערבינדן

די לעבער אין לייב. די הערצער פּלאַקערן פון וויי,
שמערצלאָז רינען די ווונדן.

זיי וואַרטן אין הויפּזאַמד דעם דאָקטאָר אָפּ, וואַרטן אינאיינעם,
אַ פאַרפלאָכטענע מאַסע פון וואַסער־שפּינען,
זעכציק דער עלטסטער, פופצן דער יינגסטער,
די זון פּלאַקערט מיטאָג, טרוקנט די ווונדן, וואָס רינען.

— ראַפּאָרט! דער דאָקטאָר גייט! (אַלע טאָג נאָר איינער, צי צוויי,
וואָס האָבן אַ ווונטש נאָך) היינט אָבער, נישטאָ זיך וואָס צו שעמען:
דאָקטאָר, גיט זי מיר, גיט זי מיר, מיר, מיר מיר, מיר, מיר!
זיבעציק פּאָר הענט אָן פינגער ווילן דאָס מיידל נעמען.

און דער גאָט, וואָס מען ווייס נישט, וואָס ער איז אויסן
מיט זיין וועלט — האָט געטון דאָס גרויסע ווונדער,
אַז פון די צעפּאַלענע לעפּרא־שויסן ווערן, ווי ביימלעך אין מיסט,
געבוירן ווי ביימלעך געזונטע — די ברוינע לעפּרא־קינדער.

און דער דאָקטאָר איז אַ גרויער, אַלטער אָפיציר
פון די סאַלוועישאָן־אַרמיי מיסיאָנערן;
הויבט ער אויף די הענט צו גאָט, נאָר עס העלפט אים נישט,
דריקט ער זיך פון פאַרצווייפלונג מיט די פויסטן דעם שטערן.

און די מענער אין קראַנץ ווי אַ טאַנץ אַרום אים —
שרייען זיך איבער און איבערלויבן
זיך איינער פון אַנדערן. העכער און העכער ביז אַלע האָבן
די גלידער, ווי שפּיזן פון פלייש צום דאָקטאָר אויפגעהויבן.

מאַכט דער דאָקטאָר די אויגן אויף מיט אַ שמייכל — און צעפּאַלענע ליפּן,
וואָס האָבן שוין לאַנג פאַרגעסן דאָס לאַכן.

שיסן אין אַ געלעכטער אויס: — ער גיט זי מיר — מיר — מיר — מיר —
מיר —
מיר — מיר — מיר — וואָס דען זאָל ער מאַכן?!

און צווישן די מענער, יאַוואַנער, מאַלאַיער און סומאַטראַנער,
שווייגט איינער — אַ זון איז ער פון דעם שטאַם פון באַטאַקן.
כאַפּט די האַנט פון דאָקטאָר אָן מיט זיין האַנט, ווערט אויף איר אַ פלעק
פון בלוט,
און עס ווערן פון שרעק נאָך ווייסער דעם דאָקטאָרס בלייכע באַקן.

— גיב זי מיר, גיב זי, דאָקטאָר, מיר צוריק, ווייל זי איז מיינע געווען!
און ער שרייט: — גיב זי מיר, ווי דיר איז ליב דאָס לעבן!
און דער דאָקטאָר רייסט זיך פון קרייז אַרויס. אַלע ציטערן, ער אויך,
אַלע הערן און ווערן טויט צוריק: — איך וועל זי קיינעם נישט געבן!

---

נאַכט אין מעדאַן, בעלאַוואַן און אויף גאַנץ סומאַטראַ,
די פּאַלמען אָטעמען שטיל און עס שפּרינגען אום די קאַמעלעאָנען.
אין די ווייסע נאַכט-קליידער איז אויפן הימל אַרויף
די גרויסע שלאָפלאָזע טראָפּישע סומאַטראַ-לבנה.

אויף די האָלץ-געלעגערס אָטעמען הייס
די לעפּערס אין ליבעס-פיבער פון די טראָפּן,
די מענער, ווי נאָך אַ שלאַכט — די פרויען שטילע —
חלומות ווילדע אין קעפּ און פינגערלאָזע הענט צוקאָפּנס.

גאָר דער יונגער באַטאַק אין דעם מענער-פּאַוויליאָן
הויבט זיך אויף פון דער שורה ברעטערנע בעטן
און לייגט זיך אַנידער אויף דער ערד — אין דער האַנט אַ מעסער,
און די ליפּן אַ געבעט צו אַללאַהן, זיין נביא מאַהאָמעטן.

ער קריכט ווי א חיה אויף אַלע פיר, נעמט דאָס מעסער צווישן די ציין,
דורך דעם צוים פון דראָט, ווי א גרויסע קאַץ צום פּאַוויליאָן פון די
ווייבער,

דורך די אָפענע טירן און פענסטער גיסט זיך דאָס שטילע ליכט,
און א שטילער ווינט קילט ביינאַכטיק די וווּנדיקע לייבער.

זי שלאָפט נישט, דאָס נייע מיידל פון דעם שטאַם פון באַטאַקן,
שפּרינגט אויף און ווערט פאַרשטיינערט ווי א לאַם פאַר טיגער־ציין, —
מיט דעם מעסער
אין די ציין שניידט ער איר אויף דעם האַלז, אין די הענט קאָן ער מער
קיין מעסער נישט האַלטן;
ווידער ווערט שטיל. — א לויב דיר אַללאַה — איצט איז ווידער בעסער.

ער שלייכט צוריק, ווי ער איז געקומען,
אויף אַלע פיר. און שטיל, ווי זיין אייגענער שאָטן,
לייגט ער זיך צוריק אויף דעם געלעגער. ער וויינט און דאַווענט —
— אַללאַה, אַללאַה, כ׳האָב געטון דאָס געזעץ פון באַטאַקישע בלוטן.

אין דער פרי האָט ער צום דאָקטאָר געלאַכט:
— איך נישט, נאָר קיינער וועט זי מער נישט האָבן —
מען האָט אים געמשפּט אין בעלוואַן און אויפגעהאָנגען אין מעדאַן,
און אויף דעם לעפּרא־בית־עולם נעבן זיין מיידל באַגראָבן.

און ווייטער גייט אָן ביי די לעפּערס דער טעגלעכער טויט,
דעם מלאך־המות טעגלעכע ברויט,
און ווייטער פוילן די גלידער, גליען די אויגן, ברענען די שוויסן,
און גאָט קומט דאָ קיינמאָל נישט אַהער,
ווייל דאָ ווייס אַליין אויך ער נישט מער,
וואָס ער איז מיט דעם גאַנצן לעבן אויסן.

# בּודדאַ אין אַ סייגאָנער אָפּיום-בּודע

געלע געגאַרבטע הויט, דין אָנגעצויגן אויף שלאַבּריקע סקעלעטן,
ליגן אין צוויי לאַנגע רייען אינדאַ-כינעזער אויף בּרעטענע בעטן.

די הענט אויף די פּנימער. פינגער — בּיינערנע קראַטעס אין
נשמה-תפיסות.
זיי רויכערן אָפּיום-פּייקעס. געשטאָרבן דאָ — אויפגעשטאַנען דאָרט
אין חלומות זיסע.

אַ לעמפּל נעבן יעדן מאַן. אויף די לעמפּלעך פּרעגלט
יעדער זיין אָפּיום — צוויי שורות לאַמפּאַדעס, צוויי שורות ישוס צו
ליידן צעגענעגלט.

איינער האָט זיך אויפגעזעצט, אַרומגענומען מיט די הענט די קניען,
די אויגן פלאַקערן, ער רעדט, צום נביא רעדט ער — זיינע ווערטער
גליען —

דער נביא אַנטלויפט. ער הויבט זיך אויף אײַנגאַנצן, ער וועט אים נישט
לאָזן פון דאַנען!
פּלוצלונג פאַלט ער אויף די בּרעטער, גיט אַ זעץ דער סקעלעט. ער איז
ווידער אין דער נירוואַנאַ.

אָט יענער אין ווינקל ווײנט און ווײנט, מדבר־ווײנטן זאַמדיקע, קודלאַטע וועלף וואָיען
דורך זײַן געוויין, קינדער שרײַען, עס קרעכצן אוממעכטיקע, לאָמע פרויען.

זײַן געבײַן ציטערט ווי שרויט וואָלט געקלאַפּט אָן די ברעטער. און ווידער שפּאַרן
זיך הונדערט קולות אויף זײַן מויל, און טיפער ציט ער און ציט דעם רויך, דעם בלוילעך־אומזיכטבאַרן.

אײנער איז פּלוצלונג אויפגעשטאַנען. ער וועט אַהיימגיין. ער זוכט דאָס רונדע היטל מיטן רויטן קנאָפּ. ער האָט באַשלאָסן.
נײַן! ער קאָן נישט — — העי, נאָך פּאַר צען סענט! ער בריט דעם אָפּיום און ווײנט, דאָס גאַנצע פּנים מיט טרערן פאַרגאָסן.

דאָרט ליגט אײנער, ציט די ברעמען — זיס, ווי מיט אַ ווײַב אַרומגענומען.
אָט קושט ער זי, די ליפּן זוכן אירע ליפּן, אָט איז ער אוממאַכט ווידער, די ליבע איז אים שוין פאַרבײַגעקומען.

דער באַלעבאָס בײַ דער טיר שטייט אויף. ר׳האָט עמעצן דערזען דורך דער טיר, דורך די פאַרביקע גלעזער.
— אַרײַן! בעסטער אָפּיום־סאָרט בײַ מיר! — אַ טונקל פּנים, פרעמדע, אַלטע טראַכט, ווײַזט אויס — נישט קײן אינדאָכינעזער.

— ליגט אײַך אַוועק, פרעמדער! — אָט דאָרט איז פרײַ געוואָרן אַ געלעגער!
דער פרעמדער גלאָצט און ציטערט — שיר וואָס די טאַץ פאַלט אים אַרויס, ווען ער נעמט זי פון דער האַנט פון אָפּיום־צעטרעגער.

— דערקענט איר מיך נישט, באַלעבאָס? איך בין דאָך סאַקיאַ סידהאַטאַ גאַוטאַמאַ, בודדאַ בין איך, בודדאַ אַלײן —
בודדאַ דער אײביקער, פאַר דריטהאַלבן טויזנט יאָרן געבוירן בײַ די הימאַלאַיען.

בודדא אליין, דער פינפהונדערט ערשטער — נאָך די פינפהונדערט אין אייביקן שמייכל —
דער ערשטער, וואָס וויינט — און אַראָפּ און ארויס פון דעם גאָלדענעם היכל.

צו מיינע פעלקער בין איך ווידער געקומען דאָס וואָרט פון דערלייזונג צו זאָגן:
(און ער הויבט אויף די מומיע־דינע הענט) — קינדער מיינע, שטייט אויף, מיין האַרץ איז אָפן, איך בין בודדא דער שולדיקער, קומט מיך פאַרקלאָגן!

שרייט דער באַלעבאָס: דו ביסט נישט בודדא, דו ביסט אַ נאַר, אָדער גלאַט משוגע געוואָרן,
און אויב, אויב דו ביסט בודדא — ביסטו צו שפּעט שוין מיט טויזנט יאָרן —

גיי, נעם בעסער אָפּיום פאַר אַ צענער און ליג דיך אַנידער —
קאָנסטו ווערן, וואָס דו ווילסט, אפילו בודדא, אפילו קומען צום זינען ווידער.

און איינער, וואָס איז די גאַנצע צייט מיט אָפענע אויגן געלעגן —
ווי ער וואָלט יעדע רגע עפּעס ביי עמעצן וועלן פרעגן —

איז פלוצלונג פון געלעגער אויפגעשטאַנען און אַ האַנט, אַ מאַטע דעם אינדישן גאַסט פון דער הויך פון די הימאַלאַיען — פון דער ווייט פון צוויי טויזנט יאָרן דערלאַנגט: יאָ, דו ביסט בודדא סאַקיאַ סידהאַטאַ —

און אויב דו ביסט בודדא, בודדא, דער גוטער, גיי אַוועק, וואָס גיכער פון דאַנען —
און לאָז אונז, לאָז אונז, לאָז אונז אין אונזער נירוואַנאַ — —

II

# אמעריקאנישע

# טראַנס־קאַנאַדע

ערד — ערד — אַלץ נאָך ערד? און אויבֿ ערד — ווּ איז דער האַר
פֿון דער ערד?

נעכט און טעג ווי מיר פֿאָרן — פֿאָרן —
פֿירמאָל איז נאַכט געוואָרן און פֿירמאָל איז ווידער טאָג געוואָרן.
זענען דען צווישן די צוויי אָקעאַנען
קיין מענטשן נאָך נישט פֿאַראַנען?

זענען דאָ, זענען דאָ, נאָר זענען זיי אַלע פֿאַרנומען,
הינטער די גרויסע וואַסערן, זעקסטויזנט מײַלן פֿון דאַנען,
פֿרײַוויליק אין די אַרמייען,
וואָס זייען דאָס אומברענגען און אומקומען —
וואָס דאַרפֿן זיי אַקערן דאָ און אויף פּוסטע פֿעלדער לעבן זייען,
אַז זיי קאָנען אויף פֿעלדער פֿולע זייען
טויט?

גייט די זון דאָ אויף, גייט די זון דאָ אונטער,
שטייגט פֿון אַטלאַנטיק אויף און פֿאַלט אין פּאַציפֿיק אַרונטער,
קווילערט זיך אײנזאַם טאָג־אײַן, טאָג־אויס
וואַלד־אַרײַן און וואַלד־אַרויס,
צו פֿאַרנאַכטצו ווערט זי מיד און מידער,
לייגט זיך אויף די שטאָלערנע רעלסן אַנידער
און קוליעט זיך נאָך דער באַן,
ס'איז איר אײנזאַם דאָ אַליין צו זײַן

אויף דעם סטעפּ פון שניי,
וויל זי אויך אוועק מיט דער באַן. —

ביינאַכט ווערט דאָ אַפּט אַ יונגע לבנה פאַרוואָגלט,
ווערט זי פון איינזאַמקייט ווילד און פאַרשייט
און האָגלט
מיט גרויסע שטערן אַראָפּ אויף דער ערד.
אַ וואָלף דערשרעקט זיך, ציט אויס די מאָרדע און שרייט
מיט אַ הינטיש קול צו איר אַרויף — און עס ענטפערט אים ווער פון דער וויט,
מיינט ער ס'האָט אים די לבנה דערהערט.

גליטשן זיך שטערן פוןביימער־שפּיצן,
שמעלצן קלענער און קלענער, שטיקער אייז און בליצן.
שטילע הערשן קומען בלעטער צו צופּן פון צווייגן אַראָפּ,
פאַלט איינעם אַ שטערן אַרויף אויף דעם הערנער־קאָפּ,
און די באַן גיט זיך ווידער אַ ריר און אַ שטילן פייף,
אַנטפליען די הערשן אין פייל־גענייף.

אינדיאַנישע טאָטעם־שטאַנגען מיט יענע־וועלט־פייגל באַמאָלן,
שטאַרן אויף דעם פעלד, דעם גאָלן.
פּלוצלונג עפנט אַ טאָטעם־פויגל זיין מויל,
און זיין האָלצערנער שנאָבל צעשרייט זיך הויל:
פאַרוואָס, פאַרוואָס, פאַרוואָס,
פון ים צו ים האָט מען אונזער שטאַם
אויסגעראָטן,
און פּוסט שטייט דאָס פעלד, ווינטער מיט שניי און זומער — ווי זאַלץ־באַשאָטן.

מיטן־נאַכט, מיטן־פעלד, מיטן־וועלט
האָט פּלוצלונג די טראַנס־קאַנאַדישע באַן
זיך אָפּגעשטעלט.

פֿאַרשלאָפֿן־דערשראָקענע מענטשן שטעקן די קעפּ דורך די פֿענסטער און הערן
זיך איין — אין דער מוזיק פֿון די ספֿערן,
וואָס מען הערט זי איצט דייטלעך אַראָפּ פֿון די שטערן.

נאָך שטילער ווערט —
און יעדער דערהערט פֿון דער צווייטער זייט פֿון דער ערד,
ווי עס קלינגט דאָס שטאָל פֿון שווערד אויף שווערד —
און אַ געשריי:
ערד! גיט אונז ערד! ענג איז אונז! גיט אונז ערד, ערד!

# אין דער ניו־יאָרקער פרייהייט־סטאַטוע

איך בין אַ מענטש פון בלוט און פלייש און ביין,
מיין נשמה איז ליבע, געלעכטער, געוויין —
און דו? פרוי, פוסטער, אייזערנער גיגאַנט,
מיט דעם פאַקל הויך אין דיין רעכטער האַנט,
ביסט אַ גולם־פרוי מיט אַ בלעכערנער הויט,
אַרויפגעצויגן אויף אַ שטאָלערנעם סקעלעט — —
דיינע בלעכערנע ליפּן האָבן קיינמאָל נישט געקושט קיין ברויט.
דיינע אייזערנע ריפּן האָבן קיינמאָל נישט געוויגט קיין מאַן
און — — איך האָב דיך ליב מיט יונגער ליבע, פלאַמיק און צאַרט,
דרייסיק יאָרן פון מיין יוגנט און מיין מאַנהייט האָב איך צו דיר געגאַרט,

אויף דיין ערשטן בליק געוואַרט.

איך בין אַ דיכטער און אַ וואַנדערער און אַ ייד,
די טרעפּ צו מיין נשמה זענען די וואַקלדיקע סטראָפן פון מיין ליד,
און צו דיין — איינציקן פון אַלע מיליאַרדן־קעפּ —
צו דיין קאָפּ און געדאַנק — אייזערנע הונדערטער טרעפּ.
פוסט איז דיין נשמה, ווינטער קאַלט, זומער הייס, ווי אין יעדער געביידע פון בלעך —

און דאָך איז דאָס אַזוי גרויס און אַזוי וווּנדערלעך
אין דיין נשמה מיט הונדערט אַנדערע אויף טרעפּ צו וואַנדערן, צו ווערן מיד,

און זינגען אין זיך אַ גליענדיק און בלוטיק־מענטשלעך ליבעס־ליד
צו דיר! — וואָס אין דיינע אָדערן פון דראָט און פון שטאָל
פליסט עלעקטריש ליכט שטאַט בלוטיק בלוט,
ווייל דו ביסט גולם נאָר, מאָנומענט פון פרייהייט — סימבאָל — —

ווייל דו ביסט גולם, סימבאָל, פרייהייטס־מאָנומענט,
שרייב איך דאָס ליד אין ליבע און יונג־אויפגערעגטע ציטערן מיינע הענט,

גלאַנצן די אויגן, דאָס בלוט ברענט.
גלויב מיר, פרוי, אַז ווען איך האָב מיינע ליפּן צוגעדריקט צו דיינע בלעכערנע ווענט,
און צו די ווענט פון דיין שטאָלצן האַלז — און באַהאַלטן־געהיים זיי געקושט,
אַז קיינער זאָל נישט זען און נישט זאָגן: אפשר אַ דיכטער און אפשר גאָר צעמישט — —

איז דאָס ליבע געווען פון ריינסטן געמיט,
ווי אַ ליבעס־ליד איז אָט דאָס איצטיקע אָרעם־אויפריכטיקע ליד,
ווייל קיינמאָל האָב איך נאָך נישט ליב געהאַט אַזוי,
קיינמאָל נישט אַזוי קיין איינציקע פרוי —
ווי די פרייהייט — וואָס דיר האָט מען איינמאָל פאַר אַלעמאָל
געגעבן דאָס רעכט צו זיין איר סימבאָל.

דיין פאַקל געווענדט
צו ניו־יאָרק — נאָר דאָס ליכט דיינס ברענט
אין אַלע טיילן פון דער וועלט,
איינער בענטשט דיך און איינער שעלט,
איינער אַכט דיך און איינער האַסט,
איינער ערנסט, איינער שפּאַסט,
און איך — האָב פשוט ליב און גלויב.
ווייל קללה און האַס זענען ווינט, זענען שטויב. —

אָ, עס איז אמת, דו פרוי פון פרייהייט, דו ביסט היינט אַ געפאַלענע פרוי,
און אפשר — אפשר דערפאַר איז מיין ליבע צו דיר צאַרט אַזוי און טיף אַזוי,
אין דיין בלעכערנעם בויך, דו בלעכערנער סימבאָל
ביסט שוואַנגער מיט דעם נייעם דערלייזער פון וועלטן —
זיי מעגן לאַכן פון דיר, זיי מעגן דיך שעלטן,
דו, נאָר דו וועסט אים געבוירן אין ליכט און אין גלויבן,
אויף דיינע הענט וועסטו אים — דיין זון —
ווי די פאַקל איצטער איבער אַלע מענטשן דערהויבן. —

און לאַכן וועט דער, וואָס איצטער וויינט,
און וויינען דער, וואָס שעלט
אצינד.
פאַריינט,
געפירט פון אַ קינד,
פרייהייט, געליבטע, דיין, נאָר דיין, נאָר דיין זון,
וועט זיין דער אויסלייזער פון דער וועלט.
אַ זון פון דעם גייסט פון אַלע פאַרליבטע אין דיר.
אָ, זאָל אויך דער אָטעם פון אָט דעם ליבעס-ליד — און ליבע צו דיר פאַרטראַכט,
זיין דעמאָלט אַ טייל פון דעם גייסט, וואָס האָט דיך שוואַנגער געמאַכט.

# אַ שאָטן פֿון אַ שאָטן פֿון אַ וויזיע פֿון אַ ליד פֿון ניו-יאָרק

— העי, דו! שיק-יינגל פֿון אוניווערס,
דערלאַנג מיר אַ פּעדער פֿון העלן בליץ!

— וואָס?!

— קער איבער דעם קרייזלער-טורעם,
שטעך-שטעק אים אַריין אין גראַניט
מיט זיין שאַרפֿן שפּיץ,
פֿיל אים אָן, ווי אַ טינטער מיט טינט,
מיט שוואַרצע דונערן און רויטן ווינט,
ווייל מיט דונער, בליץ און ווינט
אין אַ טינט
פֿאַריינט
דאַרף איך שרייבן היינט —

— אַ ליד?

— און דו, דו, שר-המשקה פֿון אוניווערס,
דערלאַנג מיר אַזאַ מין פֿייער-טרונק,
און פֿאַרוואַנדל אין מעטאַל מיין צונג —
און נאַ דיר אַרויס פֿון מיין קאָפּ
די קופּע שמאַטעס, זאָרג!

— סטאָפּ!
סטאָפּ!!
סטאָפּ!!!

— זענען מיר שוין אין ניו־יאָרק?

— דאָס האַרץ — דאָס האַ־אַ־רץ —
— וואָס האַרץ?
— צווישן די ריפּן —
— אַ דינאַמאָ־מאַשין
וועלן מיר אַריינזעצן אַהין!
— זין איז אומזין — אומזין איז זין!

*

אַקאָמפּאַניאַמענט
צום ליד
שפּילן צוואָנציק מיליאָנען הענט
אויף קלאַווישן פון שוואַרצן און ווייסן גראַניט.

*

דאָס ליד פון ניו־יאָרק,
פון דער שטאָט פון די שטעט, פון די שטעט פון די שטעט,
אָן אַ פּרי אין דער פּרי, אָן אַ שפּעט, שפּעט,
אייביק.
דאָ, אין דער שטאָט
יאָגט זיך דער טייוול נאָך גאָט
און גאָט יאָגט זיך נאָך דעם טייוול,
דאָ לעסטערט מען גאָט, פאַרזונקען אין געבעט
און מען לעסטערט דעם טייוול, פאַרזונקען אין געבעט
צו גאָט,

דאָ ווערט נישט טאָג און עס ווערט נישט נאַכט,
דאָ זענען נישטאָ קיין זינדיקע, ווייל דאָ זענען נישטאָ קיין גערעכטע,
דאָ איז נישטאָ קיין געוויין, ווייל דאָ איז נישטאָ קיין געלעכטער,
אַלע זענען — ווייל דאָ איז די שטאָט פון זיין!

*

דאָס ליד פון די ניו־יאָרקער גאַסן!
גאַסן אין דער לענג,
גאַסן אין דער ברייט,
גאַסן אין דער הויך,
גאַסן, ווי בריקן,
בריקן, ווי גאַסן,
איבער דער ברייט פון טייך,
איבער דער ברייט פון ים,
גאַסן אונטער טייך,
גאַסן אונטער ים,
גאַסן דורך ערד, גאַסן דורך גראַניט,
גאַסן איבער דיין קאָפּ, גאַסן דורך דער מיט פון דיין אייגן האַרץ,
גאַסן דורך דיינע טעג און נעכט,
גאַסן דורך דיינע יאָרן, גאַסן דורך דיין לעבן — —
דאָס גראַניטענע ליד
אָן גראַמען, ריטם, לויטער ריטם, אַספאַלט, קאָנקריט,
פון די ניו־יאָרקער גאַסן.

*

דאָס ליד פון ניו־יאָרק,
ליכט־ליד,
ליכט איבער דיר, דורך דיר, אין דיר,
ליכט פון דיר אַרויס — ליכט צו דיר אַנטקעגן,
ליכט אויף געקרייצטע וועגן,

ליכט אין שטיין, קאָנקריט און אספאַלט,
אין דער צענטער,
הונדערטסטער,
טויזנטסטער געשטאַלט.
אין זיבן פאַרבן,
צען רעגנבויגנס — זיבעציק פאַרבן,
טויזנט רעגנבויגנס — זיבן טויזנט פאַרבן!
ליכט ווי פלאַטערלעך — היינט געבוירן — היינט שטאַרבן.
אייביקע ליכט, זון, סיסטעמען פון שטערן,
לאָמפּן, ניין, נישט קיין לאָמפּן, אולטראַ־עדיסאָנען,
הונדערט ליכט, צענטויזנט, מיליאָנען!
לאָמפּן, וואָס ווערן געבוירן אָנגעצונדן,
ווי מעטעאָרן.
זון איז זייער אָפּשיין בלויז — — — לאָמפּ צום שפּיל, מוסטער־לאָמפּ
פון געטלעכער אוממאַכט.
ליכט זענען זיי!
ליכט, וואָס קאָנען מאַכן זעענדיק אַ בלינדן,
און אַ זעענדיקן בלינד.
קאָנסט אַריינשפּרינגען אין זיי,
ווי אין אַ ים פון ליכט,
זיך אונטערטונקען —
און אין איין מינוט
וועט אין דיינע אָדערן רינען ליכט, שטאָט בלוט,
דאָס ליכט פון ניו־יאָרק.

*

דאָס ליד פון ניו־יאָרק,
דער שטאָט פון די טורעמס פון שטיין און מעטאַל.
ווער זאָגט, אַז זיי שטייען אויף דער ערד?!
זיי שטייען אין וועלטן־אַל,
שטייען אין שאַרפסטן זיגזאַג —

די גרויסע הימל־ליניע,
גרענעץ־צוים אין וועלטן־רוים,
צווישן צוויי וועלטן — דער נעכטיקער — פון אמת,
און דער היינטיקער — פון טרוים.
גרענעץ צווישן יאָרטויזנט־צוויי און יאָרטויזנט־דריי.
די וואַנט פון די ווענט, פון די ווענט פון די ווענט,
מיט די הונדערט טורעמס אין איבערגאָטס הויז, ניו־יאָרק,
וווּ צענמיליאָנען הערצער שלאָגן
אין אַן איינציקער תפילה צוזאַמען.

*

אָפּגרונט פון אָפּגרונטן,
אַ שטאָט אָן אַ דעק פון אויבן,
און אָן אַ דנאָ אונטן — —
ווער עס איז איינמאָל נעבן דיר געגאַנגען,
שטאָט — אָפּגרונט פון אָפּגרונטן,
דער האָט זיין גאָט אין דיר פאַרלוירן —
איצטער שרייט ער —
— מיר ווילן ווידער געפינען גאָט!
און דאָס עכאָ ענטפערט פון ברעג צו ברעג:
— געפינען גאָט!

און גאָט פון ניו־יאָרק האָט נאָך נישט קיין נאָמען,
און זיין גייסט אפילו איז נאָך נישט געבוירן.

*

אָר אויף די שפּיצן פון די וואָלקנהייזער
ועט זיך שוין די שיין פון זיין קומען,
וי די שיין פון דער אויפגאַנג־זון —
אָך אָן איר נאָמען —

ווי די שיין פון דער אויפגאַנג־זון אין די בערג,
און עס ווייזן שוין, ווייזן
צוויי נעאָן־ליכט־ווייזער
אויף דעם ציפער־בלאַט פון דעם טונקעלן הימל
די גרויסע שעה פון זיין קומען.

*

העי, דו! פעדער־דערלאַנגער פון אוניווערס,
נאָך אַ טונק פון דער פעדער פון בליץ,
פאַר דעם לעצטן פערז!
דאָס ליד פון ניו־יאָרקער, דעם לעצטן מענטש,
אַ שיכור־ליד פון אויפגאַנג פון אַ נייער ראַסע,
פינפפאַרביקער בלוט־קאָקטעיל,
ווייס, שוואַרץ, רויט, ברוין, געל. —

— דו! האָסטו פאַרלוירן דעם זין?
— דו שרייבסט וועגן מיר? — און איך בין
דער מענטש פון ניו־יאָרק!
— שוין?!
— אָנגעקומען קיין מעקקאַ פון וועלטפעלקער־וואַנדערונגען,
איך בין דער סוף פון אַ יאָרטויזנט,
אַלע בלוטן — אין מיין בלוט, אַלע קולטורן — אין מיין גייסט
געשלונגען,

מיין שפּראַך איז זיבעציק צונגען,
איך בין דער אָנהויב פון יאָרטויזנט, פון דריטן,
ווילדער, שיכורער קאָקטעיל,
מיין בלוט — ווייס שוואַרץ, רויט, ברוין, געל,
מיין האַרץ — מענטשן־האַרץ,
ווייס, רויט, ברוין, שוואַרץ,
יאָגנדיק, שטרעבנדיק, הייס,
רויט, ברוין, ווייס,

ענדלעך אויפגעשטאַנען קעגן שונא טויט,
ברוין, רויט,
די פינף גאָלדענע צאַקן פון דער קרוין,
די הויט איז ברוין — —
געזונטער
זון־געמיש פון אַלע ראַסן. —

ניו־יאָרק ווערט שטערן — טויזנט שטראַלן, טויזנט גאַסן,
דער לעצטער, דער גרויסער פּלאַם־דעסואַל
צו דער גאַנצער ערד — צום וועלטן־אַל —
און מענטשן אַרוים אויף אַלע גאַסן פון ניו־יאָרק
פון שטערן: טויזנט־שטראַל,
ווייל דער נייער מענטש ווערט פון דאַנעט אַרויס —
צום נייעם וועלט־אַל.

## עמפּאַיר-סטעט

מיר גייען נישט בויען קיין הויז,
מיר זענען נישט קיין אינזשעניערן,
וויזיאָנערן
זענען מיר,
מיר גייען אין שטיין און אין שטאָל,
איינמאָל פֿאַר אַלעמאָל,
איינמאָל אין פֿינפֿטויזנט יאָר,
אַ וויזיע מאַכן וואָר.

מיר זענען קיין בויער,
מיר זענען אַן אַרמיי,
פֿינפֿטויזנט מאַן,
דער רעגימענט
פֿון דער מענטשהייטס פּיאָנערן,
אונזערע אָפֿיצירן — וויזיאָנערן,
אין אונזערע הענט
עלעקטרישע האַמערס
שטאַט מאַשינען־געווערן — —
מיר גייען דעם הימל נעמען מיט שטורם,
דער בבֿל־טורם איז לעגענדע, פּאַפּיר,
דעם טורם
גייען בויען מיר!
אין אונזער טורם וועט נישט זיין קיין גלאָק

צו רופן צו געבעט,
מיר זענען דאָס דערגרייכטע געבעט —
אַליין — גאָט!
אין אונזער קירבע
הונדערט צוויי שטאָק,
עמפּאיר־סטעט.

און מיר,
די פינף און צוואַנציק טויזנט,
קומענדיק פאָלק
פון דער עמפּאיר־סטעט,
מיר פאַרלייקענען, אַז שטעט
דאַרפן זיין אויף דער פלאַך,
אויף דער ערד,
אַלץ, וואָס איז האָריזאָנטאַל
דאַרף ווערן צעשטערט,
די שטעט דאַרפן זיין פון איצט אָן ווערטיקאַל,
ווי אונזער שטאָט פון די שטעט, פון די שטעט,
די עמפּאיר־סטעט.

מיר אינזשעניערן, אַרבעטער, פאָלק
פון דער עמפּאיר־סטעט,
דעם וואָלקן־הויז פון די וואָלקן־הייזער
אין ניו־יאָרק, דער שטאָט פון די שטעט,
האָבן אַלץ דערגרייכט, וואָס עס איז אויף דער ערד
צו דערגרייכן.
אויף דער ערד און אין —
די הימלס־הייכן.

די גאַנצע וועלט אונטן,
אונטער דעכער, דעכער, דעכער — —

העכער?
די זון בלויז —

און ארום אונז?
לאנגוויילע, וואָלקנס,
נאַסע, ניו־יאָרקישע, גרויע,
אין שעהן לאנגווייליקע בליקן מיר אראָפּ,
ווי די שטאָל־רעלסן גלאַנצן און גליטשן זיך
אראָפּ, אראָפּ ביז מען זעט זיי נישט מער,
ביז צו דעם צערודערטן מאָן,
די צען מיליאָן
פון ניו־יאָרק.

— העי, ליפּטבאָי! שטיי נישט ווי א גולם אזוי!
הונדערט שטאָק אין א מינוט!
איך בין א לעבעדיק מיידל — אכצן יאָר מיין בלוט!
נעם מיך צוריק אראָפּ!
גיכער! צו די מענטשן צוריק!
צו דער ראַסע פון די האָריזאָנטאַלן!

נאכט נעמט שוין פאַלן!
הא — הא! די עכאָס שאַלן!
איך האָב מורא, מורא, מורא —
אין די בערג פון דער טעכניק אליין!
באָי! נעם מיך אראָפּ!
לאָז מיך צוטוליען מיין קאָפּ
צו דיר. —

נאכט,
עס שלאָפט ווערטיקאַל די עמפּאיר־סטעט,
ווי א באַרג,
די פיס אין גראַניט געבעט

פון דעם אינזל מאַנהעטען,
דער קאָפּ אויף שוואַרצע וואָלקן־קישן.

אויף זײַדענע קישן
וואַרפֿן זיך בײַנאַכט די קעפּ פֿון די אָפּיצירן,
אירע בויערס, אירע וויזיאָנערן,
זיי שטייען אויף און זעצן זיך צו די ציפֿערן און קלערן, קלערן,
איבער די פּאַפּירן,
אויף זייערע שטאָלענע אַרכיטעקטן־טישן.

און עס וואַרפֿט זיי אין אַ פֿיבער־וויזיע:
צעשטערן! צוריק צעשטערן!

זיי ווילן אויפֿבויען אַ וויזיע צוריק,
פֿון דערגרייכונג ווידער חלום, ווידער גליק!
גאָט האָט געגעבן — ער מוז עס ווידער נעמען צוריק,
זאָל ער נעמען די וואָר און ווידער אונז געבן: געבעט —
צו דער עמפּאַיר־סטעט.

# פאַטעטיש יידן-ליד אויף דער עמפּאַיר-סטעט

א, דאַנק דיר, שטאָט פון די שטעט,
אין חלומות אויסגעבענקט, געהייליקט אין געבעט
פון מיליאָנען אָרעמע, יידישע מאַמעס,
אין טויזנטער יידישע שטעטלעך און שטעט.

זיי געבענטשט אין דיינע הונדערט-שטאָקיקע הייכן
און אין דיינע גראַניטענע טיפן.

דו איינע, מאַמע פון ראַסן און פעלקער,
האָסט מיינע ברידער און שוועסטערן אויפגענומען,
ווען מען האָט זיי דיר, אַרומגעריסענע און אָפּגעשליסענע,
צו דיינע הייכן און דיינע טיפן
אויף צעבראָכענע שיפן
דורך פופציק יאָרן צוזאַמענגעטראָגן,
די, וואָס מען האָט דורך צוויטויזנט יאָרן
און הונדערט לענדער געטריבן און געשלאָגן.

אַ דאַנק און אַ לויב!

נאָר ווי זאָל איך דיר דאַנקען מיט מיינע ווילדע לידער,
אַז ווערטער דאַרף איך איצט פּראָסטע, ווי פון אַן אַלטן, צעריסענעם סידור,

ווערטער מיט טרערן אָנגעזאַפּטע,
אַ יעדעס אות ווי באַב די גרויס,
ווי פון אַ ווייבער־טייטש־חומש אַרויס.
ווערטער ברויטיקע און זאַלציקע, ווי די שניידערס, מיינע ברידער,
וואָס דו — מאַמע שטאָט —
האָסט זיי, ווי דער אַלטער יהוה, דער אַלטער גאָט
פון מצרים אַרויס — פון וועלטן־מצרים צו פרייהייט געפירט.
און בלאַסע פּנימער רויזיק אויפגעצירט,
און אוראַלטע שרעק פון אויגן אויסגעמעקט,
און אויף די קרומע ליפּן ווידער, ווי דער פרילינג — דאָס גרינס,
דאָס געלעכטער אויפגעוועקט.

געבענטשט זאָלסטו זיין, מאַמע ניו־יאָרק,
קייסערינע
פון שטעט אין קאָלומבוסעס מדינה!
היינט, דאָ אויף דעם טורעם פון שטאָל און פון שטיין,
ווייל איך נישט קיין דיכטער — נייערט אַ פּראָסטער גוט־שבת זיין,
אַ מאַרשעליק, אַ בדחן, אַ גראַמען־מאַכער פון אויסגעגרינטע און פון
גרינע,

אַן אליקום צונזער, צי אַן עדלשטאַט,
וואָס האָבן אַזויפיל האַרץ און האַס און ליבע געהאַט,
אַז קיין שטיקל אָרט האָט שוין נישט געקענט
בלייבן ביי זיי אויף אַ ברעקל טאַלענט.

כ'בין היינט פרי געגאַנגען, אַן אַ ציל געגאַנגען
אויף די גאַסן פון דאַון־טאַון מאַנהעטען,
אין מיינע אויגן טרערן פון דאַנק
און אויף מיינע ליפּן תפילה און געזאַנג,
ווייל איך האָב זיי ליב און איך ווייס נישט פאַרוואָס כ'האָב זיי ליב,
מיינע ברידער, ווי די מוראַשקעס
איבער דער וועלט פאַרשפּרייט —
די ברידער אין בלוט און אין לייד.

זיי געבענטשט
פון אַ יידיש קינד פון רעדים, פון קלענסטן שטעטעלע פון אַלע שטעט
וואָס ער שטייט איצט, צום טויט דערשלאָגן, צום הימל דערהויבן,
אין טיפסטן צווייפל און אין העלסטן גלויבן,
אין דער גרעסטער שטאָט, אין דעם גרעסטן טורעם, אין דער עמפּאַיר־
סטעט.

קום ווער עס וויל און לייג
דיין האַנט אויף מיין יידיש האַרץ,
וועסטו פילן, ווי ס'שוועלט מיט פרייד, ווי אַ דייזשע טייג,
ווי אַ האַרץ פון אַ יענטע, צי אַ שרה־ביילע,
וואָס דערזעט דעם נחת פון קינדער און קינדס־קינדער,
און ווי יענע די איניקלעך, וויל איך איצט
האַלזן די צוויי מיליאָנען ברידער — יעדערן באַזונדער.
וואָס טויגן דאָ חקירות, וואָס טויג פּאָליטיק?
דאָ זענען מיר אין ירושלים צוריק.
און משיחס־צייטן — די טעג,
ער האָט שוין צעריסן די קייטן — און איז פון רוים אַוועק.

איך בין שיכור, שיכור פון פרייד,
וואָזשע האָב איך דאָ מורא און פאַר וועמען
דאַרף זיך אַזאַ מין שיכור שעמען?
אָט וועל איך אַ זינג טון, ווי אין שמחת־תורה
אהרן באַלעגאָלע אויפן מיטן מאַרק,
דאָ אינמיטן ניו־יאָרק, אויף דעם שטאָלערנעם שפּיץ־באַרג —
אָט וועל איך אַ זינג טון — —

— — — — — — — — — — — — — — — —

ווייעט דער ווינט —
וייעט פון ווייט —
ו יי —
וויי מיר —

ווײ מיר, אָט בין איך שוין ווידער ניכטער,
ווידער אַ ראַפֿינירטער דיכטער,
ווײטיקט ווידער דאָס האַרץ און דער בליק פֿליט, ווי אַ ראַדיאָ־בליץ,
צוריק. און אויף נאַקעטן פֿלײש פֿון האַרץ
האָט אַ זשאַווער־נאָגל געגעבן אַ קריץ,
און איך האָב זײ דערזען, דערזען זײ ווידער,
איבער דער וועלט די מיליאָנען ברידער,
וואָס טרוימען פֿון דיר, גרויסע מאַמע, שטאָט פֿון אַנטרינען,
און וועלן דיך קײנמאָל נישט געפֿינען.
זײער לעבן אויף זײ, ווי אַ קברים־שטײן,
גראָבט זײ אין דער נויט, ווי אין דער ערד אַרײן.
אָן אַ קויל איז שוין זײערע מענערס זיפֿצן,
און אָן טרערן זײערע ווײַבערס געוויין.

נאָך בענטש איך דיך, מאַמע ניו־יאָרק,
נאָר מײַנע פֿויסטן זענען שוין ווידער,
ווי די ווײַפּולע ווערטער אין מײַנע לידער
אין אוממאַכט געבײַלט.

האָסט מיליאָנען מיט דײַן ברויט פֿון פֿרײַהײט באַטײַלט,
געבענטשט זאָלסטו זײַן פֿון די עמפּאַיר־הימלען,
געבענטשט דו און געבענטשט די צוויי מיליאָנען, וואָס ווימלען דאָרט אונטן,
און געבענטשט יענע, וואָס זענען ווײַט און פֿאַרמשפּט ווי שוואָמען צו שימלען,
אין הײמען, אין קעלערס, געזאַלצענע, נאַסע און טוכלע פֿון טרערן,
אין שטעטל, אין דאָרף און אין שטאָט,
וואָס שווימען אין אַ פֿאַרפֿלײצונג פֿון האַס אויף גאָטס באַראָט.

פֿון דער עמפּאַיר־סטעט, אויף דער צוויי און פֿערציקסטער גאַס,
זע איך געסלעך, בית־עולם סטעזשקעס פֿאַרווילדערט,
און קרומע הײזלעך, ווי מצבֿות אַלטע,
טיפֿער זינק איך און טיפֿער, די עמפּאַיר פֿאַרשווינדט,

אין די אויערן בלאָזט אייזיקער ווינט,
פון אַ קליינעם דעכעלע רייסט ער שינדלען,
אין שטיבעלע רייסט זיך אַ קינד אין נאַסע ווינדלען
און בייסט די בריסט פון מיין שוועסטער — זיין טויטער מאַמען.

מאַמע, מאַמע, ניו־יאָרק,
פאָטער, פאָטער אין הימל —
איצט, דאָס ערשטע מאָל אַזוי נאָנט צו דיר, איצט, אָדער קיינמאָל נישט
מוזסטו דערהערן!
און אויף מיינע ליפּן ווידער
קומען ווערטער פּראָסטע, ווי פון אַן אַלטן סידור —
פאָטער — פאַרוואָס ביסטו אָן
רחמנות צו יענע צען מיליאָן?
וואָס גייסטו מיט זיי טון, וואָס גייסטו, וואָס?

— — — — — — — — — — — — — — —

אַנטשטומט דער דאַנק — אַנטשוויגן געבעט.
פאַרנאַכט — שפּעט.
איבער די גאַסן פון מאַנהעטן ליגט ווי אַ שאָטן זיך אויס
אין זיין גאַנצער, באַרגיקער גרויס
דער שאָטן פון עמפּאַיר־סטעט.

## פילם: ווילקאָמיר — ניו־יאָרק

### ע ר ש ט ע  ס צ ע נ ע

די פינסטערע קעפּ פון די וואָלקנהייזער
קוקן אַראָפּ אויף גרעיט ווייט וועי,
ערגעץ אין שוואַרצן הימל הענגען עלעקטרישע פיילן, צוויי ווייזער,
און רוקן זיך — איינער צו צוועלף און דער צווייטער צוויי.

ווי אַ שאָטן רוקט זיך פאַרביי אַ פּאָעט,
די הענט אין די קעשענעס, דער קאָפּ אַרויף — ער זעט:
אַן אויג אין פינסטערן קאָפּ פון אַ וואָלקנהויז
האָט זיך פּלוצלונג דאָרט ערגעץ אויפגעכאַפּט,
אַ בייזער בליק צום שטיקל ווייסן לבנה־בלעך,
אַ קאָפּ פון אַ מאַן און אַ קאָפּ פון אַ פרוי.
— פּונקט ווי אין ווילקאָמיר איז זי בלאַס אַזוי — —
דער מאַן גיט אַ לאַך באַסאָווע און פרעך,
און דאָס גלעזערנע דעקל פון ליכטיקן אויג
ווערט צוריק פאַרקלאַפּט,
און ווידער פינסטערט דער שטיינערנער קאָפּ אין זיין אייזערנעם סקעלעט.
— אוי, מאַמע! וויינט זי — און הערט, ווי עס העלפט איר קרעכצן דאָס בעט.
און אונטן שטראָמט העכער, שטופּט זיך ווי קריעס אין אייזגאַנג צוזאַמען,

דער שטראָם פון די מענטשן־שטראָמען,
אין שטראָם פון עלעקטרישע פלאַמען.
דער גרויסער, ווייסער וועג פון די, וואָס נאַכט איז זייער וועלט.
אין די קאַסעם שטייגן און פאַלן קופּעס פּאַפּיר און זילבער־געלט.
אין צעהיצטע זאַלן מעש־מעטאַלן הייזעריק הוסטן טרומייטערס,
שיכורע העלזער כאָרכלען זים —
אין די גאַרדעראָבעס פאַלן
יידישע טאַנץ־מיידלעך פון די ווייסע, געפּודערטע פּיס.

## צווייטע סצענע

לאַמטערן אין האַנט, אין שולגעסל פון ווילקאָמיר,
שטרויכלט איבער פּרילינג־גרודעס די מאַמע צו איר עלטסטער טאָכטער,
וואָס גייט צום ניינטן מאָל צו קינד.
זי גייט און זי פאַלט, די אַלטע ליפּן מורמלען תפילות און די ליפּן שוימען,

ס'שטייט איבער איר דער פאַרטאָגיק־דינער
לבנה־בייגל צוגעטשעפּעט צו אַ הויכן קוימען
פון אַ צעלעכערט שינדל־דעכל,
ווי אַ וועטער־פענדל פון אַן אָפּגעשייערט בלעכל.

די מאַמע איז שוין נענטער, נענטער צוגעהונקען,
פון אַ פענסטערל שפּאַרט זיך אַ ליכט
געל און גרויס ווי אַ סנאָפּ
פון שטרוי.
דורך דער אָפענער טיר שפּאַרט פון אינעווייניק דער אווי
פון דער געווינערין און אַ צעפּאַטלטער, בערדיקער מענער־קאָפּ:
— אַבי איר זענט שוין דאָ!
— רבונו של עולם, גאָטעניו גערעכטער,
אין זכות פון מיינע פרומע זין און מיינע פרומע טעכטער,
איבער דער גאָרער וועלט צעשפּרייט,
און אין זכות פון מיין הייליקן מאַן, ער זאָל זיך מיען,

טו, אז מיין טאָכטער זאָל מער נישט זיין צו לייטיש געלעכטער,
און נאָך אַכט טעכטער זאָל זי איצט מיט מזל האָבן אַ קדיש, אַ זון.

## ד ר י ט ע   ס צ ע נ ע

דער פאַרטאָג האָט זיך אָנגעצונדן
איבער ניו־יאָרק און ווילקאָמיר,
די פאַרביקע נאַכט פון בראָדוויי האָט זיך געלאָשן און געשטיקלט,
די באָבע האָט שוין מיט מזל דאָס ניינטע טעכטערל אין ברודיקע שנירן געוויקלט,
די בראָדוויי שטייט, ווי אַ ליידיקע שיף,
מיט לעצטן ציטער נאָך דעם ים פון נאַכט ביים ברעג פון טאָג.
אַ מיידל גייט פון אַ טויער אַרויס, וואַקלדיק — דער לעצטער פּאַסאַזשיר.
זי וויקלט פאַנאַנדער אַ צעקנייטשט פּאַפּיר,
איצט שטייט שטיל די שיף,
איצט האָט זי צייט צו באַגיסן מיט טרערן דעם בריוו
פון דער מאַמען פון ווילקאָמיר.

## פ ע ר ט ע   ס צ ע נ ע

פיפט עוועניו, האַרץ־אָדער פון ניו־יאָרק,
פרייטיק, פרילינג־פאַרנאַכט,
זי ברויזט און ציטערט און לויפט ווי אַ טראַנסמיסיע־פּאַס
אין דער גרעסטער פאַבריק פון דער וועלט,
אויף איר גרעסטן ראָד, אויף דער גרעסטער גאַס.
איינס, צוויי, צען, הונדערט אויטאָס
שטעלן זיך אָפּ אין פרייטיק־פאַרנאַכטיקן געאייל
ביים טעמפּל עמנו־אל.

מען גייט אַריין דורך די שווערע טירן פול מיט געריבענעם מעש,
מען כאַפּט אַ. פרומיקן בליק צו דער קיילעכדיקער רויז פון וויטראַזשן.

הונדערט פופציק פוס הויכע, הייליקע ווענט שטאַרן
צום הימל — ווענט, געשטעלט מיט דריי יאָר צוריק פאַר קעש
דריי מיליאָנען דאָלאַרן.

קבלת־שבת — און ס׳רייסט זיך אַרויף דאָס ווייסע פּנים פון דער
תּפילה,

וויל צו גאָט, ס׳איז אַזוי אויף ענגליש אַדרעסירט,
פליט אַרויף צו די רעגן־בויגן־פאַרביקע וויטראַזשן.
און ס׳מיניעט זיך דאָס ווייסע פּנים זיבן־פאַרביק,
און פאַלט צוריק אַראָפּ צו שטיינער און צו טעפּיכער שטילע.

פלוצלונג טויטן־שטיל,
די דינער רייסן אַלע דריי מעשענע טירן אויף,
גאָט אַליין איז אין אַ ווייסן אויטאָמאָביל
צופעליק פאַרביי דורך עוועניו פיפט,
און אַריין אַ קוק טון אויף זיין געטלעך הויז.
אַריין — און אפילו ער איז געוואָרן פאַרבליפט
און געזאָגט „סליחה‟ און צוריק אַרויס,
און אַריין אין ווייסן אויטאָמאָביל,
און טאַקטפול, ווי ער איז, האָט ער שטיל
געזאָגט צום שאָפער דורך אַ טרייבל פון זיין געטלעכער האַנט:
אַלע פליגלען געשפּאַנט —
נישט פאָרן — פליען!

## פינפטע סצענע

פרייטיק פאַרנאַכט, נאָך דעם גרויסן יריד,
האָט פונם שול־דאַך נאָך דאָס לעצטע שטיקל גרוי־גרין שניי געקאַפּעט,
און אין דער בלאָטע האָבן יידן געטשלאַפּעט,
און מיט שטיוול, ווי מיט צוויי קלעפּיקע קוילן פון ליים,
איינציקווייז אין שול אַריין.
דער בעל־תּפילה איז אַליין אַ סוחר, אַ ייד,

זאָגט ער הייזעריק נאָכן שווערן ווילקאָמירער יריד
און ווי משוררים האַלטן אים אונטער אין דרויסן,
לכו נרננה — די רינעס.

— גוואַלט, אַ שטיין!
— אַ שטיין אויפן עמוד.
— געוואַלט, ווי אַרומעט?
— צוויי שייבּלעך צעבּראָכן, ימח שמו!
— מ׳דאַרף בּענטשן גומל, וואָס ס׳איז נישטאָ קיין טויטע!
— בּע, שייבּעלעך, איינע אַ גרינע און איינע אַ רויטע!
— בּע!
— אוודאי יאַצקע, דער שיכורער גוי.
— ער טוט נאָך יעדן יריד אַזוי.

## זעקסטע סצענע

און דער שטיין האָט זיך ווידער געטון אַ הויבּ,
און געפלויגן, געפלויגן אַ גאַנצע וואָך,
אַזוי ווי אַ שטיינערנע טויבּ,
אַריבּערן ים בּיז דער עוועניו פיפט,
ווו דיסקרעט האָט און זיבּן־פאַרבּיק געטריפט,
דאָס ליכט אַזוי קונציק אינסטאַלירט,
אַז עס דאַכט זיך אויף אַן אמת, אַז עס איז אַ טייל
פון דעם ליכט פון דער שכינה, אין טעמפּל עמנו־אל.
פּלוצלונג אַ זעץ און אַ לאָך אָן דעם הויפּט־וויטראַזש,
דער קאַנטאָר ווערט פּלוצלונג גרוי, אויף זיין קאָפּ שיט זיך קופּעסווייז אַש,
פון ארון קודש רייסט זיך אַרויס אַ ווינט, און אפשר גאָר איז עס געוויין,
און אויף דער שטיינערנער מאָזאַאיק פון דעם בּאַלעמער טאַנצט
אין דיסקרעטן עלעקטרישן שיין
אַרויף און אַראָפּ — דער שטיין;

עס איז מתים־שטיל, מען הערט ווי אַ האָגל קלאַפּט.
דאָס קלאַפּט ווי אַ קלײנער האַמער אַרײַן,
דער שטײן פֿון ווילקאָמיר, וואָס איז געפֿלויגן אַ גאַנצע וואָך,
באַזונדער אין יעדנס קאָפּ
אַ בלוטיק לאָך.

# דזשים און דזשין

## ניו־יאָרקער נעגער־באַלאַדע

דזשים מאַכט זיך סימנים, דזשים איז פאַרליבט און ער פרוווט,
און עס קומט: זי וואַרט נישט! — זי וואַרט! — ער לאַכט.
דזשים האָט זיך מיט דזשין, זיין מיידל, באַשטעלט
אויף זייגער זעקס פאַרנאַכט.

דזשים ציט די געפרעסטע הויזן אַרויף
און די ענגע שיך, בעסטער שוואַרצער לאַק.
ער קוקט אין שפיגל — ער איז פאַרטיק
האַק און פאַק.

דזשים שמירט זיינע קרייזלעך מיט געדיכטער פאָמאַד
און קלאַפּט אַרויף דעם שטייפן הוט.
ווידער סימנים: דזשין וואַרט נישט! — און ווידער: זי וואַרט!!
דזשין דאָס מיידל פון האַלבווייסן בלוט.

און נאָך אַ כאַפּ דעם שפיגל אין דער האַנט:
איך בין אָלרייט — דאָס רופט מען טיפּ־טאַפּ!
פון די צען־דאָלאַר לאַק־שיך אָן
ביז צום צען־דאָלאַר הוט אויפן קאָפּ.

און נאָכאַמאָל דער שפיגל — ער קוקט, קוקט און קוקט,
פון ליבע פלאַטערט דאָס הייסע האַרץ.

פלוצלונג צעקוועטשט ער דעם שפיגל אין דער פויסט:
— טפו! ווי דאָס גלאַנצט שוואַרץ! — —

— אַ־קעי! ער גיט אַ שטעק אַריין
אין די בלוי־ברייטע ליפּן אַ ברוינעם ציגאַר,
און אַ לידל גיט זיך אַ זונג פון זיך:
— קאַווירלאַנדאַ פון זאַנזיבאַר. — —

דזשים פליט פון די טרעפּ און ער בייסט דעם ציגאַר,
און ער טראַכט. איי ביסטו דזשים אַ ווילדער נאַר!
און דאָס לידל ענטפערט אים, אין ריטם פון זיך אַליין:
— קאַווירלאַנדאַ פון זאַנזיבאַר. — —

ער גייט און ער שפּרינגט, ער טאַנצט און ער זינגט,
זעקסטע עוועניו, אַכט און ניינציקסטע גאַס...
— דזשין? — דזשין איז נישטאָ. דזשין האָט אַלעמאָל ליב
צו טרייבן אַביסל שפּאַס.

דזשים איז אויפגעלייגט, ווארפט מיט דאָלאַרן אַרום,
קויפט ער אָן אַ באַרג מיט צוקערוואַרג.
דזשים טראַכט: קוים האָסטו ליב אַזאַ מיידל ווי דזשין
מוזסטו זיין שטאַרק.

ער קויפט שיר נישט אָפּ דאָס האַלבע געשעפט
מיט בלומען אויף דעם ראָג פון דער עוועניו.
ער לאַכט: נאָך אַ שעה — קאָן איך עפענען אַליין
אַ בלומען־ און אַ צוקער־קראָם... דזשין איז נישטאָ. — —

דזשים מאַכט ווידער סימנים: פליקט די רויזן אָפּ — —
דזשין קומט נישט, זי קומט, דזשין נישט, דזשין יאָ, דזשין, דזשין —
עס איז זיבן, נאָר דאָס מאַכט נישט, נאָך אַ סימן,
סימנים אַהער, סימנים אַהין.

דזשים בײַסט שױן פֿון װי דעם לעצטן ציגאַר,
פֿליקט אָפּ די לעצטע בלום —
עס איז אַכט, נאָר דאָס מאַכט נישט. זי װעט קומען —
דזשין האָט דאָך אַלײן געזאָגט: איך קום. — —

און אַט קומט זי — דאָרט קומט זי — דאָרט — קומט — — זי — — —
מיט אַ װײַסן מאַן — אין אַ קרײַזלער־קאַר. —
דזשים גיט אַ שמיץ דאָס צוקערװאַרג
און פּרעסט מיט די גרױסע צײן דעם ציגאַר. —

— דזשין! דזשין!! — און דזשים האָט גליק געהאַט:
סיגנאַלן־בײַט — עװעניוס רױט, קװערגאַסן — גרין.
דזשים גײט צו און ער פּיפּט — קאַװיראַנדאָ פֿון זאַנזיבאַר —
— העלאָו דזשין!

העלאָו דזשים! — און עס ציטערט אַזש
הינטער שטײַף־זײַדן קלײד די בלאַס־ברױנע הױט,
און די אױגן װינקען און בעטן: — דזשים זײַ קלוג, דזשים — — —
אַזש די גרױסע װײַסלען װערן רױט.

יעס, דזשין, אָל־רײַט, אָ־קעי, יעס!
סיגנאַלן: קװער־גאַסן רױט און עװעניוס גרין.
— גוד־באַי, דזשים, װײַל דיך גוט — גוד־באַי!
— העװ אַ גוד טײַם, דזשין!

דזשים גיט אַ זעץ מיט די לאַק־שיך, אַ װאָרף מיטן הוט.
װי אַ מדבר־לײב װאָלט אין אים געשפּאַרט.
דרײַהונדערט יאָר און צװײ שעה געװאַרט
האָסטו, דזשים — און אומזיסט געװאַרט. — — —

דזשים איז משוגע געװאָרן, דזשים זעט קעפּ,
שװאַרצע קעפּ, ברױנע קעפּ, בלאָנדע קעפּ, גלאַטע קעפּ, און קרײַזל־קעפּ,

דזשים זעט טרעף — טרעף אַרויף, טרעף אַראָפּ,
טרעף. — —

דזשים זעט קעסלען, קעסלען מיט בלוט,
ער פאַרשטייט עס יאָ און פאַרשטייט עס נישט,
דזשים זעט דעם מאַן פון דער קרייזלער־קאַר, מיט אַ לעפל זעט ער אים,
ער קאָכט די קעסלען און מישט און מישט. — —

ביי דזשימען אין קאָפּ; ער נעמט אַרויס דעם דאָלאַרן־פּאַק
און שפּרינגט אַראָפּ אין דער ערשטער באַר.
אַ זעץ אין דער פּויק פון דעם דזשאַדז: — שפּיל מיר!
— וואָס? — קאַווירע קאַווירעאָנדאָ פון זאַנזיבאַר!

און דאָס ערשטע מיידל גיט ער אַ ריס,
בויגיק — אַ פּאַלם, ווי שטיין־קויל גלאַנצט זי שוואַרץ.
דעם סמאָקינג אַראָפּ — דאָס שטייפע ברוסט־העמד אויף,
און ער דריקט זי צום נאַקעטן, גלאַטן האַרץ.

ער וואַרפט דעם פּויקער די דאָלאַרן צו
און גיט אים אַ טרייסל מיט דער פויסט ביים לאַץ.
— שפּיל! הערסטו! איך בין אַ קאַווירע קאַווירעאָנדאָ פון הייסן בלוט,
שפּיל מיר אַן אמת זאַנזיבאַר־דזשאַדז!

און ער טאַנצט און ער טאַנצט און עס שפּאַלט זיך דער לאַק
פון די ענגע לאַקירענע שיך.
שפּיל, דעם עכטן דזשאַדז — דעם פון זאַנזיבאַר —
איך בין אַ קאַווירע קאַווירעאָנדאָ — אַליין אַ רוח!

דאָס מיידל חלשט. — חלשט נישט, איך צאָל!
— דו ביסט דאָך פון זינען, דזשים — דו ביסט — —
— דאָס קלייד אַראָפּ, דו שוואַרצע הויט!
מיר נעגערס טאַנצן מיט נאַקעטע בריסט!

און ער טאַנצט מיט איר אַרויס אויף דער גאַס,
ביז צו דער זעקסטער עוועניו,
און ער טאַנצט לענגאויס די עוועניו
ביז צו דער בראָדוויי צו,

און דער גרויסער, ווייסער וועג, די בראָדוויי
בלייבט שטיל — און מיט אויסגעשטרעקטער האַנט,
האַלט אויף דעם שטראָם פון דער מענטשן־מיליאָן
אַ בראָדוויי־פּאָליציאַנט.

דאָס מיידל חלשט און שלעפּט זיך נאָך,
ביז ער וואַרפט זי אין אַ בויגן אַוועק —
דזשים טאַנצט אַליין — איבער קעפּ — איבער קעסלען — איבער טרעפּ —
ביז ער דערזעט אַ שאַרפן ברעג. — —

דזשים טאַנצט אויף דער בינע פון גאַנץ ניו־יאָרק,
מיליאָנען איז זיין פּובליקום,
אַלע הויכע פענסטער פּראַלט מען אויף
אין די וואָלקן־הייזער אַרום.

מינוטן טאַנצן, עס שפּרינגען סיגנאַלן.
רויט — געל — גרין — — געל — — — רויט.
דזשים: בלוט — קעסלען — קעפּ — בלוט — קעסלען — טרעפּ —
און אַ ברעג — אָפּגרונטיק — אַליין דער טויט.

נאָך אַ זעץ מיטן פוס, נאָך אַ לעצטער דריי,
נאָך אַ טאַנץ — און אָט שטייט ער שטאַר —
אַ רגע — ער בויגט זיך איין — נאָך אַ געשריי;
אַ לעצטער קאַווראָנדאָ פון זאַנזיבאַר. —

נעפּל — נאַכט — דזשים — אין נאַכט — אַ פּאָליציאַנט —
ער פֿאַלט, אַ זעץ גיט אין שטיין זיין האַרטער קאָפּ.
עמעץ כאַפּט אים נאָך אָן ביי דער האַנט,
ער הערט אַ וואָרט: סטאָפּ!

און עס ענטפֿערט נאָך זיין מויל: אָל־רייט!
מיט אַ שוואַכער, לעצטער שטים —
ער ליגט; סטאָפּ! עמעץ האָט אַ קאָנטאַקט פֿאַרדרייט —
אויסגעלאָשן ליגט שוין דזשים. —

און ווידער גיט דער שטראָם אַ זעץ
דורך בראָדוויי אין דער גאַנצער ברייט.
אַרום דזשימען אַ רעדל, און אין רעדל אַ לץ,
און ער רעדט און מען לאַכט, ווייל יעדער פֿאַרשטייט:

— נישט שלעכט געטאַנצט — טייוול — נאָך איין מינוט,
מזייוול — ווען נישט דער טויט,
וואָלט ער דאָך אַרויסגעטאַנצט פֿון זיין בלוט,
אַרויסגעשפּרונגען פֿון דער הויט. —

אַ טענצער אַזאַ — טייוול — דער טויט —
איז אַ נומער אין אַ גוטער ניו־יאָרקער באַר:
— העלאָו! אַ טענצער, וואָס שפּרינגט אַרויס פֿון דער הויט!!!
העלאָו — ערשט נעכטן פֿון זאַנזיבאַר!!!

III

# אפריקאנישע

# װעגן שװאַרצער ליבע, שװאַרצן טויט און גאָלדענעם גאָלד

לויט אַ נישט געדרוקטער כראָניק־נאָטיץ אין אַ יאָהאַנעסבורגער צייטונג

דאָס איז אַזוי פֿראָסט, דאָס מוז אַזוי זיין,
ווייל גאָט, אַליין האָט אַזוי געוואָלט,
אַז טיף אין דער ערד, אין גראַניטענעם שטיין
זאָל וואַקסן דאָס גאָלדענע גאָלד.

און ער האָט אויך אַפֿריקע אויסגעטראַכט,
און די נעגערס דאָרטן צוגעקלערט,
און אַליין געצויגן דורך יאָהאַנעסבורג
אַ גאָלדענעם שלאָג־אָדער אין דער ערד.

און ער האָט אויך קונציק אָרגאַניזירט
דעם קאָמפּליצירטן װעלטן־אַל,
מיט ליבע באַזאַלצן און תאווה באַפּעפּערט,
פֿון מאַן צו פֿרוי און מענטש צו מעטאַל.

און שפּעטער האָט ער באַשטעלט אַ שטאָט
אויף דעם שוואַרצן קאָנטינענט —
יאָהאַנעסבורג — און געשטעלט האָט ער זי
פּונקט אויף דעם גאָלדענעם פֿונדאַמענט.

און אַז שוואַרצע האָבן תאווה צו ליבע אין בלוט,
און די ווייסע תאווה צום גאָלד אין בלוט,
האָט גאָט געטראַכט: האָב איך מיינס דערגרייכט,
האָב איך מיין וועלט געשאַפֿן גוט.

פֿאָרן יאָר־איין און יאָר־אויס די אַגענטן
אַרויס אויף דעם שוואַרצן קאָנטינענט,
און דינגען פֿאַר יאָהאַנעסבורג
הונדערט טויזנט שוואַרצע פֿאָר הענט.

און צווישן די הונדערט טויזנט פֿאָר הענט
איז געווען לאַבונאַס פֿאָר,
אַ יונג און פֿאַרליבט, גייט פֿאַרדינען נדן
און אַרבעטן ביי גאָלד צוויי יאָר.

לאַבונאַ איז אַ יונג מיט ביינער, ווי אַן אָקס,
אַזעלכע נעמט צו די גאָלד־מינע „קרוין“,
צענטויזנט פֿוס גייט זי אין דער ערד
און צענטויזנט שוואַרצע האַלט זי אויף לוין.

שרייט לאַבונאַ, ווי אַן אָקס דאָס ערשטע מאָל,
וואָס מען לאָזט אים אין דער ערד אַראָפּ,
ווי מען צוימט אַ פֿערד דאָס ערשטע מאָל,
אַזוי רייסט ער אין דער הייך זיין קאָפּ.

נאָר לאַבונאַ איז אַ יונג שוין גאָרנישט קיין נאַר,
טראַכט ער, אַז די ווינדע איז אַזאַ מין באַן,
איז איין באַן גייט זיך גלייך אויף דער ערד
און די צווייטע גייט אין דער ערד אַריין.

און עס טוט אים אפֿילו הנאה אויך
אויף צומאָרגנס אָט די באַן,

און ער טראַכט, ווייל ער איז גאָרנישט קיין נאַר,
אַט אַזוי פאַרדינט מען אויף נדן.

אַז לאַבונאַ שפּאַנט דאָרט אונטער דער ערד,
איז ווי דריי לעמפּלעך וואָלטן געגליט,
צוויי — דאָס זענען זיינע צוויי אויגן,
און דאָס דריטע — זיין לעמפּל פון קאַרביד.

צוויי תאוות זענע דאָ אויף דער וועלט,
אַזוי איז זי קונציק אָרגאַניזירט,
אַז די תאווה פון גאָלד פירט די תאווה פון ליבע,
און די ליבע־תאווה די גאָלד־תאווה פירט.

לאַבונאַ טראַכט: עס איז גאָרנישט שלעכט,
ביינאַכט בין איך איינגעקלעמט אין מיין בעט,
און ביי טאָג לויף איך מיר ווי אַ פערדל גיך,
אין שפּאַן פון קליינעם וואַגאָנעט.

פאַרדונגען בין איך אויף אַכצן לבנות,
און אַריבער זענען שוין עלף,
און ער שטעלט זיך אָפּ און ער ציילט אויף די הענט:
שוין מער ווי אַ גוטע העלפט...

דעמאָלט לויפט ער גיכער און עס לויפט פאַר אים
אין דער פינסטער דאָס שוואַרצע לייב פון זיין מויד,
און פונקט ווי דאָס שוואַרצע לייב לויפט פאַר אים,
אַזוי לויפט אים נאָך פון הינטן דער טויט.

און ווי ער גיט זיך נאָר אַ קער
קערט זיך אויכעט אום דער טויט,
דער טויט — נאָר לאַבונאַן, און לאַבונאַ זעט נאָר
דאָס שוואַרצע לייב פון זיין מויד.

צווי — טראַכטן כסדר וועגן לאַבונאַן;
אין קראַאַל, אין דאָרף, טראַכט — פאַרשטייט זיך — די מויד,
און דאָ אין דער ערד האַלט אין איין טראַכטן
וועגן לאַבונאַן דער טויט.

און עס לויפט לאַבונאַ אונטער דער ערד
פון איין שוואַרצער גאַס אין אַ צווייטער גאַס,
און דער טויט לויפט אים נאָך — און ער לאַכט און ער טראַכט,
אַז דאָס איז אַ שפּיל אַזאַ און אַ גוטער שפּאַס.

און אַמאָל האָט דער טויט, אָט גלאַט אַזוי
לאַבונאַן געטון מיט דער האַנט אַ גלעט — —
טראַכט לאַבונאַ: צי לויפט מיר עמעץ נאָך?
און ער גיט אַ שטעל אָפּ דעם וואַגאָנעט.

איז שיר נישט פון דעם שפּאַס געוואָרן ערנסט,
נאָר ס'האָט  זיך געענדיקט בלויז מיט אַ קלאַפּ.
לויפט לאַבונאַ ווייטער און לאַכט, לויפט דער טויט און טראַכט:
נישט געוואָלט נאָך כאַפּן און שיר נישט געכאַפּט.

רופט אַמאָל צוזאַמען די גאָלד־מינע טויטן
זייער פאָרמאַן, דער אויבער־טויט.
— היינט נאַכט איז אַ סעודה — אַריינשניידן דרייצן
דאַרף מען אין אונזער טויטן־קרויט. — —

האַלטן די טויטן פון דער גאַנצער מינע
אַ קורצע באַראַטונג אָפּ,
און באַשליסן און ציילן אָפּ דרייצן געגוי —
פּונקט דער לעצטער איז לאַבונאַס קאָפּ.

דאָס בעסטע איז די צייט פאַרנאַכט,
ווען עס בייט זיך איבער די שיכט,

דעמאָלט ווערט אזא ענין צוזאמען געמאַכט,
און טאַקע אין דער ווינדע־שאַכט,
און פּאַרטיק אויף איינמאָל דאָס גאַנצע געריכט.

זי איז עפּעס טאַקע אַ קונציקע וועלט,
אַ ליבּע און אַ גאָלד־געפלעכט,
און אַז זי איז אַזוי געמאַכט אַליין
פון גאָט — איז מסתמא גאָט גערעכט.

ליבּע איז גאָלד און גאָלד איז ליבּע,
ליבּע איז די וועלט און גאָלד איז די וועלט — —

— — — — — — — — — — —

לאַבּונאַ איילט זיך, קוים, קוים וואָס ער האָט זיך
דער דרייצנטער אין דער ווינדע געשטעלט.

איצט פליט לאַבּונאַ אין דער הויך אַרויף,
קוקט אַרויף און זעט — אין דער לופט זיין מויד,
און עס פליט אים נאָך און שטופּט די ווינדע
מיטן גאַנצן כוח דער טויט.

נאָר איידער ער האָט זיך גענומען דערצו,
האָט ער אויבּן עפּעס געגראַבּלט, געשרויפּט —
פליט לאַבּונאַ און טראַכט: די צייט ווי זי פליט,
ווי די ווינדע איצטער לויפט. — —

העי — — און ווייטער האָט ער שוין גאָרנישט געטראַכט,
ווייל ווייטער האָט שוין דער טויט געלאַכט — —

— — — — — — — — — — —

ווי די שוואַרצע פייגל אַרויסגעפלויגן
זענען אַלע דרייצן אין אַ לופטיקן בויגן. — —

ליבע און גאָלד און דער טויט אין דער מיט,
עס איז טאַקע געטלעך אָרגאַניזירט,
מיט איין וואָרט: געטלעך! — די צייטונגען אפילו
האָבן דעם טעגלעכן פֿאַל נישט נאָטירט.

צו נאַכט־שיכט ביי לאַבּונאַס וואַגאָנעט
איז געשטאַנען אַן אַנדערער שווין,
און גאָלד האָט מען אויכעט פּראָדוצירט
לויט פּראָגראַם אין דער גאָלד־מינע „קרוין".

און עס האָט נישט קיין וואַקל געטון די שטאָט
יאָהאַנעסבּורג אין איר פֿונדאַמענט,
ווייל עס איז אַ געזעץ, אַז ביי אַזאַ אַרבּעט
מוז פֿאַלן טויט אַ געוויסער פּראָצענט.

דאָס איז אַזוי פּראָסט, דאָס מוז אַזוי זיין,
און גאָט אַליין האָט אַזוי געוואָלט,
אַז איינמאָל צאָלט דאָס גאָלד פֿאַר דער ליבּע,
און אַן אַנדערש מאָל די ליבּע פֿאַר גאָלד.

# טאַפּעטונאַ נאַהלאָוו פון באַסוטאָלאַנד

טאַפּעטונאַ נאַהלאָווו פון יאָהאַנעסבורג
איז אַ באַנטו-נעגער פון באַסוטאָלאַנד,
מיט פאַרביקע האָלץ-רינגען אין די אויערן, די צוויי,
און מעש-בראַנזאָלעטן אויף יעדער האַנט.

טאַפּעטונאַ נאַהלאָוו האָט פרויען צוויי,
איינע אַ נאַקעטע אין באַסוטאָלאַנד,
די צווייטע וואַשט וועש אין יאָהאַנעסבורג,
וווינען זיי אין שוואַרצן געטאָ ביינאַנד.

נאַפּעטונאַ נאַהלאָוו גייט גלייך זיין וועג,
ער לעבט און עסט לויט זיין שוואַרצן שטאַנד,
שיקט יעדן חודש אַ פונט אַוועק,
צום געליבטן ווייב אין באַסוטאָלאַנד.

די צווייטע פרוי פאַרדינט נישט שלעכט,
אויף די נעגערלעך און אויך אויף זיך,
זי פאַרגינט זיך אפילו צו קויפן דעם מאַן,
אַלע יאָר אַ פּאָר סקריפּענדיק העל-געלע שיך.

ער פאַרדינט עס ערלעך, אַ יונג, אַ ריז,
אַ בראָנז-מאָנומענט זיין קערפּערס געבוי,

ער איז זיבן יאָר שוין אַ שאָפּער־באָי
ביי אַ יונגער, ווייסער אַלמנה־פרוי.

בלוט די צונג, שניי די ציין, טאַפּעטונאַ לאַכט,
פאַרביק מיט די ליפּן ברייט און בלוי,
נאָר ווי פייער־פלאַם פלאַקערט אין שטרוי,
צינדן אָן אַ פרוי זיינע אויגן אַזוי.

פאָרט טאַפּעטונאַ נאַהלאַווו, דער באָי,
צום טייך מיט דער ווייסער אַלמנה־פרוי,
טוט זי זיך אויס, קוקט ער אַוועק,
זאָגט זי אים: העלף מיר זיך אויסטון — באָי!

ציט ער די זיידענע זאָקן אַראָפּ
פון די שוואַנען־ווייסע פיס פון דער פרוי,
און ער פילט אויפן קאָפּ אַ גלעט פון איר האַנט,
און ווערטער הערט ער: דו, דזשים, דו נאַרישער באָי. — —

און זי גיט אַ שפּרונג אויף און ער מיט איר,
און די הענט זיינע שטרעקן זיך פלוצלונג אויס,
און קלאַמערן זי איין, ווי אַן אייזערנע צוואַנג,
און קאָנען שוין נישט מער ווערן לויז.

— הונט!! — ער דערפילט אין שאַרבן־ביין,
אַ זעץ ווי פון שטיין אויף מערמל־שטיין,
ער ווענדט זיך און זעט, ווי אַ ווייסער מאַן
זעצט צוויי אויגן־שפּיזן אין זיין האַרץ אַריין.

און דערווייל האָט די ווייסע אַלמנה־פרוי,
וואָס האָט ערשט אַזוי העל צו אים געלאַכט,
די הימלען פון רחמים, די בלויע אויגן,
אין טיפן חלשות פאַרמאַכט.

נאָך האַלט ער פּעסט די אייזערנע קלאַמער,
נאָר פּלוצלונג: שרעק, נאַכט, קעלט, פראָסט —
און ווי פון אַ זעץ פון אַ ריזן־האַמער
האָבן די הענט זיינע נאָכגעלאָזט.

און עס גיט אים ווי שטורעם פון אָרט אַ ריס,
קווער איבער פעלד ביז צום גלאַטן אַספאַלט,
ער פליט — די הענט צוויי פליגלען פון עפּעס
אַ שוואַרצער, ביינערדיקער פויגל־געשטאַלט. — —

אַספאַלט־באַרג־אַראָפּ, אַספאַלט־באַרג־אַרויף,
ער יאָגט אַלע אויטאָס אַריבער אין וועג,
ער איז נאָך נישט קיין פויגל, ער איז שוין נישט קיין מענטש,
ער איז אַליין די שוואַרצע שרעק.

ער פליט אַריבער יאָהאַנעסבורג,
און ווער עס זעט אים פליט נאָך און שרייט,
וועגן און אויטאָס און באַסן און טראַמס,
ער זעט שוין דאָס שוואַרצע געטאָ פון ווייט.

— וווייב, ווייב, גיב גיך די האַק אַהער!
און איר ממזרים ששאַט!
טאַפּעטונאַ נאַהלאָווו טראַכט קיינמאָל נישט לאַנג
ווען עס איז נויטיק אַ גיכע טאַט.

— די טיר פאַרמאַך! — און ער גראָבט מיט דעם קנאַפּל
יאָהאַנעסבורגס ציגל־שטיין־רויטע ערד,
די שכנים אַרום טוען שווייגנדיק זייערס,
כאָטש זיי האָבן גוט געזען און געהערט.

— טאַפּעטונאַ, לויף בעסער ווייטער אַוועק!
— זאָל איך פאַרמאַכן מיט דער האַק דאָס מויל?
— טאַפּעטונאַ, וואָס האָסטו דאָרט אָפּגעטון,
אַז עס ברענט, ווי פייער אונטער דיר די זויל?!

— כ'האָב נישט אָפּגעטון, כ'האָב נישט אָפּגעטון,
שוויַיג שוואַרצע, פֿאַרשאָלטענע הויט!
מיַין בלוט איז הונגעריק, הונגעריק מיַין בלוט,
און די וויַיסע הויט שמעקט פֿריש ווי ברויט.

— טאַפּעטונאַ, זון פֿון באַסוטאָלאַנד,
צוויי שוואַרצע אַלמנות הער איך וויינען שוין,
און יתומים דערצו אַ סך, אַ סך,
טאַפּעטונאַ, האָט זיך עס געלוינט?

— וויַיב, שריַי נישט, נעם בעסער די רינגען אַראָפּ!
— וואָס דאַרף איך די שיינע רינגען, איך?
— פֿאַר אַ צווייטן מאַן! און גיך צי אַראָפּ
דיינע שיינע מתנות, דיינע שיינע שיך! — —

— אָט דאָ איז ער, דאָ איז ער ערגעץ געלאָפֿן!
— אָט איז ער! — אָט איז ער! — אָט איז זיַין הויז!
— מיט שטריק! — מיט קייטן! — מיט צוואַנגען! — מיט העק!
— נעמט אים פֿון זיַין באַהעלטעניש אַרויס!

— איך בין טאַפּעטונאַ פֿון באַסוטאָלאַנד,
מיך קריגסטו נישט לעבעדיק אין דיַין וויַיסער האַנט!
— וואַשן אין בלוט! — ניין, פֿאַרברענען אין פֿיַיער!
— פֿאַרברענען אין פֿיַיער דאַרף מען די שאַנד!

שוין פֿלאַקערט דאָס פֿיַיער הויך, שפּאַרט פֿון די לעכער דער רויך,
עס וויקלט זיך איין די בלעך אויפֿן נידעריקן דאַך,
טאַפּעטונאַס מויל מיט די וויַיסע ציינער
האָט זיך פֿלוצלונג אויפֿן דאַך פֿאַנאַדערגעלאַכט.

— די וויַיסע קאַנאַליע, זי האָט דאָך מיך
צו זיך גערופֿן אַליין!
(עס איז אמת אפֿילו, אַז מ'האָט אים באַלד
דאָס מויל פֿאַרשטאָפּט מיט אַ שטיין).

נאָר דאָס וואָרט האָט מען מער שוין נישט אָפּגעווישט
איז געבליבן אויף אייביק מיט דער שאַנד,
כאָטש קיין זכר איז באַלד נישט געווען מער פון
טאַפּעטונא נאהלאָווו פון באַסוטאָלאַנד.

# דיאַמענטענע נעגער־באַלאַדע

ס'איז אַ מעשה אַזאַ פֿון יעדן טאָג,
פֿון אַ פֿאַרוואָרפֿן אַפֿריקע־שטיק,
אַ קאָלאָניאַלע נעגער־מעשה
פֿון פּאָרטוגיעזיש־מאָזאַמבּיק.

ער הייסט ראַוווּמאַ — ראַוווּמאַ איז פֿייער,
נאָר קאַלט איז בײַנאַכט אויף זײַן שטרוי־געלעגער
דאָס אַלטע ווײַב זײַנס. ווײַל ראַוווּמאַ איז
אַ נאַקעטער, אָרעמער באַנטו־נעגער.

און האָט נישט געהאַט קיין אָקסן געננוג
אין דער גרויסער, דאָרפֿישער שטאַל,
האָט ער געמוזט קויפֿן אַ ווײַב, ווי אַן אַלטע קו,
אַן אַלטע אַלמנה פֿון זײַן דאָרף, זײַן קראַל.

קומט אַמאָל ראַוווּמאַ, ווען עס זעצט זיך די זון,
אויף אַן אָקס אין זײַן קראַל צו רײַטן,
זאָגט מען אים, אַז אַגענטן זענען
געקומען פֿון דער ווײַטן.

און דערפֿאַר טאַקע ברענט דאָס נאַכט־פֿײַער שוין,
און מען טאַנצט שוין אוה־הו! און מען שפּילט,
די אַגענטן האָבן געבראַכט מיט זיך
מעש פֿאַרן שופֿט, קרעלן פֿאַר ווײַבער און דערצו אַ פֿאַרבּיק בילד.

די אַגענטן, שוואַרצע ברידער פון קימבערלעי,
פון די גרויסע דיאַמענטן־מינען,
דאָרט דאַרף מען הענט שוואַרצע — ווילן זיי
שוואַרצע הענט דאָ אין קראַל געפינען.

קוקט ראַוווּמאַ, קוקט אויף דעם שיינעם בילד,
און באַלד אויף דער סטערווע, זיין גרויהאָריק ווייב,
און די אויגן גיבן אַ בליץ און עס גיט
אַ פייער אַ גלי דורך דעם שוואַרצן לייב.

— אַרבעטסט אַ יאָר און קומסט אַהיים,
קאָנסט אין דער צייט גענוג אָקסן פאַרדינען,
צו קויפן דיר דאָס שענסטע ווייב.
— ראַוווּמאַ בין איך, פאַרשרייב מיך דעם ערשטן צו דיינע מינען!

און ראַוווּמאַ פוצט זיך מיט קרעלן און מעש,
און פאַווע־פעדערן אין זיינע האָר,
גייט צו זיין געליבטער אין צווייטן קראַל:
— וועסט וואַרטן אויף מיר נאָך איין יאָר?

— ווי לאַנג קאָן איך וואַרטן, ראַוווּמאַ, געליבטער,
איך וויל, נאָר מיינע ברידער, זיי וועלן
נישט לאָזן. דריי יאָר שוין צייטיק און קיין מאַן נישט דערקענט,
מיינע בריסטן ווילן מיט מילעך שוועלן.

— געליבטע, נאָך איינמאָל, דאָס איינציקע מאָל!
און ער האַלט איר צו דאָס מויל מיט דער האַנט —
— כ׳וועל דיר ברענגען קרעלן און מעש — אַ באַרג.
און שטיל: איך וועל דיר ברענגען אַ דיאַמאַנט!...

מעש־רינגען אויף אָרעמס, פעדערן אין קאָפּ,
און שווערע קרעלן אויף די לענדן,
איז ראַוווּמאַ אַוועק קיין קימבערלעי
מיט די צוויי שוואַרצע אַגענטן.

צו די אַכצן חדשים האָט ראַוווּמאַ געהאַט
זיין אייגנס פינף אָקסן — צוואָנציק פונט,
און די בּענקשאַפט האָט שוין אין האַרץ געבּרענט
ווי אַן אויפגעריסענע וווּנד.

און ראַוווּמאַ קוקט אין הימל אַרויף
פון דרייטויזנט־פּוסיקן קימבּערלעי־קראַטער,
און ער דערמאָנט זיך דעם צוזאָג זיינעם,
און זיין האַרץ גיט ווי אַ פויגל אַ פלאַטער.

און ער גלאַנצט אַרויף צום שטיק הימל אויבּן,
און ער הערט, ווי דאָס וואַסער רינט פון די ווענט,
און ווייטער גראָבּט ער, און פּלוצלונג: דער שטיין!
דער שטיין פון דער ליבּע אין זיינע הענט. — —

ער וואַרפט בּליקן אַרום — טויזנט אויגן אַרום —
— עס וועט יאָ — עס וועט נישט געלונגען —
ער האָט זיך אַזש ווי אַ שלאַנג פאַרדרייט,
ווען ער האָט דעם שטיין אַראָפּגעשלונגען.

און ער גראָבּט שוין ווייטער, כאָטש עס בּרענט דער שטיין.
און פּלוצלונג: אויף דעם אַקסל אַ האַרטע האַנט,
אַ זעץ אין בּויך: — איך האָבּ אַלץ געזען!
גיבּ אויפן אָרט צוריק דעם דיאַמאַנט!

און מען טרייבּט אים אַרויף, און מען שרייט אויף אים
מיט גראָבּע, רויע בּאַסן,
און מיט דינע בּייטשן שרייבּט מען אויף זיין הויט
דעם אורטייל מיט בּלוטיקע פּאַסן.

און ער ציטערט און וואַרט און זעט ווי מען מישט
אַ וואַסער פאַר אים מיט בּלויעם שטיין — —
— טרינק, גנבֿ! — און עס בּרענט אים ווי פייער בּאַלד,
ער פאַרמאַכט די אויגן און פאַרהאַקט די גרויסע ציין.

ער ליגט אויף דעם זאַמד, די אויגן ווידער אָפן,
בלוט־שוים צווישן די ווייסע ציינער.
אַרום אים צען — גוואַדזשען אין זיין בלוט.
ער ליגט געבונדן און איינער.

— נאָך אַ טרונק, ראַוווּמאַ? — און אפשר אַ טעות?
— ניין! — לאַכט אַ באַס — דאָס איז נאָר דער שטיין אַזוי גרויס!
וואַרטן זיי און לאַכן. פאַרנאַכט ערשט איז
אין אַ שטראָם פון שוואַרץ־בלוט דער שטיין אַרויס.

מען דאַרף נישט אַזעלכע, מען שיקט אים אַהיים,
נאָר ביז צום אַהיימשיקן בלייבט ער געבונדן.
מען קאָן אים אויך משפטן. וויל ער — איז תפיסה,
און אויב נישט, איז נאָר געלט־שטראָף — זיינע צוואַנציק פונטן.

די זון האָט געזעצט זיך, ווען ראַוווּמאַ איז צוריק־
געקומען אין קראַל ביים זאַמבעזי־טייך,
ס׳וויים דער גאַנצער קראַל שוין פון נעכטן אָן,
אַז ראַוווּמאַ קומט, און ראַוווּמאַ איז רייך.

פאַר ראַוווּמאַן איז פאָרויס, איבער שטילקייט פון נעכט,
די בשורה פון זיין רייכקייט געפלויגן,
דאָס האָט ראַוווּמאַ פון אַלע קראַלן
געהייסן די טאַם־טאַם־פויקן צופויקן. —

אויך זיין מיידל איז דאָ, נאָר זי קוקט נישט אויף אים — —
נאָר דאָס גרוי־אַלטע ווייב קוקט און זאָגט. הויט און ביין
ביסטו דאָך, ראַוווּמאַ. — אַזוי קומט דער רייכער ראַוווּמאַ
פון קימבערלעי צוגיין?

נאָר ראַוווּמאַ הערט נישט און שרייט: — צום טאַנץ!
און אַלע פייערן אָנגעצונדן,
און דעם בעסטן אָקס אין פייער אַריין!
און גלייך די הויט געשונדן!

די פֿייערן ברענען, צוויי קראַלן טאַנצן,
עס זעצט אין דער נאָז דער רויך פֿון דעם פּעטס,
ראַוווּמאַ שטייט, ער איז פֿייער־באַגלאַנצט,
און פּלוצלונג אין גרויסן טאַם־טאַם אַ זעץ:
— זאָל שטיל זיין דער טאַנץ — אויף אַ רגע שטיל,
ראַוווּמאַ וועט איצטער געבן
אַ דיאַמאַנט זיין מויד! ער האָט צוגעזאָגט, האַלט ער,
צו באַצאָלן אַפֿילו מיט זיין לעבן.
און ער גייט צום גרויסן פֿייער צו,
דאָס מעסער רייסט ער פֿון דער האַנט
פֿון דעם אָקסן־שינדער פֿלינק אַרויס:
— טשאַטילאַ, אָט איז דיין דיאַמאַנט!
פֿאַלט טשאַטילאַ מיט דעם פּנים אַרויף,
זעצט אַ בלוט־שטראָם פֿון איר ברוסט דורך איר האַנט. — —
גיט אַ בליץ דאָס מעסער צום צווייטן מאָל:
— טשאַטילאַ, פֿאַר מיר איז אויך אַ דיאַמאַנט!
און ער גיט אַ שפּרונג צום פֿייער און ליגט שוין,
מיט דער ווונד אין האַרץ, מיטן פּנים אין פֿייער. — —
— — — — — — — — — — — —

אין דערזעלבער נאַכט האָט אין קימבערלעי
אַ מאַן געזאָגט: — טויזנט פֿונטן? צו טייער!
האָט זיין ווייב געזאָגט: — קינד... גיב נאָר אַ קוק,
באָטש נאָך נישט געשליפֿן און שוין אַזאַ שיין
אין אָפּשיין פֿון ליכט. און רויט — ס'איז דאָך טייערסטער גלאַנץ...
זאָגט דער מאַן: — ניינהונדערט! — אָל־רייט, זאָל שוין זיין!

# שוואַרץ־ווײַס־רויטע באַלאַדע

— וואָזשע לאַכן דײַנע גראָבע ליפּן?
און די פֿערדישע צײַנער שטשירען ווײַס?
אַראָפּ מיט דעם ממזר פֿון דעם רוקן!
אַ, ווי זיי פֿרוכפּערן זיך — ווי די מײַז!

— אַרבעט איך פֿויל? וואָס אַרט עס דיך, ווײַסער בוואַנע?
דאָס קינד איז מיר ווי אַ פֿעדערל לײַכט,
און זע, ווי ער לאַכט שוין, יאַמבאַ, בוואַנע!
כאָטש פֿון נעכטיקן בלוט נאָך פֿײַכט.

— וואָס רעדסטו מיר פֿון בלוט פֿון שוואַרצן,
וואָס דאַרף איך ממזרים אויף מײַן הויף?
און ווילסטו נישט אַרבעטן — מאַרש! אין קראַל צוריק!
אַז נישט הענג איך דיך מיט דײַן ממזר אויף!

— מיך הענג איבער נאַכט, נאָר מײַן קינד נישט, בוואַנע,
זע, זע, ווי ער האָט זיך צו דיר צעלאַכט,
דאָס פּנימל שוואַרץ, ווי מײַן פּנים, בוואַנע —
נאָר די אייגעלעך בלוי, ווי די שטערן אין — יענער — נאַכט — — —

— ווײַז נאָר די אייגעלעך, קאַפּער, קאַפּערל,
זיי זענען טאַקע אויף אַן אמת בלוי!
דאָס הייסט, אַז דײַן מאַמע, די זונה איז
געלעגן אויף דעם אָרט פֿון אַ ווײַסער פֿרוי?!

— נישט קיין מוזאַרע, נישט קיין זונה, בוואַנע,
נאָר אַ שוואַרצע פרוי צו אַ ווייסן מאַן,
האָסט אַ שעפּס געשענקט פאַר דער נאַכט צו מיין פאָטער,
דו אַליין! דערמאָן דיך, בוואַנע, דערמאָן!

— האַלט די רויטע צונג, דו קו, דו שוואַרצע,
הינטער דיינע פערדישע ציין!
יאָ — יאָ — מאַרש אין מיין שטאַל, נעם נאָך אַ שעפּס,
און לאָז מיך דאָ מיט דעם ממזר אַליין. — — —

— פאַר אַ שעפּס? פאַר א י י ן שעפּס וועל איך אים דיר געבן?
און פינף־מאָל פינף אָקסן, ווען דו גיסט?!
זע, ווי ער שמייכלט, ווי די הענטעלעך ציען זיך
צו דער ווייסער מילך פון די שוואַרצע בריסט.

— מיט דער בייטש אין מיין האַנט וועל איך צעשניידן
פון דיינע ברוסט די שוואַרצע הויט,
כ׳וועל אים שוין ז י י ן מאַמעס, דער זונהס, מילך
פאַרפאַרבן רויט.

— די ברוסט מעגסטו שניידן, נאָר דעם רוקן — נישט!
ווייל דאָרטן זיצט דאָס קינד —
אַ! אַ!! שטאַרקער נאָך, שטאַרקער,
שנעל, שנעלער, שינד!

פאַר יעדן בליץ פון די גרויסע ווייסלען,
פאַר יעדן געלעכטער, נאַריש געלאַכט,
פאַר יעדן קוש מיט די בלויע ליפּן
אין יענער הייסער נאַכט.

— בוואַנע, בוואַנע, איך גיי דאָך באַלד אויס,
ווי, ווי — דו בלייבסט מיט דעם קינד אַליין —

אָ — אָ!! איצט שלאָגסטו דאָך ס'קינד, דערקענסטו דען נישט,
בּוואַנע, דיין אייגן קינדס געוויין?!

— פֿאַר יעדן כּישוף־שפּרוך, וואָס דו האָסט שטיל
צו דיינע געטער דעמאָלט געֿרעדט!
פֿאַר יעדן אַרומנעם מיט די שלאַנגען, די שוואַרצע פּיס
אויף דעם ערדענעם בּעט!

— אָט — אַך! אָט בּלייבּסטו שוין, בּוואַנע, בּוואַנע,
מיט דעם קינד אַליין —
אָ מאַמע ערד! צי דיך נאָך איינמאָל אויס, צעשניטענע האַנט!
נאָך אַ צי — אָט איז ער — אָט האָב איך אים שוין —
דעם שטיין!
דו וועסט שוין נישט בּלייבּן, ווייסער בּוואַנע,
מיט דיין שוואַרצן קינד אַליין —
אַך!

# דרום־אַפריקאַניש האַרבסט־ליד

דער הימל — קאַלט, הויך, טויט, בלוין און בלוי,
אויף פעלדער און וועלדער — ווייסער פראָסט,
די נעסטן פוסט — די פייגל פון זומער
האָבן זיי שוין פאַרלאָזט.

און אייזיקע גרודעס צעשפּאָלטן — די הויט פון דער מאַמע ערד,
און ס'בייגן זיך טיפער די האַרבסטיק־לעצטע טעג פון מאַי,
ווי זקנים צו די גרודעס ערד — טיפער פאַרקריכט
דער וואָרעם און די מויז אין זיי.

טשאַטעס פייגל אין גלייכע שורות
צו וואַרעמען צפון פליען אין קאַלטן הימל פאַרביי,
שורות־ווייז, שנור'ן־ווייז, מיט שניידיק, אייזיק הימל־געשריי
אין פראָסטיקן פרימאָרגן פון מאַי.

און אין דער דזשונגל, אויף דער סטעזשקע קיין צפון,
פליט אַ מחנה סוואַזים — אין אַ לאַנגער שלאַנגען־ריי,
די שלאַנקע הענט ווי די פליגלען צעלאָזט,
פון די פרעסט אַוועק, פון דעם שרעקלעכן מאַי.

די שוואַרצע לייבער פיאָלעטע פון קעלט,
די מיילער קלאַפּערן אַ צאָן אָן אַ צאָן.
אָט האָבן זיי פלוצלונג זיך אָפּגעשטעלט
און צונדן אַ פייער מיט שטיינער אָן.

אַט פֿליען זיי אין אַ וואַלד אַריין — און דער וואַלד שטייט אַ נאַקעטער
שוין,
זיינע שטאַמען זינקען אין געלן בלעטער־טייך,
נאָר דאָ און דאָרט — ווי אַ סנה — אַ פֿלאַמען־בוים
מיט די רויטע פֿלאַמען־בלומען גליט און לייכט.

פֿייגל אין הימל, סוואַזים אויף דער ערד,
וואָס נאָר לעבט — פֿליט אין וואַרעמען צפון אַריין.
שוין דער מאַי, ווי אַ גרויזאַמע פּעסט, האָט די וועלט צעשטערט,
ווער ווייס, ווי עס וועט דער יוני זיין. — —

# ס ו ע ז

## סצענע אין הימל און דריי בילדער

צייט: 1860 ביז 1870

### בילד איינס

סצענע און אַקציע

(שוין זיבן הימלישע טעג און נעכט, גייט אין הימל אַן אַ וואָרט־געפּעכט,

אין סאַמע געהיימסטן קאַבינעט.
דעקאָראַציע: ווענט דורכזיכטיק, סאָליד געפלאָכטן פון ווידוים, לעצט געבעט,

אין גרינעם שאָטן פון בלויע בלעטער, פון גאָטס פּריוואַטן בוים
קומט פאָר אַ זיצונג. אויפן סדר־היום:
הימלס שטעלונג צום סועז־קאַנאַל).

פערזאָנען

(דריי זענען זיי
אין דעם וואָרט־געפּעכט
אין די זיבן טעג און נעכט:
מלאך פון קריג און פון זיג און פון ווידער קריג,
מלאך פון גאָלפן־גלאַנץ און פינאַנץ,
ער אַליין — אין גאָלדפּיאָלעטן גלאַנץ).

מלאך פון קריג:

נעם דיך צוזאַמען, הערלעך אַלטער גאָט. —

מלאך פון פינאַנץ:

(צו דעם פון קריג)

דו אידיאָט,

דו זעסט דאָך, אַז ער שלאָפט, זעסטו נישט אין זיינע אויגן טויטן פלאַם?

זאָג עם אים מיט שניידנדיקן גראַם!

פון קריג:

(קוקט דערווייל אויף פון פינאַנץ מיט אַ געלעכטער קרום)

הונדערט שיפן האָבן דיך אָנגעגריפן, אַ גאַנצער פלאָט,

וואַך אויף, אַלטער גאָט!

פון פינאַנץ:

ווייניק דאָס אויף איין צאָן,

אָט אַזוי הויבט מען אָן.

בלוט אַ קעסל־גרויס, ווי דער רויטער ים, הונדערט גראַד — זאָט!

אַלע קירכן, שולן, מעטשעטן, אויס געבאָטן — שפּאָט!

אויף די הימל־ראַנדן איז פאַרענדיקט באַלד דער צוים פון שטעכיקן דראָט!

נעם דיך צוזאַמען — גאָט!

ער אַליין:

האַ?

פינאַנץ:

אָט אַזוי איז רעכט,

ענדלעך וועלן מיר דיך האָבן נאָך דעם וואָרט־געפּעכט

פון זיבן טעג און נעכט!

(און ער רודערט מיט די גאָלדענע פליגלען און אפילן מיט די דימענט־הענט,

ווי אַ גאָלדבריליאַנטענע ווינטמיל זעט ער אויס,
און ער ברענגט אַרויס דעם לעצטן אַרגומענט).
ווי מעגסטו רואיק בלייבן, אַז אונטן אויף דער ערד קלייבן
זיי קאַפּיטאַל, קאַפּיטאַל אויף צו שפּאַלטן
מיט אַ פּלאַן, אַן אויסגערעכנטן און קאַלטן,
וואָס דו, האַר פון הימל און פון דער ערד, האָסט אַליין עס אויסגעקלערט,
און אין היץ און פייער פאַנאַנדערגעהאַלטן.
דו האָסט געבויט מיט פייער און מיט בליץ,
און זיי — מיט שאַרפן קריץ פון פעדער־שפּיץ,
מיט אַקציעס, מיט קאַפּיטאַל,
גייען עס איבערמאַכן אויף אַ סועז־קאַנאַל.

ער אַליין:

(טראַכט
אַ לאַנגע רגע, שיר נישט אַן אַכטע נאַכט)
איך וועל קויפן אַלע אַקציעס פון אַלע קאַנאַלן,
וועט בלייבן אין מיינע הענט זייער שטייגן און זייער פאַלן.
דאָס איז מיין לעצטע דעה —
נאָר דו ווילסט דאָך רעדן — און עס איז דיין רייע.

קריג:

ניין, דאָס איז נישט מער — אַ טריק.
(ער עפנט אויף אַ קליינעם ריגל,
גיבן זיך אַ לאָז אין געדויש צוויי הוזאַרן־פליגל,
ער צעשפּרייט די פינגער פון זיינע הענט,
רויכערן ווי ביקסן־לופעס, ערשט וואָס אויסגעברענט)
סועז
איז אַ פּרוּוו צו דיר, ביסט נישט, אָדער ביסט עס
גאָט? — האָסטו געהערט,
נאָך אַלעמען וועמעס איז די ערד?
אַקציעס — אויך גוט, אָבער ווייניק אַזאַ מין טריק,
איך לייג פאָר אַן אונטערערדישן קריג,

דאָס בעסטע איז — אַ קליינער, אונטערערדישער וווּלקאַן,
דאָס איז מיינער — קענן זייער פּלאַן.
גיב נאָר אַ קוק, ווי אָט דער, איינער עפּעס אַ פערדינאַנד,
האַלט שטאָלץ דעם פּלאַן אין זיין האַנט.
ער זאָגט: אַלץ קאָן מען מאַכן מיט מענטשלעכע הענט,
מענטשן, זאָגט ער, זענען היינט שטאַרקער ווי געטער,
און ער איז שוין פאַרטיק מיט זיין פּאַרלאַמענט,
דאָס איז דאָך געלעכטער, געשפּעט, הער ווי ער רעדט,
ווי ער וואָלט געווען איינער פון אונז, די געטער.
נאַרישע — נאַרישע — הונדערט און זעכציק קילאָמעטער
שפּאַלטן וועט ער,
גיב אים נאָר הונדערט טויזנט הענט און איין יאָרצענט.

ער אַליין:

אָרום און אָרום
זענט איר ביידע נישט קיין שלעכטע רעדנער, נאָר איצט זייט ביידע שטום.

איך וועל לאָדן זייערע שיפן מיט אָפּיום — דאָס קלער איך,
וועט מאַכן די זאַך אינגאַנצן אומגעפערלעך.

בילד צוויי

סצענע.

(זיבן הימלישע טעג, זיבן יאָר אויף דער ערד,
זיי זיצן נאָך אַלץ — און זיך צו גאָרנישט דערקלערט).

קריג:

זע — זיי האָבן שוין דיין טויער דורכגעריסן,
הערסטו אין דיין אייביקן טויער דאָס וואַסער גיסן?
דאָס גיסן זיך די וואַסערן פון צוויי פון דיינע ימען
אין איינעם צוזאַמען.
זינגען האַפּערדיק אַ ליד פון זיג.

קריצן אין שטיין דאָס ערשטע געבאָט פון זייער ווערק:
עפנט פאַר די פעלקער די וועלט!
כאָטש מיר ווייסן אַלע, אַז מיינען מיינט דאָס: געלט —
נאָר דאָך — האָסט אַ פעלער געטון, האָסט זיי צוגעלאָזט צו דיינע בערג,
איצט האַלטן זיי בײַ די ימען שוין,
ווי ווייט איז עס צו דער זון? צו דיין קרוין?
הערסטו אין דרויסן געזאַנג און געבעט — שפּעט, שפּעט, שפּעט!
דאָס איז דיין גאַנצער קאַבינעט.

ער אַליין:

עפנט די וועלט פאַר די פעלקער — דאָס קלינגט דאָך ווי אַ ליד —
איך וועל ווייטער לאָדן זייערע הערצער מיט געלט, די שיפן מיט דינאַמיט.

פינאַנץ:

איך קאָן שוין נישט לענגער זיצן שטיל,
זיי ווייסן און דאָ ווייסט קיינער נישט, וואָס ער וויל,
דינאַמיט איז גוט — אָבער מיר זענען נאָר זאַלבעזיבן און — דו.
און זיי דאָרט? רויבט עס דיר נישט דיין געטלעכע רו?
מיליאָנען, מיליאָנען.
זע, פונקט אונזער דרייצנטע זיצונגס־נאַכט,
דער סועז איז שוין אויפגעמאַכט.
נישטאָ וואָס צו רעדן. אָפּן! נאָך ווייניקער איז צו האָפּן.
עפנט די וועלט פאַר די פעלקער — מיליאָנען —
און ס'פּלאַטערן זיבעציק פאָנען.

ביידע:

(צוויי פויסטן
אין כעס אין צעברויזטן,
איינע פון אייזן און איינע פון גאָלד, צעשטויסן
שיר נישט דעם געטלעכן טיש אויף שטיקער).
טון איז דער עיקר!
טון — ארויסווייזן ווילן.

ער אַליין:

איך וועל לאָדן זייערע שיפן מיט — באַצילן.
זייערע הערצער מיט גרינעם גאַז
פון פאַרביסענעם האַס —
זאָלן זיי עפענען מיינע ימען מיט קאַנאַלן —
זיי וועלן זיך באַלד, ווי אַלע מיינע גוטע חיות מיט ציין אין העלזער פאַלן

גאַז און באַצילן —
דאָס איז דער לעצטער אויסדרוק פון מיין ווילן —
(און ער הויבט זיך אויף)
די זיצונג האָט דערגרייכט איר סוף.

בילד דריי

סצענע.

(איין שעה שפּעטער
זיצן אַלע אַכט
אין דער פּיאַלעטער נאַכט,
אין גרינעם שאָטן פון די בלויע בלעטער
פון גאָטס פּריוואַטן בוים.)

פּערזאָנען:

דאָס מאָל — אַלע אַכט.

פּיזאָנץ:

געווען אַ שווערער סדר־היום

שפּייז:

באַלד וועט קאָכן דאָס וואַסער צום טיי, עס שמעלצט שוין דער בריליאַנט.

(די זיבן אין גליקלעכן שמייכל זאַלבענאַנד

שווייגן — ער אַליין זיצט פאַרחלומט אין טיפער פאַרקלערונג,
אויף זיין זילבער־באָרד קייקלען זיך פּערל).

יוגנט:

כאַפּט זיי אין די הענט ון גאַכט: כי, כי! אַ טרערל!

וויסן:

מען קאָן אים שוין גאָרנישט מער פאַרשטיין —

געזונט:

נישט גוט אינמיטן אַ סעודה־געוויין.

באַוועגונג:

עפנט פאַר די פעלקער די וועלט. —

ער אַליין:

(פאַרטראַכט — די אויגן מיט דער האַנט פאַרמאַכט)
דו (ער ווייזט אומבאַשטימט מיט אַ פינגער) האָסט געזאָגט, אַז דאָס הייסט געלט,
וואָס הייסט געלט — און איך — ווער בין?
זאָל דאָ זיין אין דעם אַ זין —
אַז מיר זענען —

וויסן:

זאָג עס נישט, עס איז נאָך פאַרפריט!

שפּייז.

עס זידט!

IV

# אייראָפּעישע

# גיטעלע

## אַ וואַרשעווער קינדער־באַלאַדע

אין וואַרשע, אויף דער סמאָטשע־גאַס,
זענען די קינדער קרעציק און בלאַס,
און בעטן ביי די מאַמעס ברויט,
און עס וואַרפט זיי פון קעלער אַרויס דערפאַר
די מאַמע — אין די לעכער פון טראָטואַר.

קוועטשן זיי די נעז צו די פענסטער מיט שפּייז,
זעען געלע פּוטער און ווייסן רייז,
און לאָזן זיך פון הונגער — איבער דער שטאָט.
זיי טשעפּען זיך אָן אויפן בופער פון טראַמוויי,
וואָס לויפט דאָ צום הויפּט־וואָקזאַל פאַרביי.

אָדער שטעלן זיך אַרום מיט רעש און רויש
אַרום אַ פולן, קאָכעדיקן בייגל־קויש.
נאָר טאָמער גיט אַ בליץ נאָר פון דער ווייט
אַ מעשענער דאַשעק פון אַ פּאָליציאַנט,
שטעלן זיי זיך שטילע אויס ביי דער וואַנט.

אַז דער דאַשעק פאַרשווינדט פון אַלעמענס בליק,
קומט דער בייגל־קויש אויף זיין אָרט צוריק,
העלפן זיי שרייען אַרום בייגל־קויש:

אַ גראָשן אַ בייגל, קאָכעדיק און הייס!
ביז דער בייגל־הענדלער צעטרייבט זיי בייז.

און אַז דער בייגל־הענדלער צעטרייבט זיי בייז,
געפינט זיך שטענדיק אויף דער נאַס עפּעס נייס:
אָטאָ הינקט אַ וועגעלע מיט פלוימען פול,
און פון צייט צו צייט — עס איז ווי אַ טרוים —
פליט פון וועגעלע אַראָפּ אַ פלוים. — —

אין רינשטאָק פאַלט זי, איבער שטיינער, ווי טרעפּ —
גיבן זיך אַ לאָז נאָך איר די קינדער־קעפּ,
און די פלוים — זי ווינקט פון דעם רינשטאָק שוין
מיט דער גוטער זייט — די צווייטע איז פויל —
און די סלונע רינט אַזש פון קינדער־מויל.

און איידער עס ווערט זייגער עלף ביינאַכט,
און די טויערן ווערן אויף דער סמאָטשע פאַרמאַכט,
רוקן די קינדער ווידער אַלע אָן,
און איינציקווייז גיבן זיי זיך אַ שאַר
אין די קעלערס אַראָפּ, גלייך פון טראָטואַר.

דער טאַטע — ווי אַ וואָלף, די מאַמע איז קראַנק,
און דאָס לעמפּל האָט געטון שוין דעם לעצטן צאַנק.
— ווו איז גיטל?! וואָס איז גיטל עפּעס נאָך נישטאָ?
— זי שלעפּט זיך אוודאי, גיט דער וואָלף אַ ברום —
ווידער מיט די שקצים אַרום!

און ער כראַפּעט באַלד: כאַפּט זי אַ שוואַרץ יאָר!

— — — — — — — — — —

און אַזוי, ווי עס וואָלט שטיל גערודערט אַ שטשור,
קומט גיטעלע אַריין נאָך האַלבער נאַכט — —

ווי אַ בער אַ מרוק, גיט אַ בעט אַ סקריפּ:
— אַ רוח אין דיין טריפה האַרץ, אַ בראָך אין דיין זיבעטער ריפּ!

זי איז שיכורלעך און מיד, צוועלף יאָר אַ קינד,
גיט זי פון שרעק אַ שוועבעלע אַ צינד,
און ווי דאָס פלעמעלע גיט נאָר אַ פלאַם,
איז די גאַנצע שטוב באַלד אויפגעוועקט,
טאַטע־מאַמע שרייען, די קינדער וויינען פון שרעק.

נאָר כאָטש זיי דערזעען זי וואַקלדיק שטיין,
מוז דער כעס באַלד אַליין פון זיך פאַרגיין:
ווי אַ כישופמאַכערין שטייט זי אין שטוב,
עס טאַנצט איר שאָטן אויף אַלע פיר ווענט,
און ווי בראַנזאָלעטן — בייגל אויף די הענט .

און זי גיט אַ לאַך, אַ שפרונג און אַ טאַנץ
און דערלאַנגט דער מאַמען אַ גרויסע מאַראַנץ,
און עס קוליען זיך בייגל צו די קינדער אין מויל,
דער טאַטע גאַפט — און זי שטייט שוין ביי זיין בעט
און פאַרשטאָפּט אים דאָס מויל מיט אַ ציגאַרעט.

אָט אַזוי איז אויף סמאָטשע, נומער זעכציק ניין,
דאָס גליק אַליין אין קעלער אַריין,
די מאַמע איז ווידער אַ מענטש — און אין טאָפּ
קאָכט אַמאָל זיך קאַרטאָפליעס, אַן אַנדערש מאָל — רייז,
דער טאַטע רויכערט און איז נישט מער בייז.

און ס׳גליק איז געגאַנגען אַ פערטל יאָר,
גיטעלע גנבעט זיך מער נישט ווי אַ שטשור,
נאָר זי קומט אַהיים, צינדט דאָס לעמפּל אָן,
דער טאַטע — אַ גוט־וואָרט, די מאַמע — אַ גלעט,
און זי לייגט זיך צו דער מאַמען אין ווארעמען בעט.

נאָר איינמאָל איז אויף סמאָטשע, נומער זעכציק ניין,
אַ גאַנצע נאַכט געווען געוויין:
— גיטעלע, גיטעלע, אונזער שפּייזער, אונזער קינד!
דער טאַטע שרײַט: ווי איז מיר און ווינד!
און די מאַמע וויינט זיך אויס די אויגן בלינד.

גיטעלע האַלט צו דאָס פּלייצעלע מיט דער האַנט,
יוען עס קאָפּעט זי פּאַר זיך דער פּאַליציאַנט
מיט אַ גאַנצער טשאַדע אין צערקל אַריין.
דאָרטן לייגט זי זיך שטיל אַנידער אויף דער ערד,
און זי זאָגט: מסתּמא איז אַזוי באַשעו׳ט.

נאָך דער נאַכט אין צערקל — אין קרעץ־שפּיטאָל,
דאָרטן שערט מען איר אָפּ דאָס קעפּל גאָל,
דאָרטן ליגט זי אָפּ אַ וואָכן פיר,
און גלייך פון דעם קרעץ־שפּיטאָל אַרויס,
שיקט מען גיטעלען אין פאַרבעסערונגס־הויז.

און נאָך אַ חודש אין פאַרבעסערונגס־הויז
גלייך אויף דעם פּראַגער בית־עולם אַרויס.
און פון דעם פּראַגער בית־עולם צוריק
שווייגט דער טאַטע — אַ שטיין. די מאַמע שווימט אין געוויין,
צוריק אויף סמאָטשע נומער זעכציק ניין.

און אין וואַרשע, אויף דער סמאָטשע־גאַס,
זענען די קינדער קרעציק און בלאַס,
און בעטן ביי די מאַמעס ברויט,
און עס וואַרפט זיי פון קעלערס אַרויס דערפאַר
די מאַמע — אין די לעכער פון דעם טראָטואַר.

קוועטשן זיי די נעז צו די פענסטער מיט שפּייז,
זעען געלע פּוטער און ווייסן רייז,

און עס כאַפּט זיך אויף אַזאַ הונגער אין זיי,
און זיי כאַפּן זיך אָן די בופערס פון טראַמוויי,
און זיי לאָזן זיך אין הונגער, ווי אין ווילדער שרעק,
איבער אַלע גאַסן פון וואַרשע אַוועק,
און פון גרויסן וואָקזאַל אויף די בופערס פון דער באַן,
וווּ עס איז נאָר אַ שטאָט אין פּוילן פאַראַן,
און ווייטער, ווייטער און אומגעקלערט,
וווּ עס איז נאָר אַ לאַנד אויף דער גרויסער ערד,
נאָר וויפל מען שעפּט פון ברונעם אַרויס,
גייט קיינמאָל אין אים דאָס וואַסער נישט אויס,
אַזוי גייען נישט אויס אויף דער סמאָטשע־גאַס,
די קינדער, וואָס זענען קרעציק און בלאַס —
און אַז גיטעלעס נשמה איז אין הימל אַריין,
האָט זי דאָרט זיך, ווי אין צערקל אויף דעם דיל געלייגט,
און דעם מלאך האָט זי שטיל אויף דעם אויער געפרעגט.
מוז עס טאַקע, וועט עס טאַקע אַזוי אייביק זיין?

# וואַרשאַווע

וואַרשאַווע —
טונקעלע שוועסטער פון די הויפּט־שטעט פון אייראָפּע,
טראַגישע געליבטע פון דעם קאָרסיקאַנער גענעראַל
באָנאַפּאַרטע,
פּרימאַדאָנע פון גרויסן טעאַטער —
שרעק פון די הינטער־קוליסן.

גענעראַלישע שווערדן־שאַרפן
בליצן אויף קיזל־שטיין,
אַ וועלט איז גרייט צו דועלן,
וואַרשאַווע ליגט מיט פאַרמאַכטע אויגן,
אויף וועמען וועט זי אירע בליקן וואַרפן,
ווען זיין וועלן
פּלוצלונג זיך אָן עפן טון,
ווי בלויע טייכן צווייי אונטער טונקעלע ברעמען ווי רעגנבויגן. — —

וואַרשאַווע —
מיט די גריכיש געפלאָכטענע טונקעלע צעפּ,
ליגט און וויינט אין איר שלאָס,
אויף די בלויע אויגן — אירע שמאָלע הענט —
געליבטע הינטער אַלע פיר ווענט,
און אין אַלע פיר ווענט פאַרהאָנגענע פענסטער, פאַרמאַכטע טירן.
פענסטער שוויינן, פענסטער פאַרפירן.

דורך וועלכן, דורך וועלכן פענסטער וועט זי ווען ווארפן אַ בליק?
דורך וועלכער, דורך וועלכער טיר
וועט זי אַ געליבטן נעמען אין איר
טונקל־סאַמעט־בלויען בעט — —
די פענסטער בלענדן, טירן פאַרפירן.

וואַרשאַווע —
טונקל וואָרט אָן אַ זין.
אין די קעלערן פון אירע פּאַלאַצן, אַרום אירע טויערן, אין אירע מויערן,
האָבן זיך וואַנדערער יידן — שוואַרצע צוגעטוליעט, ווי ציגיינער.

וואַרשאַווע —
לאָזט אין די טעג אירע הינט די ווייסע ציינער
שטשירען אויף די וואַנדערער און בילן
ווי די וועלף. נאָר ביינאַכט גייט זי אין ווייסע הילן,
אין איין העמד פון שלאָס אַרויס,
און בינדט מיט שמאָלע הענט די הינט צו קייטן,
זי גייט צו איר געליבטן, די ווילדע אָרעמס אויסצושפּרייטן
צו דעם, וואָס זי האַלט אים אויף קייטן געפאַנגען,
זי גייט אים אירע ליפּנס פאַרלאַנגען אויף קניען, ווי אַ דינערין דערלאַנגען,
ער איז, ווי דאָס קינד פון איר זינד,
און ווי גיפט אין בלוט אין שלאַנגען־ביסן
פילט זי איר זינד אין איר געוויסן.
זי האָט ליב אים צו זען אין די קייטן,
זי האָט ליב אים צו הערן, צו הערן —
ווי ער איז צו איר פון אַלע לענגען און אַלע ברייטן
פון וועלטן געקומען —
זי האָט ליב צו קניען אויף קעלער־שטיינער, נעבן דעם שטרוי פון זיין געלעגער,
זי האָט ליב צו זען, ווי ער ליגט געבונדן,
און ווי אייזן שניידט זיך אין זיינע ווונדן,

און זי האָט ליב זיין טענה צו הערן,
און די קייטן זיינע צו באַנעצן מיט אירע גרויסע, הייסע טרערן.

וואַרשאַווע —
צומאָרגנס שיקט זי ווידער אירע שוואַרצע דינער און אירע בלאָנדע
מיידן,

צו די געליבטע הינטער אירע ווענט,
מיט שוואַרצע, פאַלשע בריוו פון אירע גלייכע, ווייסע, דינע הענט,
זי שיקט זיי אויף אירע פעלדער, זי שיקט זיי אויף אַלע פיר זייטן
צו וואַרטן אויף איר. —

וואַרשאַווע —
הייסט זאָטלען אַ פערד פאַר זיך,
און לאָזט זיך אין דעם אָקטאָבער־ווינט, ווי אַ שיקסע אין אַ זגרעבנע
העמד, רייטן, רייטן, רייטן. —

צו אַן איינזאַמען קרייצן־וועג,
צו אַן איינזאַמען וועג־קרייץ
דאָרט ליגט זי אַוועק זיך,
אַ קרייץ אַליין,
פון ווייסן פלייש און רויטן בלוט אין ווייסן ביין,
און עס קומט איבער איר, ווי אָקטאָבער־רעגן — אומענדלעך געוויין,
יעזו, יעזו — יע־זו —
און יעזו לעבט אויף —
אַרום דעם האַלז פון צלם רינט,
אַ דינער שטראָמל בלוט —
זיינע ליפּן צעשפּאַלטן פון ווי און אָקטאָבער־ווינט,
שעפּטשען:
שוועסטער —
איבער אַלע הימלען געשפּאַנט
מיין ליב אויף דעם קרייץ —
אויף דעם הימל איך — און דו אויף דער ערד, אויף דעם לאַנד,
וואָס איז קרייץ. —

וואַרשאַווע —
הויבט זיך פּלוצלונג אויף, זעצט זיך אויף אויפן פערד
און רייט,
איבער די גרודעס פון אָקטאָבער־ערד,
אַהיים — —
קומט בייַנאַכט, בליצן שווערטער ווידער נעבן אירע פענסטער,
און לונעס פייער־פלאַמען פון אַלע זייטן —
און זי הערט דורך די ווענט דעם אָקטאָבער־ווינט וויינען פון אַלע וווייטן:
דו ביסט נישט קיין שוועסטער, דו ביסט נישט קיין מאַמע —
אַ שטיפמאַמע ביסטו צו אונז פאַלאַקן.

וואַרשאַווע —
ציטערט פון שרעק און קעלט,
און טרערן, וואָס שווערן, ווי בליי,
גליען און שמעלצן און טריפן אויף אירע באַקן. —

# זומער-נאַכט-געשפּרעך מיט פרוי פּאַריז

מיט ווילדע מײַלער צום הימל אויפגעריסן
שיסן
רעפלעקטאָרן
סאַלוועס ליכט-געלעכטער
אין נאַכט-הימלס פינסטערן פּנים.
מיט שטילן פאַל
פון מעטעאָרן
ענטפערט דער הימל דעם פּלאַס ד'עטואַל.

מילכוועג אויף ערד, מאָנפּאַרנאַס-בולוואַר,
פרויען-געפּלאַטער, איין-נאַכט-שמעטערלינגען,
גייענדיק טאַנצן, טאַנצנדיק זינגען.

דיכטער פון אַלע פעלקער, מאָלער פון אַלע ערדן שטייען אין באַרן,
אַקסל צו אַקסל פּאַריזער קלאָשאַרן צו וועלט-קלאָשאַרן —
שלינגען
ריח פון שוואַרצער קאַווע דאַרשטיק איין,
און דערצו דעם ווידערשיין
פון רויטן וויין.

האָר — טונקל, אויגן — פינסטער-בלוי,
א ווײַנשיכּורע פרוי.

— וואָס ווינקסטו צו מיר אַזוי?

— קום מיט מיר, שיינע פרוי!

— ווער ביסטו, אַז איך זאָל פאַרלאָזן דעם ווײַן
און מיט דיר גיין?

— אַ מענטש, וואָס גייט דורך דער ברייט און לענג
פון דער ערד און זוכט, ווי אַ בער, ווי אַ שענק
דעם צווייטן זון. —

— און לעבסטו דערפון?
וואָזשע ווילסטו, אַז איך זאָל מיט דיר גיין,
אַז איך בין גאָר שיכור פון נאַכט און פון ווײַן,
דערקענסטו נישט, פרוי פּאַריז? פרוי פּאַריז אַלוון!

— קום שיינע, קום פּאַריז אין אַ טונקעלן פּאַרק,
איידער עס שלאָגט די צוועלפטע שעה,
און ס׳גייט דער לעצטער מעטראָ,
און איך האָב נאָך אַ לעצטן פראַנק,
לאָז דיך נישט בעטן שווער און לאַנג,
דו ביסט דאָך אַ לייכטע פרוי — שטאַרק, שטאַרק, שטאַרק
האָב איך דיך ליב. —

— האַ־האַ!

— קום, ווייסטו וואָס, אונטער דעם שווערן
אייזערן ביינאַכטיקן שאָטן פון אייפל־טורעם
דאָס ביינאַכטיקע רוישן צו הערן
פון דעם ווינט און זיינע אייזערנע צווייגן,
און אַליין אַ שעה מיט פּאַריז צו — שווייגן.

גו קום — אין מעטראָ צום איפל־טורעם,
גו, רוק שוין אַריין די האַנט אין מיין אָרעם.

— און לעבסטו דערפון,
וואָס דו זוכסט אַרום דעם צווייטן זון?
גו קום — נאָר אַפּגעהיט,
ווייל איך בין מיד,
פון קאַמף און ווי און יאָרן,
זעסט, ווי עס לעשן זיך מיינע אויגן? — אויסגעגליט —
מיין צייט איז געקומען, איך בין אַלט און גרוי געוואָרן.

— ווער גלויבט דיר דען — פּאַריז? דיינע אויגן — האַלב־פאַרמאַכט,
פענסטער־לאָדן, נאָר אין האַרץ ביסטו העל־באַלאָכטן,
גרויע האָר! גרויע? שטראַלן! האָסט דאָך היינט פאַרנאַכט
דריי גרויסע שטערן אין די האָר פאַרפלאָכטן!

— דו שיינער, דו נאַרישער, גלויביקער דו! דו זוכסט אַ צווייטן זון
און איך האָב אין דיר — מיין ערשטן געפונען!
ווי גוט — אַ מאַן אין פולער קראַפט!
ווייסטו, מיין זון, קוק מיר גלייך אין די מידע אויגן,
מיין מיידל־ברוסט האָט דיך געזויגן —
כאָטש איך בין קיינמאָל נישט געווען מאַמע. —

—אָט דאָ,
גיי אַרויס פון מעטראָ.

— נאָר לאָמיר שווייגן,
הערן ווי ס׳קלינגט דער ווינט אין די אייזערנע צווייגן,
איך בין מיד, לאָז מיך רוען, אָט איז אַ באַנק — —
ועסט נאָך האָבן אויף אַן אויטאָ אַ פופצן פראַנק?
איז גוט — קום ווייטער אין שאָטן
דאָ שטעכט מיך דאָס ליכט פון דער סיטראָען־רעקלאַמע.

— — — — — — — — — — —

פאַרבלאָנזשעטע קראָען
הויך צווישן צווייגן פון אייזן
פלאַטערן געוועקטע און שרייען,
ווייטע זייגערס, ווי פייער־שטייגער אין נאַכטיקע ראַמען,
ווייזן
דעם לאַנגזאַמען גאַנג פון די פערטל־שעהן,
איינציקווייז לעשן זיך אוים די ליכט פון רעקלאַמען.
פּאַריז שלאָפט — אויף איר פּנים שפּילט
אַן אַלטער שמייכל פון אַ באַגליקטער מאַמען —
דער מאַן נעבן איר קאָן נישט איינרוען מער — ווערט ווילד.

— פּאַריז, פּאַריז!
שטיי אויף, דו יונגע פּאַריז!
דו טאָכטער, מאַמע, שוועסטער, פרוי מיט ציינער ווייס־שאַרפע און קליינע!

דו גענייוס פון פרייהייט, דו ווילדע יאַקאָבינערין!
דו קומענדיקע געווינערין
פון צווייטן און לעצטן זון!
דו געטין פון אַלע ריינע,
דו מילדע ריכטערין פון אַלע געמיינע,
אָרעמע אין גייסט, נידעריקע בייערדיק־קליינע.

— אָ, דו!
דו גיסט נישט קיין רו!
דו מאַן — און האָסט גענומען אַראָפּ
די וואַרעמע פליגל פון דיינע הענט פון מיין מידן קאָפּ,
דו לאַנגווייליקער, ביסט ווי אַלע פון דער גאַנצער ערד,
דיינע ווערטער האָב איך שוין טויזנט מאָל אין הונדערט יאָרן געהערט,
לאָז מיך שווייגן, רוען,
אונטער דעם וויגן־ליד פון די קראָען,
און שטילן גאַנג פון די נאַכטיקע שעהן.
אָדער —

(זי שפרינגט אויף — גרייט צו אנטלויף)
איך וועל בעסער גיין צו די מעטראָ־טרעפ,
וווּ עס ליגן שוין —
אויף שטיינערנע קישנס פון טרעפ די קעפ
פון די סענטלאָזע פרינצן — און זעען אין טרוים וועלט־דרוף און קרוין,
מיינע גרויסע, פרייע קינדער פון דער פרייהייט,
די קלאָשאַרן,
די טויזנט וועלט־חכמים צווישן פיר מיליאָנען בירגער־נאַרן,
אין זייער אין־ערדישער רו, אין זייער הימלישן שווייגן,
וועל איך מיך אנידערלייגן.
אַ גוטע נאַכט, פּאַריז!

אַ גוטע נאַכט!
נאָר אין מיין הארצן וועלן ווייטער זיבנפארביק פלאַמען,
אַלע פרייהייטס־טרוימען פון אַלע פעלקער און אַלע זיבן ראַסן־שטאַמען,
מיר אַלע האָבן דיך ליב און וועלן אייביק אזוי —
אייביק ווידער, און ווידער און ווידער —
הייליקע שוועסטער ביסטו אונז און מיר זענען דיינע ברידער,
פאַר דיר צו שטאַרבן גרייט
אין אונזער ליבע, וואָס איז אייביקייט,
מענער זענען מיר און דו ביסט אונזער פרוי,
ווילדע זין זענען מיר און גיבן דיר דעם הייליקן נאָמען פון אונזער מאַמען!

— אָבער ארום מיר איז נאַכט — און נאַכט איז איצט אין מיר.
שפעט־זומער־נאַכט — אפילו דער ווינט איז טויט און נים זיך נישט קיין ריר.
און אַלעביימער פון דער וועלט האָבן שוין אָנגעהויבן פאַלן,
חלומות פארוויאַנעט — ווי בלעטער, וואָס פאַלן
אין מיינע ביינאַכטיקע גערטנער, נאַ, זע, ווי ס'איז וואַר,
אז גרוי זענען טאָקע מיינע אַלטע האָר —
אויף אַן אמת גרוי, דאָס זענען נישט קיין שטערן־שטראַלן. — —

— אַ גוטע נאַכט, דו אייביק־יונגער, אין דער יונגשאַפט — אַלטער!
גיב דער פאַרפרוירענער, קאַלטער
פאַריז פינף פראַנק אויף אַ פלעשל וויין.

זי איז אַוועק.
אין טורעם אויסגעלאָשן באַלד איז דאָס רעקלאַמע־ליכט,
און אין דער פינסטערניש,
ווי וואַסערטיפעניש
געדיכט,
פלאַטערט אום די שרעק —
זי איז אַוועק, אַוועק, אפשר אויף אייביק אַוועק.
אירע שריט, איר געשטאַלט האָט שוין איינגעזאַפט
דאָס שטאָט־גערויש און די טונקלע נאַכט.
און אין טורעם — פון אייזן־שטאַנג צו אייזן־שטאַנג
פלאַטערט עס און קלאַפט.
פיר־פערטל־שעהן. איינס. גלאָקן־קלאַנג.
לעצט ליכט איז אויס. הימל איז ווידער — נאַכט,
און ווידער טונקעלער מדבר, באַשאָטן מיט שטערן־זאַמד,
וואָס ליגט אויף בערגער שטילע און שטילערהייט פלאַמט.
— — — — — — — — — — — — — —
— ווער קומט עס צו מיר? ווער איז — אין דער נאַכט?
אַ פרוי? ווער ביסטו ווידער?
איך וויל איינזאַם זיין!

(זי לאַכט, לאַכט, לאַכט,
די פינסטערניש, דער טורעם, די גאַנצע נאַכט,
לאַכט, לאַכט, לאַכט).

— דערקענסטו מיך נישט? איך בין פאַריז!
אייביק פרוי, אייביק איפערזיכטיק!
זע, ווידער ליכטיק

ברענט דאָס בלויע שוואַרץ פון מײַנע אויגן,
ווי לעצטער נאַכט־הימל מיט ערשטן מאָרגן־הימל געמישט,
אַזוי קלאָר,
און שטערן זענען עס טאַקע, וואָס זילבערן זיך אין מײַנע שוואַרצע האָר,
און אָט בין איך אינגאַנצן און אָט איז מײַן יונגער אָרעם,
איצט איז די צײַט אַרויף אויף דעם טורעם,
אַ פלאַטער טון, ווי מיט פליגלען יונגע,
נישט געפלאַטערט — נאָר געפלויגן — געזונגען —
אַרויף אויף די טויזנט טרעפ —
קום מיט מיר, פון אויבן שיקן אַ גרוס צו אַלע פלאַמיקע קעפ,
וואָס טרוימען איצט אין דער נאַכט פון דער וועלט,
אין אַלע וועלטן פון מיר!
קום!
אויב זיי זענען איינמאָל ליבע צו מיר,
בין איך אָן אַ שיעור,
בין איך טויזנט מאָל ליבע צו זיי!

פאַריז איז אייביק געטריי!
אין איר זיבן־פאַרביק געמישטן בלוט,
הערט שוין פאַריז דאָס געשריי
און געוויין און געזאַנג
פון איר ערשטן זון,
וואָס וועט מער שוין נישט לאַנג
לאָזן די וועלט
וואַרטן אויף אים.
וועמענס דען, אויב נישט איר פלאַמען־בלוט
וועט דער וועלט
געבוירן אים?

ער קניט.
ער קושט דעם זוים
פון איר קלייד,

פון זיין טרוים — —
און ווי ער קניט,
זאָגט ער דאָס ליד
פון זיין טרוים.

— אייביקע יונגפרוי, פּאַריז!
טויזנט מאָל געליבט,
און נאָך קיינמאָל נישט אָנגעהויבן
פאָטער גייסט פון דער וועלט
וועט עס טון,
ווען עס וועט קומען איבער אים
די גרויסע שעה פון זיין גרויסן גלויבן.
און דעמאָלט וועסטו דאָס ערשטע מאָל
זיין ווי אַ יונגפרוי גרייט —
אין דער שעה פון דער גרויסער דריי־איינינקייט
פון דער באַגליקטער ערד.
דו וועסט זיין די מוטער און די פרוי,
דיר איז עס, נאָר דיר באַשערט,
און דעם גייסט פון דער וועלט און זיין גלויבן ביסטו ווערט
צו האָבן, ווי דיין מאַן,
די מוטער פון
דעם צווייטן זון,
דעם לעצטן הערשער פון דער ערד!

# קאָמוניסט, קריסט, טויט און פּאָעט
# אין לאָנדאָנער הייד פּאַרק

פון דער ווייטן, דער טיפן — קלאַנגען־געוויג
פון אַ געוואַלטיקן גלאָק,
טונקט זיך און שווימט דורך די טיפן,
ראַנגלט זיך מיט דער פינסטערער פּאָג —
לאָן־דאָן־דאָן־לאָן —
לאָנן־דאָנן. — —

פון טויזנט פעלקער, פון אַלע טיילן
פון דער פאַרביקער וועלט,
שיפן געלאָדענע פלעגן קומען
מיט פעלקערס צינזש, געבעט און געשעלט,
צום האַפן פון לאָנדאָן,
לאָן־דאָן.

דאָ ערגעץ, אין דער פאָג, אין דער פינסטער,
קאָן זי זען, ווער ס'האָט אויגן און זעט
די געוואַלטיקע האַנט, וואָס קאָן דערהאַלטן,
ווי אַן עפּל דעם ערד־פּלאַנעט,
די גאַסן קלינגען, דומפּיק קלינגען,
גלאָק אין פאָג,
לאָן־דאָן.

דאָ ערגעץ אין דער פינסטער איז פֿאַרשטעקט [illegible],
וואָס וועט קיינמאָל נישט ווערן אויפגעקלערט,
פאַרוואָס לאָנדאָן האָט געוואָגט, וואָס געהערט צו גאָט,
צו פירן, ווי אַ קינד ביי דער האַנט, די ערד —
און עס ציטערט די פאָג
פון די כוואַליעס פון גלאָק:
לאָנדאָן — לאָן־דאָן.

מיטן־טאָג און ליידיק איז נאָך אינגאַנצן
דער הייד־פאַרק — און ליידיק דאָס אָרט,
וואָס מען רופט עס: טעמפּל אונטער פרייע הימלען
פאַר דעם הימל־פרייען וואָרט — —
אויף אַ רגע ווערט שיטערער די פאָג
און דייטלעכער דער געוואַלטיקער גלאָק:
לאָן־דאָן.

שטייען דריי רעדנער — אַלע צו רעדן גרייט,
איינער זעט דעם אַנדערן, פינסטער — דורך קאַלט־נאַס־שווערער פאָג,
איינער אַ נעגער אַ קאָמוניסט,
דער צווייטער פאַרטייל־אָז, האַר־טויט אַליין
דער דריטער אין אַ שוואַרצן קלייד, בלאָנדע באָרד, אפשר יעזו־קריסט —
זיי שאַרן אַוועק מיט די הענט די פאָג,
שלעפּן די האַלץ־טריבונעס צו —
פון דער וייטן ברומט דומפּיק דער גלאָק —
לאָנדאָן.

רעד־פאַרטיק איז דער ערשטער, דער קאָמוניסט,
שטעקט אַריין אין זאַמד אַ רויטע פאָן:
— ברידערלעך, חברים, טריבונען, וואָס וועט מען דאָ וואַרטן!
ברידערלעך, איינס־צוויי! מיר הויבן אָן!
קערט דער ווינט, ווי אַ בעזעם אָפּ אַ שטיק פאָג,
קערט דער ווינט, ווי אַ בעזעם אָפּ אַ שטיק פאָג,
לאָן־דאָן!!!

— אַ פעלקער־רעגירער? אַ פעלקער־באַדריקער!
אַט די אַלטע פּאַלאַצן, דאָרט אין דער פאָג, זענען אויפגעבויט
נישט פון שטיין, נאָר פון ביין, נישט פון קאַלך, נאָר פון בלוט.
לאָנדאָן־מויערן שוואַרץ — אָבער דאַרפן זיין רויט
פון בלוט! — נישט אמת, דו קריסט, דו שוויַיגער, זאָג?!
און עס וואַלגערט זיך אַ קלאַנג־כוואַליע פון דעם גלאָק
ווי אַ כוואַליע פון ים אהער: לאָנן־דאָנן!

רעדט וויַיטער דער קאָמוניסט:
— דו שוויַיגסט, דו קריסט, אַוודאַי, וואָס האָסטו צו רעדן,
ווען איך, די גערעכטיקייט רעד!
ווו איז אינדיע, ווו איז כינע? און אַפריקע?
און נייזעלאַנד? און אַראַביע? און אַפילו טיבעט?
זיי וועלן אַמאָל קומען דורך ים, דורך מויער און דורך פאָג
און קלינגען אַליין אָט דעם ווילדן גלאָק,
ווען קומען וועט דיין טאָג —
לאָנדאָן!

הויבט די אויגן צום הימל אויף דער קריסט,
די פאָג פאַלט אויף זיין פנים אַרויף, תפילה טוט ער, מינוטן — שטום,
ער איז פאַרטיק, רייבט די אויגן, וואָס זענען איצט פריש און פרום,
און ער קוקט זיך אַרום און אַרום,
און פּלוצלונג גיט ער אַ זאָג,
און דומפּיק אַקאָמפּאַנירט אים דער גלאָק
לאָנדאָן.

— מיינע ליבע לייט, מיינע שעפעלעך פון גאָט!
(זאָגט דער נעגער: פנימער פון שאָף — אָבער ציין?!)
(רופט זיך אָפּ דער טויט. ווי קאָן איך זיין אַ געטלעכע שאָף,
אַז איך בין שטאַרקער, ווי גאָט אַליין?)
ווערט דער קריסט צעמישט: — אָבער וויַיטער הערט, וואָס איך זאָג,
און ווידער אַקאָמפּאַנירט אים דער גלאָק
לאָנדאָן.

— מײַנע ליבע לײַט, מײַנע מיטמענטשן, הערט
די בשורה פֿון לאָם, װאָס איך ברענג צו אײַך,
ליבע איז דער עיקר, און ליבע באַגליקט,
אָרעם מאַכט זי רײַך — און רײַך — רײַך —
(זאָגט דער נעגער: פֿאַרזשאַװערטע װערטער פֿון אַן אַלטן האָק —)
װײַטער הערט מען נישט — העכער װערט דער גלאָק —

— לאָנדאָן — נישט לאָנדאָן — קעניג — נישט קעניג —
דער אמתער קעניג איז פֿון הימל־רײַך,
איבער אַלע לענדער, פֿעלקער, ראַסן, קלאַסן,
אַלץ װעט זײַן גליקלעך, אַלץ װעט זײַן גלײַך,
קײנער װעט זיך מער נישט קריגן,
אײן פֿאַסטוך, אײן סטאַדע שאָף, אײן סטאַדע ציגן —
(זאָגט דער נעגער: און װוּ װעט לעבן דער באָק?)
נאָר מען הערט אים נישט אין טומל פֿון דער גליק־נבֿואה און אין קלאַנג
פֿון גלאָק.

לאָנדאָן.

גײט אַרויף איצט דער מאַן, װאָס איז טויט אַלײן,
זאָגט ער: אַלץ איז נישט מער װי אַזאַ מין שפּיל,
שפּיל דיך דו פֿון רעכטס, שפּיל דיך דו פֿון לינקס,
אַלץ איז װאַסער אויף די רעדער פֿון מײַן מיל,
אַלץ — אַלץ — אַלץ — מאַכט שװערער מײַן זײַט אויף דער גרויסער
װאָג.
— װאָס רעדט ער? — װאָס רעדט ער? — נאָר עס ענטפֿערט — דער
גלאָק:

לאָן־דאָן.

— דו װעק די פֿעלקער װײפֿל דיר זיך גליסט,
און דו פֿאַרשלעפֿער זײ װידער — גוטער קריסט,
אַלץ דאַרף איך — װאַסער אויף מײַנע מילן
זענען אַלע די רײד, װאָס איר גיסט,

פאַר מיר די רייד און פאַר מיר — אַ גאַנצן טאָג
קלינגט דער — טויטן־גלאָק
לאָן־דאָן.

האָט פון די צינישע ווערטער אַזש
ווי אַ קעסל דער נעגער אויפגעברויזט:
— אָבער פרייהייט! וואָס איז מיט ראַסן און מיט פעלקער־פרייהייט?!
אַוועק פון דער וועלט מיט לאָנדאָנס אייזערנער פויסט!
נישט לאַנג שוין און אָט דער גלאָק
וועט קלינגען דיין לעצטן טאָג
לאָנדאָן.

(לאַכט דער פּאַרטיילאָזער מאַן פון די דריי הייד־פּאַרק־טריבונען,
און אַז ער לאַכט, ערשט זעט מען, אַז ער איז אַ שד).
רעדט דער נעגער ווייטער: — פרייהייט! די ערד איז די פעלקערס!
פּאַרוואָס האָט לאָנדאָן פאַרכאַפּט דעם פּלאַנעט?
צייט, אַז עס זאָל שוין טון אַ שלאָג
דער אמתער גרויסער באַפרייאונגס־גלאָק
פון לאָנדאָן!

זאָגט דער טויט: — שוין צייט, ווייל איך דאַרף די שעה און וואַרט
אויף איר,
ווי דער פּויער וואַרט אויף דעם טאָג פון שניט!
געזאָגט און ער גייט אַוועק, און ערשט איצט
הערט מען קלאַפּן סקעלעט אין זיין יעדן שריט.
ער גייט — גייט — ווו איז ער? אַליין געוואָרן אַ שטיק פאָג,
און זיין שריט האָט פאַרשלונגען דער קלאַנג פון גלאָק
לאָנדאָן.

גייט אַראָפּ פון טריבונע דער קאָמוניסט
און וויקלט צוזאַמען די פאָן,
בלייבט דער קריסט אַליין — גייט ער אויך אַראָפּ:

— שווער הויבט אַזאַ טאָג נאָך אַ פּאָג זיך אָן — —
און זיי גייען צוזאַמען ביז צום ראָג
און גייען פֿאַנאַנדער. דער קריסט צום גלאָק
לאָן־דאָן.

גייט פֿאַרביי אַ פּאָעט ביי די הייד־פּאַרק־טריבונען,
זעט ער זיי ליידיק, טראַכט ער: מיין צייט!
גייט ער אַרויף — און ווי שטענדיק — מיט פֿייער
רעדט ער צום גרויסן קיינעם — פֿייערדיקע רייד:
— העי, שטאָט פֿון די שטעט, העי, האַנט פֿון די הענט
וואָס דיר איז באַשערט
צו האַלטן, ווי אַן עפּל אין דער זון, דעם עפּל פֿון דער ערד,
און פֿון דיר איז איר מזל געווענדט,
הויב אים העכער, דעם עפּל אַרויף, העכער, דו האַנט פֿון די הענט!
ביז צו דער זון — ביז צו דער סאַמע זון —
און זאָל ער —
שוין איינמאָל ווערן פֿאַרברענט,
ווייל ער איז מער נישט ווערט,
דער פֿוילער עפּל פֿון דער ערד.

און ווי ער האָט עס געטון אַ זאָג
איז פֿון הימל געפֿאַלן אַ שוואַרצע פּאָג,
און אַזוי געדיכט, אַז אפֿילו דער גלאָק
איז אַנטשוויגן געוואָרן — לאָנדאָן.

נאָר אין די אויערן האָט נאָך אַ ווידערקול
געקלונגען לאַנג
מיט דומפּיקן קלאַנג.
ל אָ נ ד אָ ן.

# לעני‍נגראַדער יאַנואַר-באַלאַדע

יאַנואַר-פרימאָרגן איבער לעני‍נגראַד,
טערמאָמעטער ווייזט ווידער פערציק גראַד.

פון שניי־שווערע דעכער הענגען שפּיציקע צאַפּן.
מיליאָנען פּיס אין שווערע שיך קלאַפּן

אויף לאַנגע, פאַרשנייטע טראָטוארן.
זיי האָבן דאָ עפּעס בעסערס צו טון, ווי שניי אויף די גאַסן צו שאַרן!

פאָלק פון לעני‍נגראַד גייט — גייט — גייט אין פאַבריקן,
ס'קרעכצן טראָטוארן, און ס'בייגן זיך אַזש די קליינע בריקן.

אין זאַוואָדן שטראָמט דאָס געשמאָלצענע אייזן
און גליווערט צו שטאָל. גרויסע ציפערן־טאַבעלעס ווייזן

הונדערט און דריי פּראָצענט
פון דעם באַשטימטן פינף־יאָר־קאָנטינגענט.

וואָס הויבן זיך פּלוצלונג הויך אויף טראָטוארן טויזנטער הענט?
וואָס זענען צענטויזנט אויגן פּלוצלונג צום הימל געווענדט?

ליפּן פּלאַצן אין פראָסט, אָטעם זעצט ווי מיט שניי, אין די אויגן בריט —

איבערן הימל אַן עסקאַדרע פליט —

פֿליט שאַרף אין שאַרפֿן הימל מיט פֿינף שאַרפֿע צאַקן.
די גאַס אנטשטומט — מען הערט ווי די צען פּראָפּעלערס קנאַקן.

— חבר, אַזאַ הויכן ציל, ווי אונזער ציל, דאַרף מען אויך אין די הייכן
פֿון אַלע הימלען דערגרייכן!

ווייטער געפֿלויגן. ווידער מיליאָנען פֿיס גייען און קלאַפּן
אין אומענדלעכע טראָטואַרן. איבער אַלע קעפּ הענגען שאַרפֿע, אייזיקע
צאַפּן.

— חברטע, נישט אמת, אַז די שענסטע איז די פּראָפּעלער־מוזיק?
— און ווי סימעטריש דער שטערן פֿון אַן אייניציקן שטיק!

— אַ פֿינפֿער־שטערן, וועלטן־פֿליער פֿון אונזער גרויסן לאַנד!
— און אפשר

— אפשר
זענען דאָס גאָר פֿינף פֿינגער פֿון
אַ מוראַדיקער האַנט,

וואָס שווערט פֿון מינסק ביז וולאַדיוואָסטאָק אויף אונזער ווייטער
ערד?

— בירגער! ווי ווערט זיין דעם, וואָס שטערט!

פֿון אַן אייזערנער האַנט ווערט אייזערנע פֿויסט!
— פֿאָלק, דו האָסט צו שווייגן, ווילאַנג דו בויסט!

פֿאַרבײַ.
ווידער שטיל די גאַסן. שאַרפֿער ווערט דאָס ליכט
פֿון דער זון צו מיטאָג־צו. אין פֿאַבריקן גייט די מאָרגן־שיכט.

אין אַ פּערעאולאָק נישט ווייט פֿון דער נעווע, וויגען צוזאַמען
אין אַ בוידעם־שטיבל אַ טאָכטער מיט אַ מאַמען.

פיר יאָרן פעסטונג און צוואָנציק סיביר
האָבן דער אַלטערס גוף צעבראָכן און די נשמה צעחלומט אין איר.
צוויי זין אַוועק אין סיבירישן בירגער־קריג,
נישט זיי און נישט אַ ידיעה איז ווען ס׳איז פון זיי געקומען צוריק.

היינט אַרבעט די טאָכטער אין סמאָלני — און זי — ווערט עלטער, ווערט אַלט,
אַ וועטעראַן פון דער באַוועגונג. ס׳איז קאַרג אָבער זיכער ביידנס געהאַלט.

— הערסט, מאַטושקאַ, פּאַרמיטאָג זאָלסטו גיין אַביסל אויף שפּאַציר,
איך וועל נישט פריער זיין צוריק, ווי אַרום זייגער פיר.

דעם מיטאָג פּאַרגרייט, גייט די אַלטע אַוועק, און זי גייט און זי טראַכט,
רעדט צו זיך אַליין: אפשר האָבן ז י י טאַקע אַלץ דאָס געמאַכט?

בלוט איז דאָך אַזוי, זידט, ווען ס׳איז יונג. וואָס איז דען בלוט?
און סוף־כל־סוף דאַרף עמעץ זיצן אין סמאָלני־אינסטיטוט.

ס׳האָט עמעץ געמוזט באַצאָלן דעם פּרייז מיט יוגנט אין אייזן געשמידט,
פאַר די פאַבריקן, ווו ס׳גיסט זיך דער שטאָל, און פאַר דעם שטערן, וואָס אין הימל פליט.

זיי גייען אַריין אין דער נייער צייט, אָט ווי מען גייט דורך אַ בריק.
אַ בריק מוז דאָך פון עפּעס זיין — איז די געווען פון אונזערע יונגע לעבנס גליק.

אַזוי איז געשען און אַזוי האָט געדאַרפט צו זיין.
אויב יונגע מוזן קומען, מ ו ז ן זיי איבער אַלטע גיין.

גייט די אַלטע און טראַכט און זי פרירט און זי קלאַפּט מיט די שיך.
זי חלומט און שווייגט איר טראַכטן אויס אַליין צו זיך.

דערווייל אין פאבריקן מיט טעמפן געברויז און טעמפא־געאייל
די טאג־שיכט גייט. זי ווייס אליין נישט וויאזוי זי שטייט ביים אלעקסאנדער־זייל.

די ווינטער־זון איז שוין ביים ציל, בייערדיק, נידעריק.
די אלטע טראכט: דערגרייכט. אזוי זעט אויס דאס העכסטע גליק.

אין שטוב איז דער מיטאג פארגרייט. אין דער פרי געזען דעם פליער שטערן.
אלע פאבריקן גייען, אין איינע גיסט מען טראקטארן , אין אנדערע מאשינען־געווערן.

שטיל. די אלטע ציטערט. פרירט אין דער אלטמאדישער יאקע און טוך.
און אין בריענדיקן פראסט־ווינט בלעטערן זיך אליין די לעצטע בלעטער פון איר גרויסן לעבנס־בוך.

זי ווערט שוואך. שפארט זיך אביסל אן אן די שטיינער פון זייל.
— עס איז אזוי גוט דא צו שטיין אין דער זון. כ'וועל נאך צושטיין א וויל.

שוין פייפן פון וויטן פאבריקן, עס בייט זיך שוין איבער די שיכט;
ווי דער זייל צו זיין פונדאמענט פרירט די אלטע צו צו אירע שיך.

צוויי זיילן פון צוויי פארגאנגענע צייטן — בלייבן זיי ביידע שטיין,
איינע פון פינישן מערמל־שטיין און איינע פון מענטשלעכער הויט און ביין.

גיט פלוצלונג א שעפטשע די ביינערנע זייל — און א פאל,
די קליינע, וואקלדיקע זייל פון א גרויסער צייט און א גרויס אידעאל.

דער מיטאג האלב נאר אויפגעגעסן. ס'איז שוין פיר פארביי, שוין זיבן.
די טאכטער גייט אין קלוב אוועק. א צעטל איז אויפן טיש געבליבן.

די אַלטע ליגט אין מתים־הויז, די אויגן אָפן, די ליפּן — פאַרבּרענט,
די הענט געעפּנט און פאַרשטאַרט — די הענט,

וואָס האָבּן אַלצדינג שוין געגעבּן.

בּאָפעל: וואַרטן בּיז מאָרגן פיר!
אפשר וועט עמ״ץ קומען דערקענען.
אײב נישט — פּראָסעקטאָריום — אפשר קאָן מען דאָרט עפּעס האָבּן
פון איר.
אײב נישט: קרעמאַטאָריום! תיכף פאַרבּרענען!

# ווינטער-באַלאַדע אין לענין-מאַוזאָלעאום

מאָסקווע — יאַנואַר — פאַרנאַכט.
זון פאַלט טיפער און טיפער.
גליענדיקער, רויטער, העכער און העכער,
שטייגן אירע לעצטע, רויטע שטראַלן
אויף די שפּיצן פון די קרעמל־דעכער.

נאָך אַ לעצטער גלי, נאָך אַ לעצטער פונק,
נאָר נאָך דער העכסטער שפּיץ שטייט נאָך אין לעצטן, רויטן ליכט,
נאָר נאָך די פאָן —
זונפאַרגאַנג, טונקלקייט שפּרייט זיך אויס,
דעמערונג.

אַכט רויט־אַרמייער מאַרשירן
איבער דעם רויטן פּלאַץ,
צוויי גלייכע, שאַרפע פירן.
זיי קרייצן שאַרף דעם פּלאַץ
צום לענין־מאַוזאָלעאום פון רויטן גראַניט.

אויף די שפּיצן פון אַכט באַיאָנעטן גליט
דער שיין פון די פרי־געצונדענע ווינטער־לאָמטערן.
דער ווינט יאָגט זיי נאָך און צעשאַרט די שריט
אין טרוקענעם, פּראָסטיקן שניי.

Free Public Library Newark N.J.

עס שאַרן די ערד די לאַנגע מענטל,
שטעכן דעם נידעריקן הימל די שפּיציקע קאַשקעטן,
זעכצן שטיוול קלאַפּן אין שאַרפֿן טריט,
אין שאַרפֿן ריטם די אַכט באַיאָנעטן.

זייגער פיר פאַרנאַכט
בײַט מען איבער די וואַך
אויף דעם רויטן, גלאַטן
גראַניט פון מאַוזאָלעאום.

— סמירנאָ! האַלט סאָלדאַטן!

לענגאַויס דער קרעמל־מויער
שטײט אַ לאַנגע מענטשן־ריי,
שטייט און וואַקסט, ווערט געדיכטער, גרעסער, רגע־איין רגע־אויס.
איר קאָפּ ביים טויער
פון מאַוזאָלעי.

פון וואַנעט קומט די ריי?
פון יעדן דאָרף און יעדער שטאָט, פון יעדן לאַנד
פון דעם פאַרבאַנד,
קומט יעדן טאָג די ריי.

אַן אינאָסטראַנעץ מיט אַ פירער פון אינטוריסט
חנפט דעם וואַכסאָלדאַט:
— העי, טאָוואַרישטש, וואָס איז דאָ אַזאַ לאַנגע ריי?
נאָך מילך, נאָך ברויט נאָך טיי?

קוקן זיך דורך די צוויי סאָלדאַטן פון דער וואַך,
זאַטע, יונגע, ווייסע ציינער גיבן אַ לאַך:
— גראַזשדאַנין, פאַרבײַ!
מען שטייט נישט מער אין פאַרבאַנד אין דער ריי
נאָך מילך, און ברויט און טיי!

— ע, איר שפּאַסט, מאַכט רויטע וויצן פֿון מיר,
אָן אָרעמען אינאַסטראַניעץ־בורזשוי — חנפֿעט ער ווייטער:
— העי, טאָווארישטש, רויטער אָפֿיציר,
אפֿשר קאָנט איר דאָס זאָגן מיר?
לאַכט דער אָפֿיציר:
— גערעכט, ווי איך בין —
אַ רויט־אַרמייער, גערעכט גראַזשדאַנין,
זיי שטייען טאַקע נאָך מילך און שוואַרצע ברויטן,
קוקט זייערע אויגן הונגעריקע אָן,
צום קבר פֿון גרויסן טויטן
דערהויבן —
זיי שטייען דאָ אין דער ריי נאָך מילך און נאָך ברויט פֿון גלויבן.

— ספּאַסיבאָ! — ענטפֿערט דער אינאַסטראַניעץ, דער גראַזשדאַנין;
איצט פֿאַלן זיינע בליקן אַהין,
וווּ אין דער סאַמע ערשטער ריי,
אין צוויי שטיוול פֿון שטרוי,
אין אַ שווערער בונדע — פֿון די לעכער רינט וואַט,
שטייט אַ יונגע פֿרוי
און ראַנגלט זיך אַלעמאָל מיט דעם ערשטן וואַכסאָלדאַט.
— העי! שטיי רואיק! אַלע וואַרטן!
וואָס רייסט דו זיך אַזוי, גראַזשדאַנקאַ, יונגע פֿרוי?!

אַ רגע שטיל, נאָר שוין וואַרפֿט זי זיך ווידער:
— אוודאי קאָן איך רואיק שטיין! אפֿשר זענט איר,
טאָווארישטש, געקומען אַהער אַזש פֿון סיביר,
קינדער אין הונגער געלאָזט,
און געלאָזט זיך אַליין דורך הונגער און פֿראָסט
דעם אויסלייזער אויסצולייזן. — —

בליצט דער וואַכסאָלדאַט מיט אַ שמייכל, מיט אַ בייזן:
— דאָ הינטער די שויבן קאָנען מיר דיר,

גראזשראנקא פון סיביר,
נאָר זיין באַלזאַמירטן קערפּער באַווייזן.

שטייט רואיק אַ ווײַלע די יונגע פרוי
קלאַפּט פוס אָן פוס מיט די שטיוול, געפלאָכטן פון שטרוי,
און רעדט שוין ווידער.
— ווי געזאָגט, דער ערשטער אויסלייזער, יעזו קריסט,
אויב דו ביסט
מיין — איז נישט קיין טאַטע — מאַמע — שוועסטער — ברודער —
איך האָב אויך נישט קיינעם מער, שטיי שוין דאָ פון זייגער צען —
ווען וועל איך שוין זיין — הייליק — פּנים זען?
דאָס גאַנצע פאָלק זאָגט, אַז דער אויסלייזער לעבט,
אַ לעבעדיקער שמייכל אויף זיין פּנים שוועבט,
און ער וואַרט אויף דעם וואָרט פון זיין גלויביקן פאָלק,
אויפשטיין וויל ער ווידער,
גיין צו דער נידער,
צו אונז, זיינע שוועסטער און ברידער,
ווי יעזו פון צלם אַראָפּ, וויל ער אַרויס פון די שויבן,
ער וויל צווישן אונז צוריק, דעם פאָלק פון זיין גלויבן.

דער זייגער רוקט זיך, אויבן לייכט אויף מיט מוט.
זאָגט דער סאָלדאַט: — בירגער, נאָך דריי מינוט
צו פינף — זייט גרייט,
קיינער בלייבט נישט שטיין — אַלץ גייט!

זאָגט די פרוי אין די שטיוול פון שטרוי:
— אַלץ וועט גיין, אָבער נישט איך,
(איר גוף אין דער שווערער בונדע ציטערט, די באַקן גליען)
זיי זאָלן ווייטער גיין, איך אָבער וועל אַנידערקניען,
אויב איך האָב געקאָנט אַזוי לאַנג גיין
אין הונגער און פראָסט, וועל איך דאָ, אויף דעם רויטן שטיין,

קאָנען קגיען אַזוי לאַנג,
ביז דער אויסלייזער וועט דערפילן דורך די שויבן זיין פאָלקס
גערדאַנק —

זאָגט דער אינאַסטראַניעץ צום פירער פון אינטוריסט:
— גראַזשדאַנין, נישט נאָר אין מאָסקווע ביסטו, דו ביסט
אין ירושלים, אין די צייטן פון יעזו קריסט. — —

זאָגט דער פירער פון אינטוריסט מיט אַ שמייכל: אָל־רייט,
נאָך איין מינוט צייט. — —

זאָגט די פרוי אין די שטיוול פון שטרוי,
אין דער בונדע לאָך אויף לאָך, פון די לעכער — וואַט,
צום רויטן וואַכסאָלדאַט:
— זעסטו דאָרט די גאַנצע ריי?
זעסטו דעם פלאַם אין די אויגן ביי זיי?
אַלע ווי איך, ווי איך אַליין,
כאָטש וועלן דאָ נישט בלייבן קניען אויפן שטיין.
דאָרט הינטער די שויבן
ליגט זייער גלויבן,
אונזער אַלעמענס גלויבן.

שטייט ווי אַ סטרונע מיט כעס געשפּאַנט,
ביי דער רויט־גראַניטענער וואַנט,
דער רויטער וואַכסאָלדאַט,
און ער זאָגט צו דער פרוי,
שטיוול פון שטרוי,
בונדע פול לעכער — פון די לעכער — וואַט:
— די ערשטע וועסטו אריין
און גלייך די ערשטע ארויס! געהערט?

און ווי ער זאָגט עס נאָר, ווערט
דער טויער שוין צעעפנט ברייט —

— אלץ גייט, גייט, גייט!!!
ווייטער, ווייטער, נישט געשפּאַרט,
יעדער וועט פאַרבײַ, ווער עס האָט געוואַרט!

ווייזט דער סאָלדאַט צו דער פרוי מיט די שטיוול פון שטרוי:
אַרויס! דאָרט!

ווי דער טויטער אין גלאָז, אַזוי רירט זיך די פרוי פון אָרט.

— אומזיסט צו טרײַבן! דאָ וועל איך בלײַבן!
ביז דער אויסלייזער וועט
פון גלאָז אַרויס צו דער וועלט. — —

— איינס! שטאַרקער! רעדט איין באַגנעט צו אַ צווייטן באַגנעט.
— גיין, גיין! דאָ דאַרף מען גיין! עס ווערט שפּעט!

דער עולם גייט, גייט, גייט,
די פרוי שרייט,
מען שטויסט זי, זי איז שוין באַלד אַרויס,
נאָך איינמאָל שטרעקט זי אויס
די הענט —
אירע אויגן, ווי צוויי לאָמפּן גרויס,
פון גלויבן צעהעלט.
פּלוצלונג גיט זיך איר פּנים אַ בייט,
פון פלאַמיק רויט — טויט־שרעק־פאַרגעלט,
זי שרייט:
— מענטשן, פאָלק, וועלט!
אויב פון מאָסקווע אויך נישט —
איז פון וואַנעט, פון וואַנעט, פון וואַנעט —
וועט קומען דער אויסלייזער פון דער וועלט?!

# פרילינג איבער אייראָפּע — 1937

פרילינג — אין דערפער שמעלצט שוין דער שניי פון די דעכער,
פון שנייוווייסע פלאַכן שוואַרצט זיך שוין פעלד. — —

הורראַ־רראַ! אַ פעלד — אויף אַלע פעלדער דאַרף זיך גיסן בלוט!
דייטשלאַנד, דייטשלאַנד איבער אַלעם אין דער וועלט.

דער בושעל איז שוין פון די וואַרעמע לענדער
געקומען צו פליען און זיך אויף אַ דאַרף־דאַך געשטעלט —

הורא — הורא! אַ בושיק שטייט אויף אַ דאַך, אַלע דעכער דאַרפן ברענען!

רראַ! איבער אַלעם אין דער וועלט!

אַ מאַמע האָט אַ קינד אין ווייען געוווּנען, שמייכל האָט ווידער
די קאַלטע אנגסטן פון איר פּנים צעהעלט. —

הורראַ — רראַ! אַ קינד! אַלע קינדער דאַרפן ווערן קריגער —
בלוט שפּריצט פון מעסערס און פון בלוט אַ ליד:
איבער אַלעם, איבער אַלעם אין דער וועלט!

שטילווייסע וואָלקן אין הימל, שפּיגלען זיך אונטן אין טייך,
פאַרנאַכטיקער ווינט וועקט זיך אויף,
ציט זאָרגן־קנייטשן אויף שטילן פּנים פון טייך אַרויף,
ער ציטערט אין פרילינגספולער, האָפנונגסשטילער אָוונט־קעלט.

הוררא — ראַ! אַ טייך! אַלע טייכן דאַרפֿן ווערן בלוט!
— — איבער אַלעם אין דער וועלט!

אויף וועלטן־פֿעלדער — פֿויערלעך
קוקן אין כמאַרעס — און
טראַכטן: קומט אַ רעגן דערפֿון? און נאָך רעגן ווידער זון?
טרוימען פֿון זאַנגען — פֿול און שלאַנק און זון־געגעלט. —

הוררא — ראַ! זאַנגען! אַלע זאַנגען דאַרפֿן ווערן קעפּ,
אַ וועלט, אַ פֿעלד מיט קעפּ — און מיר מיט קאָסעס איבער דעם
פֿעלד —
דייטשלאַנד איבער אַלעם אין דער וועלט!

די מאַמע אין אַ קעלער פֿאַרשלעפּט, דער טאַטע מיט אַ האַק געקעפּט,
ס'איז הונגעריק, ס'האָט אַ הענטל אויסגעשטרעקט, זיך אין אַ ראָג
געשטעלט.

דייטשלאַנד, דייטשלאַנד איבער אַלעם, איבער אַלעם אין דער וועלט!
הוררא — רראַ! אַ יידיש קינד!
אַלע לענדער דאַרפֿן ווערן יידן־לענדער, אַלע פֿעלקער דאַרפֿן ווערן ייִד!
תליות — אַלע שטריק! גילאָטינעס — אַלע העק!
אַלע געפֿילן — שרעק!
אַלע ווינטן — גאַז! אַלע זאַמדן — דינאַמיט!
אַלע וואַסערן פֿון טייך און ים — פֿליסנדיק סם!
אַלע פֿייגל — באָמבן־עראָפּלאַנען!
אונטערוואַסערשיפֿן — אַלע קאַלטע פֿיש!
פֿאַנצערקרייצער — אַלע שטילע, פֿאַרנאַכטיקע שוואַנען!
אַלץ ליכט? — אַלץ ליכט דאַרף ווערן פֿינסטערניש!
יעדעס וואָרט — אַ קללה, וואָס די זון פֿאַרשטעלט און דעם הימל
פֿאַרשעלט!

איך —
בין איינער אונטער דעם הימלס געצעלט!

אַלע ווערטער פֿון דײַטשלאַנדס שפּראַך דאַרפֿן מיליאַרדן־פֿאַך,
ווי שטורעמווינט־אױפֿגעווירבלטער שטויב,
פֿון זייער נישטיקייט טון זיך אַ הויב!
יעדעס וואָרט — אַ ליכטראַקעט מיט לויב —
פֿאַר מיר —
ווײַל איך —
און דײַטשלאַנד, דײַטשלאַנד איבער אַלעם —
איבער אַלעם אין דער וועלט!

V

# אויסטראַלישע

## אַבאָרידזשין — אונטערגאַנג־באַלאַדע

ווייער נעכטן
הונדערט טויזנט יאָר,
זייער נעכטן
אורוועלט טונקלע נאַכט,
אויף זייער מאָרגן וועלן זיי
נישט מער וואַרטן לאַנג —
אויף זאַמדיקן מדבר־אונטערגאַנג.

זיי וויינען נישט מער,
זיי שרייען שוין ווידער ווי חיות, אָן טרערן.
זייער לאַכן, ווי לאַכן פון חיות,
וואָס האָבן דאָס ערשטע מאָל
זינט אורוועלט זיך צעלאַכט.

זייער הויט איז שוואַרץ און מאַט,
מיט מדבר־נאַכט פאַרצויגן,
פאַרוואָלקנט, אַנטשטערנט,
ביז צו די בליציקע ווייסלען פון אויגן.

זייערע פרויען שטאַרבן אויס,
דריי מענער זייערע הויערן
איבער אַן איינציקער פרוים

שוואַרץ־באַצויגענעם סקעלעט,
אויף דעם מדבר־זאַמד, אויף דעם הפקרדיקן חופּה־בעט,
און קינדער ווערן נישט מער געבוירן.

ווי די מדבר־פליגן
אַרום זייערע טונקעלע אויגן זשומען,
זיצן אַרום זייער טונקעלער נשמה
זייערע שדים און זייערע געטער,
זיי לעקן נאָך שלאָפלאָזע נעכט,
אין מדבר־פאַרטאָגן דעם טוי פון די בלעטער
פון נידעריקן מדבר־בוש,
דאָס בלוט זייערס קוואַרט בייטאָג אין דער זון,
און די גלידער ווערן ווי מדבר־צווייגן פאַרדאַרט.

איבער די שדים, איבער די געטער,
האָבן זיי נאָך איין גאָט,
וואַסער.
עס באַהאַלט זיך פאַר זיי אין מדבר־שפּאַלטן,
קומט אַפיר אין טויזנט חלום־געשטאַלטן,
זיי ווייסן, אַז זייער לעבן,
דאָס איינציקע, וואָס זיי האָבן נאָך
קומט פון וואַסער,
און גייט אין וואַסער אויס.

זיי קריכן
צווישן די פעלזן אום, ווי גרויסע מדבר־שפּינען,
טאָפּן אין זאַמד, און זוכן, זוכן,
זייער גאָט צו געפינען. —

מען זעט ווי זיי גייען אַהין,
נאָר מען ווייס נישט פון וואַנעט זיי זענען געקומען,

זיי זענען אפשר די לעצטע געשטאַלטן
פון די ערשטע מענטשן אויף דער ערד?
פון דער צייט, ווען עס האָבן זיך אויף דעם פּלאַנעט
נאָך די ערדן געריסן און די וואַסערן געשפּאָלטן.
זיי זענען אפשר די ערשטע, וואָס טראָגן,
אין די פאַלדן פון זייער פּנים,
די ערשטע, טיפע ליידן־סימנים,
פון נייע מענטשן אויף דער ערד. —

פון זיי וועט גאָרנישט מער ווערן,
ווי גאָרנישט ווערט
פון וואַסער, וואָס פאַלט אין זאַמד.

איבער זיי איז שוין ווידער נאַכט,
אין שוואַרצע טראָפּן גליווערט זייער בלוט,
אין שטיקער צעפאַלט זייער פרויענס טראַכט,
די פלאַכע מוחות אין זייערע שאַרבנס
שטאַרבן
פון פיבער,
די נשמות גייען איבער
צו ווינט צוריק — —
די ווערטער אויף זייערע טרוקענע צונגען
ווערן אין שטיקער צעשפּרונגען,
אין זינלאָזע קלאַנגען.

אויף די ערדן פון זייערע וואַנדער־דערפער
וואַלגערן זיך אויף דעם זאַמד ארום,
פאַרלאָזענע, קליינע צווייגן־דעכער,
זייערע איינציקע הייזער,
דער ווינט שאַרט אַרויס
זייערע ביינער פון זאַמד,
און בלאָזט דורך זיי ווי דורך פייפל־לעכער.

אַ סטאַדע שפּרינג־פּיסיקע קענגורוס,
שפּרינגט דאָ אַריבער בײנאַכט,
צעשאַרט די ביינער מיט די לאַנגע עקן,
אַ דינגאָ־הונט בילט —
אַ גרילן־נאַכט־כאָר אין טערמיטן־בערגלעך
גרילט און גרילט,
אַ קוקובאַראַ־פויגל דערשרעקט זיך און לאַכט און לאַכט
אין פויגלישן מדבר־שרעקן.

צוויי ווייסע מענער אין אַן אַלטן אויטאָבוס
פליען פאַרביי אויף דער יאַגד נאָך דער סטאַדע פון די קענגורוס.
פּלוצלונג ווערן פאַרשטאַרט
די צוויי שאַרפע אויטאָ־אויגן:
— וואַרט אַ רגע, וואַרט!
סקעלעטן!

די גומענע, שווערע פיס גיבן אַ דריי אין אַ זייט,
די ביינער נישט צו צעטרעטן.

דער אַנדערער לאַכט:
וואָס פאַר אַ טיוול, וואָס פאַר אַ שרעק?!
אָט אַזוי גייט שטענדיק אַ מענטשהייט אַריבער
איבער דער, וואָס גייט אַוועק.

## נאַכט־מעדיטאַציע אין דער מדבר

אין דעם גרויסן נעכטן — אין דעם יאָר־מיליאָן
פון דער ערד,
איז דאָ אַריבער, שווינגענדיק דאָס אומזיכטבאַרע, שטילע, לעצטע שווערד,

דאָס גרויסע שטאַרבן. —

געבליבן איז די לופט,
די לופט — און דריי פאַרבן:
דאָס בלוי פון דעם הימל, דאָס געל פון דעם זאמד,
דאָס בלוט פון דער זון־אויפגאַנג און אונטערגאַנג. — —

ווער בין איך דאָ איצט — איינער אַליין
צווישן די זאמדן און די מיליאָנען
שוואַרצע בערגלעך פון די טערמיטן?
אינמיטן דער גאַנצער ערד אַליין?
איינער אין טונקלען אולטראַמאַרין־
געצעלט פון דעם הימל, דער וועלט?

בין איך אונטערגאַנג — דער לעצטער פון מיין מין?
איז וווהין
נייען מיינע שריטן?
בין איך אויפגאַנג פון אַ נייעם מין?
ווערזשע וועט מיר אָ דאָ באַשיידן דעם זין?
ווער וועט מיר זאָגן — וווהין?

דו גייסט אין ערגעץ נישט און קומסט פון ערגעץ נישט,
און גאָרנישט איז געווען דאָ — און דאָס, וואָס איז געווען,
איז אין דעם גרויסן נעכטן, דעם יאָר־מיליאָן שוין אויך צעשטערט,
גאָרנישט איז געווען, גאָרנישט איז, גאָרנישט ווערט.

אומזיכטבאַרע הענט יעדן טאָג און יעדע נאַכט
ברענגען
די זון אין די שטערן ארויס,
אומזיכטבאַרע הענט
הענגען
בייַנאַכט דעם הימל מיט שטערן אויס,
בייטאָג די זון
אָן אַ זין אַלעמאָל העכער און העכער ביז צום זעניט
פון דער הימלס־מיט
און שפּעטער ווידער צוריק.

גאָרנישט איז געווען און דאָס, וואָס איז געווען
איז צעשטערט פון אַ צאָרן — אפשר אַ גערעכטן און אפשר אומגערעכטן,
פאַרבײַ אין דעם גרויסן נעכטן,
אין דעם מיליאָן פון די יאָרן —

ווי אוראַלט איז דאָ אַלץ.
דער הימל אפילו,
דאָס געטלעכע געצעלט,
ברעקלט יעדע נאַכט מיט טויזנטער שטילע
מעטעאָרן — —
אַזוי שטיל דאָ בייַנאַכט,
און פון דער ווייטן הערט מען דעם אָפּקלאַנג שאַלן — פון זייער פאַלן,
פאַלן פון הימל צו הימלס טונקעלן אולטראַמאַרין.

מען הערט, ווי עס קלאַפּט דער וועב־שטול פון אַן איינזאַמער שפּין,
צווישן צוויי טערמיטן־בערגלעך געשפּאַנט.

מען הערט וויאַזוי
דער זאַמד שוועלט, ווען עס זאַפּט אײַם בײַנאַכטיקער מדבר־טוי.
מען הערט, ווי עס רעדן, רעדן, רעדן,
אין זייערע מיליאָנען־בערגלעך
זייערע מיליאַרדן־שטעט,
די טערמיטן:
מיר שטאַרבן — מדבר־הונגער־טויט שטאַרבן מיר,
גאָט — דערהער אונזער טערמיטן־געבעט,
שוין האָבן מיר גענוג געליטן,
דײַן ווילן געטון — געהערט דײַן געבאָט,

גאָט —
אויפגעגעסן
האָבן מיר דײַן וועלט — און דו האָסט אונז פאַרגעסן —
גיב אונז, גיב אונז נאָך אַ וועלט צום עסן. — — —
אָדער פאַרשעלט
אונז און לאָז אונז שטאַרבן. —

איך גיי מיט גרויסע ווילדע שריטן,
איינער אַליין און מײַן שרעק מיט מיר —
און עס דאַכט זיך מיר,
אַז איך בין נישט איך — אַז איך בין
אַ בערגל פון טערמיטן,
וואָס האָט זיך אָפּגעריסן פון דער ערד און גייט. — — — —

איך גיי מיט גרויסע, ווילדע שריטן,
און מײַנע פיס — צוויי גלאָקן־צונגען, —
האָבן זיך צעקלונגען
דומפּ און זאַמדיק
אין דעם גלאָק פון דעם נאַכט־הימל
איבער מיר. —

בין איך דער לעצטער? איז וווּהין?
בין איך דער ערשטער? איז וווּהין?

דו ביסט דו!
האָט דאָס אַ זין?
נישטאָ קיין אַנדערער זין. —

און דער מדבר אַרום?
איז די וועלט —
אַזוי נעכטן, היינט און אייביק,
געווען, איז און וועט זיין. —

אַזוי ווי דו איצט איז יעדער אין דער מדבר,
און איז איינער אַליין.

# דער בת־יחידהס נדן

### אַ באַלאַדע פון אַ וואָכעדיק, אַלט שטיק יידישע וואַנדער־כראָניק אַרויס

קומט דער ייד אַהיים פון בית־המדרש בײַנאַכט,
אַוועקגעשיקט נאָך איין מעריב צו גאָט,
ס׳איז געווען אַזוי לאַנג ווי אין אַכצן־פופציק,
אין פוילישן שטעטעלע ווישעגראָד.

דער ייד קומט אַהיים, טרייסלט אָפּ דעם שניי,
און אין קאַנעץ פאַריכט ער דעם קנויט.
מאַכט ס׳ווייב: זע נאָר, ווי עס ברענט דיין קינד!
און זי דערלאַנגט אים אַ ציבעלע און אַ ברויט.

קייט דער ייד די וועטשערע און כסדר פאַרטראַכט.
— כ׳האָב, כ׳מיין, כ׳דאַרף עפּעס זאָגן, כ׳האָב געוואָלט —
דאָ פינסטערט מען אַזוי און אויף דער ווייטער וועלט
שאַרט מען דאָך אויף די גאַסן דאָס גאָלד.

וואָזשע וועט מען דאָ אויסזיצן, וואָס וועט מען דאָ?
מען דאַרף זיך גאָר לאָזן איבער גאָטס ערד,
און אַז גאָט האָט אונז שוין אויף דער עלטער אַזאַ
גאָלדן קינד אַלטע־זלאַטע באַשערט,

דאַרף מען טראַכטן פאַר אַ שטיקל תכלית און מען דאַרף
פאַר אַ גאָלדן קינד — אַ שטיק גאָלד — נדן — —
וויינט דאָס ווייב און זי ווישט מיט דעם פאַרטוך די נאָז:
— אוודאי ביסטו גערעכט, מיין מאַן.

דאָס פלעמל פון קאַנעץ גיט אַ שפּרונג אַרויף,
און אין פענסטער פלאַמט אויף די בלום פון פראָסט:
— בלי נדר אין אַ חודש וועט מען טאַקע אַוועק,
אַזוי גיך די ווייסל וועט האָבן געלאָזט.

זאָגט די יידענע: אוודאי, וואָס וועט מען דאָ אָן?
אַז סיי ווי סיי איז מען עלנט ווי אַ שטיין —
קיין ברודער, קיין שוועסטער, קיין טאַטע, קיין מאַמע —
פון גאַנצן יריד שוין געבליבן אַליין.

די נחלה פאַרקויפט און געבליבן נאָר
ביי אַביסל גרעט און בעטגעוואַנט,
און מען האָט זיך מיטן פרילינג און מיט דער ווייסל געלאָזט
אין ווייטן, גאָלדענעם לאַנד.

קיין דאַנציק אַ וואָך אויף טראַטוועס און פון דאָרט
האָט אַ שיף די זעגלען געשפּאַנט,
און מיט זעגלען געשפּאַנט, מיט די פאָלעס צעלאָזט
איז דער ייד מיט ווייב און קינד אַריין אין ענגלאַנד.

פרעגט ער זיך באַלד אויף דער וויטשעפּל־גאַס,
און דאָ ערשט פרעגט ער זיך גוט פאַנאַנד,
און מען זאָגט אים, אַז ס'איז אמת די מעשה מיטן גאָלד,
און מדינת־אויסטראַליע הייסט דאָס ווייטע לאַנד.

און דאָ וואַרטן שוין יידן, וואָס פאָרן אויך,
פון קירה און פון פאָניע, ס'איז אַ וועלט און מען פאָרט,

פֿרעגט זיך דער ייִד אַזוי לאַנג ביז ער האָט
מיט אַ שכן פֿון פּלאָצק זיך צוזאַמענגעפּאָרט.

קויפֿט זײַן ייִדענע אָן צוויי זעק מיט ברויט,
און אַ זעקל ציבעלעס און קנאָבל קויפֿט זי אײַן,
און מען לאָזט זיך אַזוי אין אַ מנין אַוועק
מיט מזל אין אַ שווערן וועג אַרײַן.

איז די שיף מיט אַ קוימען און פֿון קוימען זעצט
אַ שווערער, געדיכטער, שוואַרצער רויך,
ון אַז דער ווינט וועט זײַן גוט, האָט די שיף פֿאַרן ווינט
וויקלטע, ברייטע זעגלען אויך.

עס גייען די שבתים, ווי די וואַסערן גייען,
לבֿנות קומען אויף און גייען אַוועק,
צו דער דריטער לבֿנה האָט מען צוגעשלאָגן
ינה בראַזיליעס הייסן ברעג.

אַ ק...דנט מען סחורות אַרויף און אַראָפּ,
יז אַ גוטער ווינט קומט — איז די זעגלען געשפּאַנט,
יען ווידער שבתים און אין צוויי לבֿנות
כ זט מען גאָר צום מדינת־אַפֿריקע לאַנד.

און מען זעט שוין נישט קיין סוף —
ווײַנט די ייִדענע שטיל:
— שוין האָסטו אונדז אַלע אָפּגעגילדעט — —
זיצט דער ייִד אויפֿן דעק און ער חלומט און עס מאָלט
דער דמיון אים פֿון גאָלד־לאַנד אַ גאָלדן בילד.

מאָגערט זלאַטקע, דאָס קינד, און עס פֿינסטערט דאָס ווײַב,
און דאָס פּנים פֿלאַמט איר מיט ציגל־קאָליר:
— שוין פֿינף חדשים — וואָס האָסטו געוואָלט —
אַ בראָך אויף דײַן קאָפּ — פֿונם קינד און פֿון מיר?!

צומאָרגנס לויפט פּלוצלונג דער ייד פונם דעק,
דער של־ראש זיצט פאַרדרייט, דער של־יד אין דער האַנט:
— גיב נאָר אַ לויף אַרויס, וועסטו זען
שוין די גרויסע פייגל פון גילדערנעם לאַנד!

גלאָצט זי אויף די פייגל — נאָר זי רירט זיך עפּעס נישט,
זי זעט נאָר ווי זיי פליען פאַרביי און פאַרביי,
און פּלוצלונג גיט עס איר דעם אָטעם אַ באַנעם —
און זי — לאָזט זיך פליען אויפן ווינט מיט זיי. — — —

נעמט מען צו איר גוף און פאַרבינדט אין אַ זאַק
מיט אַ שטיין. און עס ווערט אויפן דעק אַ געלייף —
שטייט דער ייד און זאָגט קדיש מיטן קינד אויף דער האַנט —
גיט די שיף זיך אַ דריי און דריימאָל גיט דער קוימען אַ פייף.

דריקט דער ייד דאָס קינד, טריפן טרערן אין באָרד,
און ער הערט, ווי עס טוט אין וואַסער אַ פליוך — — — —
גיט דער ייד ביי אַ שכן אַ פרעג אויפן דין,
צי דאַרף מען אויפן וואַסער זיך אויסטון די שיך?

און נאָך מעריב זינגט ער: — שלאָף קינדעניו איין —
אונטער דיין וויגעלע איז אַ ציגעלע פאַראַן —
אַ ציגעלע פון גאָלד און דאָס ציגעלע איז אַוועק
צו זוכן פאַר זלאַטעניו אַ גאָלדענעם נדן.

און צום אויפשטיין פון שבעה איז מען דאָ אין לאַנד,
און מען פרעגט זיך ערשט ווידער גוט פאַנאַנד,
ס'זענען יידן שוין דאָ, ס'הייסט די שטאָט באַלאַראַט,
לאָזט דער ייד זיך אין וועג אַריין מיטן בעטגעוואַנט,
מיטן קינד אויף דער האַנט.
די פּאות מוז ער שניידן און האַקן דעם כאַלאַט.

און אַ פּסוק פון איוב זאָגט דער ייד מיטן קינד,
דער הויכער ייד פון ווישעגראַד:
— יהוה נתן, יהוה לקח —
און געלויבט איז דיין נאָמען גאָטעניו, גאָט. —

און אַמאָל, נאָך מעריב, קומט דער ייד אַהיים,
קאָכט אָפּ פאַרן קינד אַ שיסעלע גריץ,
ווייל דאָס קינד נישט עסן — טאַפּט ער זיין קעפּל,
גליט עס, ווי אַ שטיק פייער אין היץ.

און פאַרטאָגס — איז עס שוין געווען פאַרביי.
זאָגט דער ייד: — אָט צו דעם בין איך אויסגעפאָרן אַ וועלט?
גייען יידן אַוועק און זיי קויפן איין
אַ שטיקל ערד אויף אַ הייליק פעלד.

אַז אַ שול איז שוין דאָ — זאָל אַ הייליק אָרט
אויך זיין אין דער קהילה פון באַלאַראַט.
גראָבן יידן און רעדן: — אין דער היים ליגט איצט שניי —
און דאָ איז ווי תמוז היים דער שבט.

די זון שטייט הויך — אויפן טהרה־ברעט ליגט
אין די תכריכימלעך ס'טויטע קינד.
פאַרטיפט אין שמועס גראָבן טיפער די יידן,
שוויס פון די פּנימער ריטשקעווייז רינט.

רעדן יידן און טראַכטן. רבונו של עולם,
אפשר וועט דאָ געשען דאָס גרויסע נס —
טראַכטן די יידן און דער אבל טראַכט מיט
ביים טהרה־ברעטל, ביים מאָגערן מת.

די יידן טראַכטן — ס'ווערט די ערד עפּעס האַרט,
עפּעס פונקט ווי אַ שטיין, עפּעס גאָרנישט קיין ערד,

און פּלוצלונג אַ קלונג, זאָגט ער אָן דאָס נס?
דער קלונג, וואָס זיי האָבן פון דער ערד דערהערט?

און זיי וואַרפן די אייזערנע כלים אַוועק
און גראָבן ווייטער מיט די בלויזע הענט —
— עס איז דאָ! עס איז דאָ! דאָס נס איז געשען!
— מיר האָבן אָבער באַלד דעם קלונג דערקענט!

— אַ גרודע גאָלד! אוי, אַזאַ שטיק גאָלד!
— עס וועגט דאָך טאַקע אפשר צוועלף פונט!

נאָר פּלוצלונג זעען די יידן ווי עס הויבט
זיך פון טהרה־ברעטל דאָס טויטע קינד.

און דער טאַטע כאַפּט עס אויף דער האַנט, און ער גיט
מיט אַ פוס אויף דער גרודע גאָלד אַ שפּאַן:
— ס'איז מיין קינדס, מיין קינדס! יידן אַוועק!
ס'איז דאָך מיין טעכטערלס נדן!

און עס שעפּטשעט אים זלאַטעניו אין אויער אַריין:
— טאַטעניו, איך חלש, גיב מיר וואַסער און ברויט — — —
און איידער ער וויים נאָך, וואָס ער האָט צו טון,
האָט דאָס קינד, ווי אַ פייגעלע ס'קעפּל פאַרלייגט,
און איז שוין ווידער טויט.

גיט אַ שריי דער ייד פון ווישעגראַד,
ס'מת אויף דער לינקער, די רעכטע — אַ פויסט צו נאָט:
— יידן, יידן, ס'איז אַ גליק אין אומגליק, און אומגליק אין גליק,
ער נעמט און ער גיט און נעמט ווידער צוריק!

זאָגן די יידן אַזוי זיך: —וואָסזשע וואַרט מען אַצינד?
— גראָבט אַרויס דאָס גאָלד און אַריין דאָס קינד!

* * *

ס'איז אַ פּראָסטע מעשה — דערציילט אָט אַ דאָ,
ס'איז נישט פֿון די יידן און נישט פֿונם גאָלד,
היינט אין באַלאַראַט שוין קיין זכר נישטאָ,
ס'איז אַ פּראָסטע מעשה, נאָר וואָרט ביי וואָרט וואָר,
כאָטש אַ גאָלדענע מעשה, דאָך אַ וואָכעדיקע
פֿון אַכצנהונדערט־פֿופֿציק־ערשטן יאָר.

# אויף מעלבאָרנער גאַסן אין טאָג פון גרויסן פערד-געיעג

געבענטשט זאָלן זיין די אָרעמע אין גייסט,
ווייל זייער איז דאָס מלכות — פון דער ערד...
געבענטשט זאָלן זיין די, וואָס שטעלן אוועק
זייער וועלט אויף די פיס פון פערד.

געבענטשט זאָלן זיין די, וואָס הערן נישט
דאָס הירזשען פון אַפּאָקאַליפּטישע פערד,
וואָס שווימען איבער ימען אַהער — אויף כוואַליעס די גריוועס צעלאָזט,
פון אַלע פיר טײלן פון דער ערד.

געבענטשט זאָלן זיין די, וואָס זעען נישט
אויף דעם הימל הענגען דאָס גרויסע שווערד,
און עס שפּרינגט זייער האַרץ אין פרייד און גאַלאָפּ
מיט דעם ריטם פון געיעג פון די פערד.

געבענטשט זאָלן זיין די, וואָס טראַכטן נישט,
וואָס מאָרגן וועט זיין באַשערט,
וואָס שטעלן זייער לעבנס מזל אוועק
אויף דער שנעלקייט פון פיס פון פערד.

געבענטשט זאָל די שטאָט זיין, וואָס אין דעם טאָג
פון דעם גרויסן געיעג פון די פערד,

ווערן פוסט אירע גאַסן — ווי ווייסע נאַכט.
און די הייזער אָפן און אויסגעלערט.

האָט זיך ־דען אויף אַן אמת די גרויסע וועלט,
מיט די גרויסע געדאַנקען צו עפּעם דערקלערט?
אָבער אַ פרייד נעמט אַרום דאָס האַרץ,
ווען עס קלינגען קאָפּיטעס פון פערד.

אַ בעכער פון פאָלקס־פרייד איז דער גרויסער בעכער,
פאַר דעם געניאַלן זיגער, דעם פערד פון די פערד,
אַ בעכער פון פרייד פאַר אַ פאָלק אָן זאָרג.
זאָלן זיי טרינקען אומגעשטערט.

פון אַלע וועלטן אַנטלאָפן אַהער,
פון וועלט־טיילן אַלע פאַרצערט, פאַרטרערט,
אַ נייע וועלט אַוועקצושטעלן
אויף די שיינע, שלאַנקע פיס פון פערד.

אין די הייסע טיפן פון דער ערד,
ווולקאַן פון וועלט־טויט פייערדיק יערט,
אָבער דערווייל איז נאָך זייער ערד
פלאַך און פול פרייד! געיעג־פלאַץ פון פערד.

געבענטשט זאָל זיין דאָס פאָלק, וואָס שטייט שטיל
ווי ביי דער באַרג־פרעדיקט און הערט
זיך מיט איינגעהאַלטענעם אָטעם איין
צו די ראַדיאָ־בשורות פון געיעג פון די פערד.

אַז אַלץ איינס איז די וועלט, די גאַנצע וועלט
אַ קאָפּיטע־זעץ נישט ווערט
פון זייער גרויסן, זייער געניאַלן
זיגער, דעם פערד פון די פערד.

פֿון אַלע זייטן פֿון ים שוין שטייגן
די גריוועס פֿון אַפּאָקאַליפּסע־פֿערד,
קאַנאָנען בילן, מאַמעס וויינען אין שלאָף,
ווער ס'האָט גוטע אויערן, דער הערט.

און די וועלט, די וועלט, די איבעריקע וועלט,
שאַרפֿט דאָס פֿירזייטן־שניידיקע שווערד,
אויף דעם גוטן האַרץ פֿון דעם גוטן פֿאָלק
פֿון דעם פֿינפֿטן טייל פֿון דער ערד.

די אָרעמע אין גייסט, די רייכע אין האַרץ,
געבענטשט — די, וואָס ברענגען דעם הימל צו דער ערד!
געבענטשט — די, וואָס שטעלן זייער מזל אוועק
אויף די געטלעך שיינע פֿיס פֿון פֿערד.

# VI

# אָקעאַנישע

# פֿאַרטאָג־תּפֿילה אויפֿן ים פֿאַר יידישע פּאָעטן

אין אָט דער שעה פֿאַרטאָג אויפֿן ים,
צעטרייסלט פֿון נאַכטלעכן שטורעם,
צערעדערט פֿון דעם אומענדלעכן גאַנג פֿון די שרויפֿן,
ליג איך נאַקעט — גאָט פֿון אַלע וועלטן פֿאַר דיר —
אָן אַ העמד אויפֿן לייב — און אָן גלויבן
אין דער נשמה,
שוים אויפֿן לעכצנדיקן מויל,
און געבעטן, געבעטן — פֿאַר דער גאַנצער וועלט געבעטן.

פֿאַר דער גאַנצער וועלט —
און פֿאַר יידישע פּאָעטן,
וואָס טרייבן זיך, ווי וועלט־הינט איינזאַמע,
איבער דער וועלטס געמאַרקן אַרום,
אין די ווינטצעפֿליקטע געצעלטן
פֿון זייער ליד, די וואַנדערצירקן איבער וועלטן,
די קלאָונען, די פּאָעטן.
נביאות בלוטיקן זיי אויס — צו געשפּעט.

דעריבער בעט איך דיך, גאָט איבער געטער,
פֿאַר אונדז אַלע — די זינגער און אפֿשר די שפּעטער,
גיב אונדז חלום, גיב אונדז חלום צו זעט,
אויב ס'איז אונדז באַשערט צו רוען — אויף דערנער געבעט.

פאַר אונז אַלע, אַלע.
פאַר אונזער לעצטן און פאַר אונזער ערשטן,
פאַר ליוויקן, דעם פּאָעט,
וואָס איז ווייס, ווי אַ טויב געוואָרן פאַר דער צייט,
וואָס זיין קאָפּ איז, ווי דער קאָפּ פון אַ הייליקן, געפּייניקטן פון סיביר,
ליגן געבליבן אויף דעם וועג, אין עטאַפּ
און פאַרשנייט
פאַר דער צייט.
נאָר ער לעבט, ער לעבט צווישן אונז און פאַר אונז,
זיין שטימע מאָנט פון טיפן האַרץ — נעבן זיינע ווייסע לידער רייטן
קאָזאַקן אויף ווילדע פערד,
זיין שטימע קומט פון לעצטע מענטשלעכע טיפן און ווייטע סיבירישע
ווייטן,
זיינע ווערטער קומען גלייך פון זיין האַרץ,
יעדעס רייסט זיך אָפּ מיט דער גאַנצער קראַפט, ווי באַפרייט פון קייטן.

און פאַר אורי צבי גרינבערגן בעט איך דיך גאָט,
אין זיינע אָדערן שטראָמט דאָך נישט זיין אייגן בלוט,
טרערן מיט בלוט געמישט פון געשאָכטענע פון יידישע פּאָגראָמען,
שטראָמען
דורך זיינע אָדערן, אָנגעצווייגענע אויף זיינע דאַרע הענט, ווי שטריק.
גאָט, טו אַ בליק,
ווי דער פּאָעט
וואַנדלט איבער דער וועלט, ווי אַ קראַנקער פון היץ,
וואָס האָט זיך אַרויסגעריסן פון טויטן־בעט. —
פון זיינע וואַנזיניקע רייד, וואָס רייסן זיך פון ברענענדיקן סנה
פון זיין רויטן קאָפּ,
רעדט
דיין איינענער, משוגענער ווי,
דער ווי, וואָס האָט שוין יעדן זין פאַרלוירן,
גאָט.

און פאַר פּרץ מאַרקישן בעט איך דיך, גאָט,
פאַר מאַרקישן, וואָס איז מיט זיין שיינעם קאָפּ,
ווי דו אַליין, שיין,
ווי דו אַליין — אין דיינע יונגע יאָרן,
צוגעפאַלן מיט זיינע ווילדע בילדער, זיינע ווילדע לידער,
פייגל, וואָס זענען איבער אַ וועלט געפלויגן —
און איצט זענען זיי מיט צעבראָכענע פליגל
צוגעפאַלן צו די מויערן פון קרעמל, צו די קאַלטע ציגל,
און עס דאַכט זיך זיי און זייער זינגער,
אַז ער האָט געפונען די פייערדיקע רוט,
וואָס נעמט נקמה פאַר אונזערע טאַטעס און מאַמעס
און שוועסטערס און ברידערס פאַרגאָסן בלוט —
ווייל עס ברענט אים, ווייל ער האָט זיך אין דעם בלוט, אין זיין „קופּע״
געוואַלגערט,
קושט ער איצט מיט זיינע געטלעכע ליפּן די פייערדיקע נקמה־רוט — —
טו גאָט, אַז זיין גלויבן זאָל אייביק געדויערן. —
רייס אים נישט מער אַוועק פון די קרעמל־מויערן,
פון זיין טרוים פון לעצטן גליק,
אין אונזערער איינזאַמער וועלט פון פאַרצווייפלונג צוריק.

און פאַר משה לייב האַלפּערנען, וואָס דו האָסט אים יונגערהייט
פון גוף באַפרייט!
גיב אים רו אין זיין לעצטן שלאָף,
זאָל ער זיך נישט דאַרפן בייסן מיט זיינע וועלפישע ציין
דורך דעם טויט,
ווי ער האָט זיך דורך דעם לעבן געביסן.
געקלערט האָבן זיי, אַז דאָס רייסט ער זיך מיט דער וועלט אַרום,
און ער האָט דאָס נאָר מיט זיך אַליין,
מיט זיין אייגן לעבן זיך אַרומגעריסן,
ווי אַ וואָלף, אַ פאַרוווּנדעטער, מיט פאַרבלוטיקטע ציין.

און פאַר איציק מאַנגערן בעט איך דיך, גאָט,
וואָס עס קומט אים דער טיטל פון אַ ריטער

צווישן אונז — ווייל ער איז פון דורי־דורות אַ שניידער. —
ציענדיק די נאָדל־פאָדעם מיד,
נאָך חצות, נאָך צוואַנציק שעה אַרבעט האָבן זיי,
די שניידערס, די ריטערס, באַשאַפן אונזער יידיש ליד.
און אין איציק מאַנגערן, אין זייער אייניקל,
אין זיין אומרואיק בלוט,
איז חצות מיט שרעק, מיט בונט, מיט טרוים, מיט ליד געמישט אוודאי
נאָך געבליבן — און באַשאַפן זיין גרויסע באַלאַדע.
זי ברענט אין זיין בלוט,
לעשט ער זי אין ברענענדיקן ווין, דער פאַרכישופטער באַלאַדן־ריטער,
ווייל איינזאַם און ביטער איז זיין לעבן, ווי עס איז ביטער
און מיט טויט געמישט דער ביטערער טראָפן, מיט וועלכן ער לעשט
טאָג איין און טאָג אויס דאָס ליד פון זיין לעבן,
און צינדט זיין לעבנס־ליד.
גיב אים, גאָט, אַ האַרץ, אַ צווייט,
ווייל דאָס ערשטע האָט ער שוין דערטראָנקען אין ברענענדיקן ווין און לייד. —
זע, ער ברענט דאָך פאַר דיר, ווי אַ יום־כיפור־ליכט, אָנגעצונדן פון צוויי זייטן —

און פאַר אַלע נישט־אָנגערופענע אין מיין געבעט,
פאַר יעדער יידישער פּאָעטין און יעדן יידישן פּאָעט,
מעג איך האַלטן פון זיין ליד, אָדער מעג איך מיך האָבן אַרומגעבּיסן
מיט אים, און זיין ליד, ווי אַ הונט אויף דער קייט, אים אַראָפּגעריסן —
בעט איך דיך דאָ פאַר יעדער יידישער פּאָעטין און יעדן יידישן פּאָעט.
מיט די, וואָס זענען קליין, ווי מאָן,
הויב איך מיין תפילה אָן,
און לאָז זיי אויס
מיט די, וואָס זענען, ווי פעלזן שוואַרצע איבער ימים אייביק און גרויס,
אין אַלע קאָנטינענטן, לענדער, מעטראָפּאָליעס, דערפער, שטעטלעך און שטעט —

פֿאַר זיי אַלע איז מײַן געבעט!
און פֿאַר מיר, פֿאַר מיר אַליין, דעם לעצטן צווישן זיי,
לאָז מיך גאָט אין דעם גרויסן, הייליקן בוך פֿון ייִדישן לייד און ליד
אַרײַנשרײַבן כאָטש אַ וואָרט, און כאָטש אויף דעם לעצטן בלאַט —
און דאָס לעבן מײַנס, וואָס איז געווען, און איז, און וועט זײַן נע־ונד,
זאָל נישט האָבן אַוועק אינגאַנצן אומזיסט. —

אין אָט דער נאָך־שטורעם־שעה — פֿאַרטאָג־שעה — מיטן־ים־שעה —
שרײַ איך צו דיר אין דעם צוקן און שווײַגן פֿון מײַנע ליפּן —
ווער, אויב נישט דו, וועט אונדז דיכטער דערהערן?
דו, וואָס ביסט איינער פֿון אונדז, וואָס האָסט אַזאַ ליד, אַזאַ וועלט באַשאַפֿן,
קום אַראָפּ אין דער שעה צו מיר,
און נעם דיר דאָס געבעט, דאָס ליד, אויף דעם שטיק פּאַפּיר,
פֿאַר אונדז אַלע, ייִדן־פּאָעטן — ייִדישער גאָט — צו דיר.

# שלאָפלאָזע ים-נאַכט

אַלע וועגן פֿאַרשאָטן, אַלע בריקן פֿאַרברענט הינטער מיר,
נאַקעט געקומען אויף דער וועלט און אָרעם וואָגל איך אַרום אויף איר.

מען זאָגט, איך געהער צום יידן־פֿאָלק, זיין זון רופֿט מען מיך אָן,
נאָר זיי קענען מיך נישט און איך קען זיי נישט, מיינע שטיפֿברידער — זעכצן מיליאָן.

און יידיש זאָל דאָס מיין לשון זיין, מיין נשמהס טעגלעכע וואַסער און ברויט,
אָ, איך ווער שטומער פֿון טאָג צו טאָג, מיין לשון איז קראַנק, אַ טאָג פֿאַר טויט.

מיינע לידער, ווילדע דרשות אויף איינזאַמע בערג צו אַ טויבער וועלט,
זענען ווי ליכט אין צער געצונדן און אונטער אַ שעפֿל געשטעלט.

מיינע אויגן זענען אין איינזאַמע ים־נעכט צו די שטערן־וועגן געקערט,
זעען די וועגלאָזע וועגן אויבן און קיין איינציקן וועג נישט אויף דער ערד.

כ'האָב דאָס לעבן ליב, איך האָב ליב, ליב אַלץ, וואָס עס זעט נאָר דאָס אויג,
און עס שלאָגט דאָס האַרץ: טויט — טויט — ווי אין אַ שוואַרצער פּויק.

ווען מיין טאָכטער וואָלט מיך ליב געהאַט און מיין זון וואָלט מיר געוועזן געטריי,
וואָלט איך אַ צוואה אויפגעשריבן און געשיקט אין אַ בריוו צו זיי:

מיינע ליבע קינדער, אַ מענטש קאָן נישט וויסן, היינט דאָ, נאָר מאָרגן קאָן איך נישט מער זיין,
מיין נשמה ביים לעבן האָט איר נישט געדאַרפט, וואָזשע דאַרפט איר נאָך דעם טויט מיין געביין?

טאָמער שטאַרבט אייער טאַטע אויפן וואַסער, וועט מען טון זיין רעכט,
ווי מען טוט אויפן ים,
נאָר טאָמער שטאַרבט ער אויף דער ערד, זאָלט איר איבערענטפערן זיין געביין דעם פלאַם.

און דאָס אַש צעשפרייטן איבער דער ערד, און איבערענטפערן דעם ווינט —
(וואָס נאָך קאָן איך דיר זאָגן, מיין זון, און דיר, מיין טאָכטער, מיין קינד?)

מען קומט פון דער ערד און מען וואָגלט אַזוי לאַנג, ביז מען קומט צו איר צוריק,
ווייל זיכער, ווי איינס און איינס איז צוויי, איז דער טויט — דאָס לעבנס־גליק.

# ים-טאָג — משוגע צו ווערן

דריי וואָכן ים פֿאַר מיר,
דריי וואָכן הינטער מיר,

ווּ בין איך? ווער?
זאָג מיר, גאָט!

— איך? ניין!
ביסטו דען נישט גאָט אַליין?

— נישט דו, נישט איך,
דאָ איז גאָרנישט זיכער,
נאָר כוואַליעס, כוואַליעס, כוואַליעס,
באַלוואַנעס,
ווילדע אָקסן, ווילדע פערד, ווינט אין גריוועס,
ווילדע באַראַנעס,
יואַסערוואָלענע פעל
און איבער דער סטאַדע שאַרפער וויכער,
וועלטנבייטש,
מיט דונערן קנאַלט, מיט בליצן בליצט.

עס קרענקען אַלע פּאַסאַזשירן
אין מײַן קאַבינע,
און איך בין משוגע,

אין סאַמע וויכער
ליג איך אויף די קניען
צווישן מיינע פּעק,
פּאַפּירן,
ביכער,
לידער — וואָס האָבן ווי שוואָמען, ווי קלעק־
פּאַפּיר איינ־
געזאַפּט מיין לעבנס געלעכטער און געוויין.

איך האָב מורא פאַר מיינע אייגענע לידער —
פאַר מיינע משוגענע ברידער,
אפשר זיי וואַרפן אין ים אריין,
מיינע בריוו פון מיר צו מיר אַליין? — —

דאָס פענסטער־ראָד איז פאַרשרויפט,
די טיר פאַרמאַכט.
ווערזשע האָט מיר ווידער אָט דעם בריוו געבראַכט,
פון מיר צו מיר אַליין?
איך וועל אים נישט עפענען — מסתמא ווידער
עפּעס אַ פינסטערע בשורה,
ווי אַלעמאָל אין יעדער שורה
פון מיינע פינסטערע לידער,
די בריוו פון מיר צו מיר אַליין.

רעדן מיינע קראַנקע מיטפּאַסאַזשירן,
רעדן אין צווייען, דרייען, פירן,
וועגן מיין בריוו.
רעדט די גאַנצע קאַבינע,
איך הער, ווי עס זאָגט דער מאַן פון יאַפּאַן צו דעם אַלטן פון כינע:
— זינט איך לעב, זינט איך פאָר, אַ בריוו אינמיטן ים?
זאָגט דער כינעזער און באַלד שלאָפט ער איין:
— מסתמא אַ ראַדיאָ־טעלעגראַם.

עפן איך.
ניין, נישט קיין טעלעגראַם, נאָר אַ בריוו.
לויף איך מיט די אויגן די שורות איבער
פון דעם בריוו פון מיר צו מיר.

מען מוז ענטפערן.
נעם איך אַ פעדער און שרייב: מיין ליבער —
הער אויף מיט די בריוו, איך האָב מורא פאַר דיר,
ווער ביסטו דען, דו?
אַמאָל ביסטו צוויי, און אַמאָל ביסטו פיר,
און אַמאָל אין אַ פינסטערער נאַכט —
גאַנצע אַכט —
דו ביסט אייז־צאַפּן אין סיביר,
און גליסט, ווי אין גיהנום־טייך, אין ים פון סינגאַפור,
און אין וואַרשע גייסטו אום,
אַ יידישער געשלאָגענער הונט אויף אַלע פיר,
און דיין יוגנט טאַנצט אַ וואַלצער
איבער די וואַלצער־גאַסן פון ווין,
און דיינע קינדער־יאָרן באָדן זיך אין מאַנדל־מילך, אין אַ שטעטעלע,
אין אַ ווייסער וואַן
פון פיינעם פאָרצעלאַן —
און אויף דעם עמפּאַיר־סטעט אין ניו־יאָרק פלאַטערט גרין
דיין האָפענונג,
און דיין האַרץ — פון ליבע צעלעכערט ווי אַ זיפּ,
ציט, ציט, ווי אַ קינד אַן איינגעשפּאַרט
דער מאַמעס קלייד,
צוריק צו ליבעס־לייד —
צו לעצטער ליבע ערגעץ צו אַ שוואַרצער אור־פרוי,
אַ לובּרא פון אויסטראַליעס מדבר —
און אַליין — טאָקע דו אַליין —
ביסט נישט אין סיביר, סינגאַפּאָר, וואַרשע, ווין, רעדים, ניו־יאָרק,
דאַרווין

נאָר אויפֿן ים, און ווייסט נישט וווּהין —
הער אויף מיט די בריוו,
מיין ליבער,
די בריוו אין וועלכע ס׳שרייבט זיך איבער
? צו?...

כאַפּט זיך אויף דער בינעזער און קוקט פֿאַרבליפֿט:
— וואָס איז דאָס דאָרטן פֿאַר אַ געשריפֿט?
ווידער אַ בריוו אינמיטן ים,
אָדער אַ טעלעגראַם?

— ניין, דאָס איז דער ענטפֿער פֿון מיר.

— און וואָס טוסטו דאָרטן ווידער?

— איך שיפֿריר —
אַן ענטפֿער צו מיר —

עס רוישט דאָס בלוט, דאָס פּנים גליט,
וואַנזין — טראַכט איך — און שרייב און שרייב
די בריוו פֿון מיר צו מיר,
פֿון לייב צו נשמה און נשמה צו לייב,
מיין האַרץ בליט,
און אַ דין געזאַנג — אַ סטרונע פֿון שטראַל — ציט
איבער אים. מיין זינלאָז ליד —
בריוו נאָך בריוו,
אַרויס פֿון דער טיף פֿון איינזאַמקייט,
איבער אומענדלעכקייט,
אין פֿאַרגעסנקייט —

בריוו נאָך בריוו,
פֿון מיר צו מיר.

## דער האַס גייט אַוועק — זאָל קומען דער טויט אויפן ים...

אויף דעם ים גייט אַוועק דער האַס,
רויִשט דאָס האַרץ — ווי דער ים רוישט עס ווילד,
רוישט מיט ליבע, רוישט ווי דער ים,
ווי דער ים קיינמאָל — נישט געשטילט.

און אז האַס גייט אַוועק, דאַרף מען זיין געגרייט
מיט ליבע פון דער וועלט פון האַס צו גיין,
איז אויב דו דאַרפסט צו מיר קומען — טויט,
קום נאָר אויף דעם ים צוגיין.

כ'וויל, מען זאָל מיך וואַרפן אין ים,
כ'וויל באַגראָבן ווערן אין ציין —
כ'וויל צעשוווּמען ווערן אין זאַלץ,
אַזוי דאַרף מיין סוף צו זיין.

כ'האָב געלעבט אויף דער ערד צווישן ציין,
מיינע צוויי און פערציק יאָר,
און אזוי וויל איך אויבעט זיין
באַגראָבן — אין מיין לעבנס־וואָר. — —

און אַוועקשווימען וויל איך אין זאַלץ,
אין דעם וועלט־טרויער־ים, אין דער געטלעכער טרער,
ווייל טרויער געווען איז
מיין לעבן אויף דער ערד.

# דריי-אייניקייט אויפֿן ים

אויף דעם ים זענען מיר זאַלבעדריט,
גאָט און די זון און איך —
אויף דעם ים פֿאַרשטייען מיר זיך,
גאָט און די זון און איך. —

אויף דעם ים בין איך מיטל־רינג אין
דער דריי־אייניקייט,
צווישן גאָט, דער טיף, און דער הייך — דער זון,
צווישן נאַכט און נאַכט און טויט און טויט.

אויף דעם ים גלויב איך נאָר אין מיר,
בין איך זון אַמאָל — אַמאָל גאָט אַליין,
קאָן איך זון פֿאַרשטיין און גאָט פֿאַרשטיין,
נאָר מיך אַליין קאָן איך נישט פֿאַרשטיין.

אויף דעם ים זענען מיר זאַלבעדריט,
גאָט און די זון און איך —
אויף דער ערד — ווייט — ווייט — — — —
אויף דעם ים: דריי־אייניקייט.

# זעקס וואָכן ים

שעהן שווינדן, טעג פאַרגיין, וואָכן לויפן,
עס עגבערן די אייביקייט די שרויפן,
די שטאָלערנע הערצער פון דער שיף.

און צווישן די שטאָלערנע הערצער אינמיטן,
הער איך דעם קלאַפּ פון אַ האַרץ אַ דריטן,
אין אַ דינעם שטראָמל פון בלוט.

וואָכן זענען אַוועקגעשוווּמען,
און פערציק יאָרן זענען געקומען,
ווי אַ ווילדע מחנה צו מיר צו גיין.

פערציק יאָרן איז מער ווי אַ לעבן,
וויאַזוי האָסטו אונז צעטרענצלט, צעגעסן —
און מיר זענען דיינע שקלאַפן געווען.

אין וואַסער עגבערן די שרויפן —
אָ, ווי זאָל איך פון מיינע יאָרן אַנטלויפן? — —
גאָט באַלד, כאָטש אין נאַכט און אין ים. —

נאַכט, ים און לעבן האָבן מיך געפאַנגען,
די שיף איז אין נאַכט און אין ים געגאַנגען —
און מיין לעבן שרויפט זיך אַריין אין טויט.

# פליִען אַלבּאַטראָסן

נאָך איינמאָל האָט דער ים זיך אַ וויג געטון,
און מיט דעם הימל זיך צוזאַמענגעגאָסן,
און זיך ווידער געשפּאָלטן — פון דער ווייטן פליִען
אַלבּאַטראָסן. —

פון דער ווייטן, ווי פון וואַסער אַרויס,
ווי אינמיטן ים וואָלט זיך אַויפגעשלאָסן
זייער באַהאַלטן נעסט — פליִען, פליִען
אַלבּאַטראָסן. —

אַליין פלי איך איצט אויף דעם שנאָבל פון שיף,
דער ים איז פון דעק נאָך נישט אָפּגעפלאָסן,
בּשׂורות פון הימלען, ימען און פעלזן —
פליִען אָן אַלבּאַטראָסן. —

ווי פעלזן געשפּאָלטן פון בליץ, שפּאַלט זיך איצט
דער וואָלקן, — שוין האָט ווידער די זון אַרויסגעשאָסן —
זיבּן פוס זיינע פליגלס שפּאַן — פּאָרויס — דער אַדמיראַל
פון די אַלבּאַטראָסן. —

פליִען, פליִען אין פרייהייט, פון אַלע צווימען אַרויס,
די פלי־ און פרייהייטס־ווירטואָזן,
דער וועלטס נשמהס טרוים־דערגרייכונג,
אַלבּאַטראָסן. —

פֿליִען אַרויף, — שרײַבן מיט שפּיצן פֿון פֿליגל
אויף הימלען צעשפּאַנטע, בלויע אייביקייטס־פּאַפּירוסן,
אין פֿליגלען־שריפֿט־שפּראַך, אייביקייט,
אַלבאַטראָסן. —

פֿליִען אַראָפּ — קריצן מיט ווײַסע פֿליגל־שפּיצן
געהיימע צייכנס אויף וואַסערס טיפֿגרינע גלאָזן,
אַ רגע — אַ צייכן פֿון אייביקייטס־פֿליגל —
אַלבאַטראָסן. —

איך שטיי און אין בליץ לעזט דאָס אויג מײַנס און לעזט,
זיגזאַגן געהיימע פֿון אייביקע פֿאַרוואָסן,
אויף הימל געשפּאַנט, אויף וואַסער געשפּיגלט, אייביקע שריפֿט
פֿון אַלבאַטראָסן.

גיסט צוזאַמען זיך צײַט, פֿאַרייניקט זיך רוים,
איינס ווערט פֿון די דרײַ אייביקע מאָסן —
לאָזט מיך פֿליִען, פֿליִען, פֿליִען אַוועק
מיט די אַלבאַטראָסן. —

פֿליִען אָן פֿליגלען, זעגלען אָן זעגלען
אין דער אייביקייט — מיט אירע מאַטראָסן,
וואָס זענען געווען, זענען דאָ, וועלן זײַן —
אַלבאַטראָסן. —

אָט שפּאַנט ער די פֿליגלען שטאַרקער אויס, דער ווײַסער אַדמיראַל,
ציט אָפּ אין פֿלי, אין באַוועגונגסלאָזן,
שוואַרצפֿליגלדיק זעגלען אין הימל נאָך אים
די אַנדערע אַלבאַטראָסן. —

די שיף אָטעמט שווער, באַרג־אַרויף, באַרג־אַראָפּ,
ווידער וואָלקן־געיאָג, ווידער ווינטן בלאָזן,
זיי פֿליִען אַוועק, פֿליִען — פֿליִען — — פֿליִען — — — —
אַלבאַטראָסן. —

דאָ בלײַב איך, אַ וואָרעם, אפשר ווייניקער נאָך — אַ מענטש —
איינזאַם, אויף אייביק אויף זיך פֿאַרלאָזן —
— ערד איז נאָענט! — הינטער מיר צוויי באָרוועסע מאַטראָסן —
— עס האָבן שוין די שיף פֿאַרלאָזן —
די אַלבאַטראָסן. — —

# אַטלאַנטיש ליד

אַט
לאַנ
טיק —
אַט — לאַנ — טיק —
וועלט־טייך צווישן וועלטן נייע און אַלטע —
וועלט־וואַסערטאָל,
פון ווינטן צעאַקערט, פון בליצן געשפּאָלטן,
כוואַליעס־וויג פון וועלטן־שטורעמס.

אַטלאַנטיק —
שטורעם־וויג צום דריטן וועלט־געבוירן
פון וואָגלערס צום דריטן מאָל פאַרטריבן פון גן־עדן,
דיינע וואַסערן זאַלציק־זויערע פון טרערן און פון בלוט פון ליידן,
דיינע שוואַרצע, שוימיקע טיפן
זענען נישט איינמאָל געווען וועלטן־קבר פון וועלטן־שיפן
מיט האָפענונג געלאָדן — מיט שטורעם פאַרזונקען.

אַטלאַנטיק —
נאָך זע איך די שאָטנס אויף דיר פון די זעגל־שיפן,
וואָס האָבן זיך ערשט דאָ נישט לאַנג —
פאַר אַ האַלב יאָרטויזנט, אַ וואַל־פיש לעבן — דורך דיר געשניטן,
צו דערגיין דיין סוד.
זאָל עס קאָסטן טויט — ווי די בויערס פון בבל קעגן הימל און גאָט.

נאָר דאָ האָט גאָט נישט צעפּיסן
די צונגען,
און עס איז געלונגען
דאָס גרויסע ווערק, און ווער עס האָט אויסגעהאַלטן, דער האָט נישט
אומזיסט געליטן —

זיי האָבן דאָך די אַטלאַנטיס געפונען,
און אַרויסגעקוילערט זי
פון דער טיף פון דעם ים, פון אַ האַלב מיליאָן יאָר
און פון דעם שפּיננעץ פון די לעגענדעס, אין וועלכע זי איז געווען
פאַרשפּונען.

אַטלאַנטיק —
וועג צום אייביקן זון־אונטערגאַנג,
וועג פון געזאַנג
פון אייביקן אויפגאַנג
פון דער האָפענונג־זון.
וועג — אויף וועלכן זינגענדיק און לאַכנדיק
האָבן דורות אַ צווישן־וועלטן־בריק
פאַרבּרענט הינטער זיך, ווייל אויף דיר גייט אַהין מען, און נישט
צוריק —

געוואַלטיק וואָרט אָן אַ זין — ווי דאָס גליק —
אַט — לאַנ — טיק.

# מאַרישער טויטן־טאַנץ

## אַ לעגענדע פֿון דעם שטילן אָקעאַן

פֿאַראַנען אַ אָרט אויף דעם ים פֿון די ימען,
אויף דעם שטילן אָקעאַן,
שיפֿט מען פֿאַרבײַ דאָרט בײַנאַכט — אַנטשלאָפֿן
די מאַטראָסן און דער קאַפּיטאַן.

און עס שווימט אַרויף אויף די וואַסערפֿלאַכן
אַן אינזל — שוואַרץ, ווי אַ טויטער ווולקאַן,
און אַ קינד הערט מען שרײַען און מען זעט אַ שאָטן
פֿון אַן אַנטלויפֿנדיקן מאַן.

און וואַסערלעך גליצערן אויף אויף דער אינזל,
און פּלוצלונג ווערט זי אינגאַנצן וואַך,
און ווי איבער ערד לאָזט צום שיפֿן זיך לויפֿן
די גאַנצע מחנה איבער וואַסערפֿלאַך.

און קלעטערן אויף דעם שיף אַרויף
ביז צום סאַמע אויבערשטן דעק,
און טאַנצן אַרום דעם הויכן מאַסט,
טריפֿן די האָר פֿון די קעפּ, פֿון די הענט — די פֿאַרזשאַווערטע העק.

גיט די שיף נאָך איינמאָל אַ לעצטן וואַקל,
אַ לעצטן קרעכץ די רודער־שרויב.

און פארגליווערט בלייבט זי אין ים, אין שטילן,
ווי אין א שווארצער שפיגל־שויב.

און ס'טאנצן די נאקעטע מענער און ווארפן
מיט פארזשאווערטע שפיזן און העק,
און די ווייבער — מיט די צעפרעסענע בריסטן,
ווי מיט צעריסענע זעק.

קומט די געוועקטע לבנה ארויס פאר דער טיר פון די וואלקנס,
דערזעט די פארזשאווערטע העק,
און ווארפט זיך ארויף אויף דעם שפיץ פון דעם מאסט,
אין איר ווייסער לבנה־שרעק.

און זי שטעכט זיך דורך דאס לבנה־הארץ —
גיט א רויש די מחנה: גוּ־גוּט — —
און ווארפט זיך לעקן ארום דעם מאסט
דאס מילכווייסע לבנה־בלוט.

זיי לעקן עס הונגעריק און דורשטיק אויס,
דאס מילך־זיסע, קילע בלוט,
און רוישן ווידער, טאנצן ווי כוואליעס,
און ווינטיק שרייען זיי: גוט!

— גוט ווידער איינמאל לעבעדיק ווערן,
איינמאל אין טויזנט יאר,
עס לעבט און שטארבט און ווערט ווידערגעבוירן
צו נקמה — דער מאאר.

נקמה פון דעם, וואס פארפירט האט אונז דא,
אין דער וואסער־וויסטעניש,

און וואָס מיר זענען, ווי איין מאַן, געשטאָרבן
דעם קאַלטן טויט אין די מײַלער פון פיש.

איינמאָל שוין האָבן מיר נקמה גענומען
פון אונזער קעניג און פון זיין זון,
מיר האָבן זיי דעמאָלט שוין אויפגעפרעסן,
און װעלן עס נאָכאַמאָל טון. —

און זיי שפּרינגען גליטשיק, ווי די פיש אין וואַסער,
איינציקוויז צו צום מאַן מיט דעם קינד —
וואַרפט זיך דער קעניג, ווי אַ פיש אונטער מעסער,
און דער פּרינץ, ווי אַ פישל, נאָך יעדן שינד.

ביז דער פּרינץ און דער קעניג זענען ווידער צעריסן,
און אַוועקגעטראָגן צווישן ציין,
ביז פון דעם פּרינץ און דעם קעניג איז געבליבן
אַ קופּע ווייס און נאַס געביין.

און נאָך איינמאָל אַ טאַנץ אַרום דעם מאַסט,
מיט די בריסט — מיט די זעק, מיט די שפּיזן — די העק,
שוין שפּרינגען זיי ווידער אין וואַסער צוריק,
און ווידער ווערט שטיל דער דעק.

ערשט דעמאָלט וועקט זיך איבער דער ערשטער,
דער ריז, דער רודער־מאַטראָז,
און ער צעברעכט מיט דעם רודער דאָס וואַסער,
ווי אַ גרויסע, שוואַרצע טאַפּלע גלאָז.

דער ווינט גיט אַ בלאָז, ס'גיט אַ ריס זיך לבנה,
ס'גיט אַ הויכן גענעץ דער קאַפּיטאַן,
גייט צו צום געלענדער און ער רעדט צו זיך:
— אַזוי איז ער שטענדיק, דער שטילער אָקעאַן.

עס האָבן פֿאַרטאָג געפֿונען די מאַטראָסן
בײַם וואַשן דעם דעק — אַ פֿאַרזשאַווערטע שפּיז,
און אַרום און אַרום דעם דעק נאַסע צייכן,
ווי פֿון אַלבאַטראָסן־פֿיס...

מ׳האָט דעם מאַסט אַ גאַנצן טאָג געוואַשן
פֿון דעם קלעפּיקן לבנה־בלוט,
און אַ ווינט האָט כיכיקעט איבערן ים:
אוה־הו — גו — גוט. — —

# VII

# פּאַציפֿיסטישע און אידעישע

יב

# די וועלט־פּאָליטיק
### אָדער
## די פיר רייטער פון דער אַפּאָקאַליפּסע

רייטן — רייטן לאַנדאיין, רייטן לאַנדאויס,
טויזנט יאָר איין — יאָרטויזנט אויס,
שוואַרץ־פייער די גריוועס — די אויגן שוואַרץ־פונק,
דער טאָג פליט אַוועק הינטער זיי. — אייביקע דעמערונג
גייט פאַר זיי פאָרויס —
קיינער קען זיי נישט, קיינער האָט נישט געבעטן די שוואַרצע געסט,
די רייטער — הונגער, קריג, טויט, פּעסט.

רייטן — רייטן ים־איין, רייטן ים־אויס,
נאָך קאַפּען די מענטל־רענדער מיט בלוט,
ווען זיי רייטן דורך ים — ווערט דער ים רויטע פלוט — — —
זיי זענען ווידער אויף דער ערד אַרויף —
אין די היימען רוימט מען פון די טישן דאָס ברויט,
פאַר די רייטער: טויט, קריג, פּעסט און הונגער־נויט.

רייטן — רייטן שטאָט־איין, רייטן שטאָט־אויס,
דערפער־אַריין, דערפער־אַרויס,
די פויערן — ווי די מייז אין די לעכער פון דער ערד,
איבער פּוסטע דערפער הירזשען זייערע שוואַרצע פערד,

ווי אַן איינזאַמער פֿגר ליגט פֿאַר זיי — אויף די גרינע לאַנקעס דאָס גליק,
פֿון שרעק פֿאַר די רייטער: הונגער, פּעסט, טויט, קריג.

דורך טויערן פֿאַרלאָזטע, דורך פּוסטע הויף און הויז,
דורך אָפֿענע פֿענסטער אַריין און אַרויס,
אַן אַלטער מאַן שרייט: ווער זענט איר, רייטער, אייביקע וועלט־רייטער פֿיר?!

קיין ענטפֿער, קיין קול. אויף די סקעלעטן קלאַפּט זשאַווערדיק זייער וויזיר.

זיי האָ.ן קיין פּנים נישט, זיי זענען דאָס שווייגן אַליין,
די קאַפּיטעס טרעטן אייזערן ווייטער, איבער פּרויען־געבעט און קינדער־געוויין.

אָט — אָט— שטייען זיי שטיל אויף אַ רגע, די רייטערס הונגער, פּעסט, קריג, טויט,
איינער וויקלט פֿאַנאַנדער אַ פּאַרמעט — ווייס — מענטשן־הויט.
זיי האָבן געבראָכן דאָס שווייגן אויף אַ בלוטיקער מינוט,
זיי וועלן באַלד ווידער רייטן דורך הונגער, פּעסט און בלוט,
רייטער טויט אַליין, רייטער טויט לעזט,
ביינער און ציינער־געקלאַפּער זיין קול,
זיין אָטעם, הייסער ווינט, און עס וועלקט פֿאַר אים דאָס גרינע טאָל:
— מיר — רייטער — פֿיר,
די וועלט־פּאַליטיק
זענען מיר,
מיר שווייגן,
מיר שווייגן ביז —
מיר האָבן געשווויגן גענוג,
דעמאָלט פּראָקלאַמירן מיר —
קריג!
פֿאַרויס רייטער קריג!

זיי רייטן און שווייגן ווידער הינטער אים,
זיינע אייביקע באַגלייטער,
די רייטער
פּעסט, הונגער־נויט,
טויט.

## אין אַלע פֿאָרשטעט, אין אַלע דערפֿער

אין אַלע פֿאָרשטעט, אין אַלע דערפֿער
פֿאַלט דער פֿאַרנאַכט אויף דער ערד,
אין אַלע פֿאָרשטעט, אין אַלע דערפֿער
שטייען די הייזער פֿאַרנאַכט פֿאַרקלערט,
שטייען די הייזער מיט קעפּ פֿאַרלייגטע,
איינס אויפֿן צווייטן, ווי מידע פֿערד.

אין אַלע פֿאָרשטעט, אין אַלע דערפֿער
קומען די מענער אַהיים פֿאַרנאַכט,
וואַשן די שוואַרץ־מידע הענט — און זעצן
צום טיש זיך אַנידער פֿאַרטראַכט —
און נאָכן מאָלצייט ווערן די טירן
פֿאַרריגלט און פֿענסטער פֿאַרמאַכט אויף ביינאַכט.

אין אַלע פֿאָרשטעט, אין אַלע דערפֿער
בעטן די ווייבער די מענער: זײַ קלוג — —
האַלט דיך איין, ליבער. זע, האָבן מיר דען
נישט מיט פֿינף קינדער גענוג?
הער בעסער דיך איין, וועסטו דערהערן
פּאָדקאָוועס קלאַפּן דרויסן אין ברוק. — — —

אין אַלע שטיבער, פֿינסטערע שטיבער,
כאַפּן די מאַמעס ארויס פֿון דער וויג
דאָס ייִנגסטע צו זיך — און בלייבן שווין ליגן

אזוי ביז צום מאָרגן, וואַכנדיק.
און האָרכן אַרויס אין דער גאַס און הערן
דעם אונטערצינדער פון שריפות און קריג. — —

אין אַלע פאַרשטעט און אַלע דערפער
גייט ער אַרום דאָרט פון הויז צו הויז,
אונטער אַלע דעכער, פרידלעכע, שטילע,
לייגט ער זיינע פייערנעסטן אויס,
זיינע פייער־אייגן גרינען אין דער פינסטער,
ווי ער ציילט די קינדער ביי די מאַמעס אין שויס.

האָט זיך אַ מאַמע פלוצלונג דערשראָקן
און אַ קוויטש געטון און צעשניטן די נאַכט,
זענען אַלע אין שטוב, צום טויט דערשראָקן,
פון דער מאַמעס געשריי פלוצלונג אויפגעוואַכט —
און ווידער אַנטשלאָפן — נאָר דער טאַטע האָט שוין
דער דערשראָקענער מאַמען נאָך אַ קינד געמאַכט.

איז דער אונטערצינדער אַרויס אַנטלאָפן,
און ער האָט אין דער שטילער נאַכט,
אַזוי ווי נאָר ער אַליין קאָן לאַכן,
זיך אויף זיין מעשענעם קול צעלאַכט.
און ס'איז פון זיין לאַכן אין אַ שטוב, אַ צווייטער,
אַ צווייטע מאַמע ווידער אויפגעוואַכט. — —

שטייט ער און לאַכט, דער אונטערצינדער,
און ער לאַכט, לאַכט. —
און ער טראַכט: אַצינד
איז מיין צייט! און ער גייט פון שטוב צו שטוב,
און ווי ער גייט גיבן באַלד זיך אַ צינד,
זיינע אונטערגעלייגטע פייערנעסטן —
שיקט ־ער טייוול אים צו אַ גוטן ווינט. —

און דורך אַלע פּאַרשטעט, דורך אַלע דערפער,
גייט די בשורה צו מענער פון גרויסן גליק,
נעמט מען זי אויף מיט טאַנץ און מוזיק,
און עס שמייכלט דער אַלטער אין זיין טויטן־בעט,
און צעלאַכט זיך דאָס קינד אין דער וויג,
און עס ווערט אַ מאַמע משוגע און שרייט:
קריג! — קריג!! — קריג!!!
און מען לאַכט און מען גייט זי בינדן מיט שטריק.

## ענטפערט דער דיכטער אַזוי...

נאָך אַ טאָג, נאָך אַ נאַכט, נאָך אַ שעה — נאָך איין מינוט,
און די וועלט וועט זיין גרייט צו דערטרינקען אין בלוט,
פאַבריקן ארבעטן איבערצייט, זעקס שיכטן אין אַ מעת-לעת,
אכט און פערציק — אין פיר און צוואַנציק שעה,
די גרעסטע באַשטעלונג זינט עס שטייט די וועלט,
איז ביי זיי באַשטעלט,
גאַזמאַסקעס — פאַר דער גאַנצער וועלט,
צוויי מיליארד —
און צוויי מיליאַרדן פאַלשירמס.

יעדן טאָג פרעגט מען. פאַרטיק?
ווייל אויף די ליפּן פון די וועלט-אונטערציינדער
ברענט שוין דאָס וואָרט צום סטאַרט.

אָט אַזוי וועט עס זיין:
סטאַרט!
געקומען די נאַכט, די שעה, די מינוט!
קאָמאַנדאָ: פון דער פייער-ערד
ביז אלאַסקע!
הערסטו, מענטש?!
די גאַזמאַסקע אויף, אויף די מאַסקע!

ווער עס האָט ווערן. — איז מאָמענטאַן געזעגענען!
און ווער נישט — וועט אומגעזעגנט באַגעגענען,
דעם גענעראַל־אַטאַק פון גאַז!
מיליארד קאָנטראַ מיליארד!
שוין גענוג און לאַנג געוואַרט!
אַלע סאָלדאַטן! יעדע האַנט אַ באָמבע מיט גאַז,
יעדעס האַרץ — אַ פלאַמוואַרפער — האַס!
בלוט איז וואַסער —
שלאָג קריגער, האַס האַסער!
בלוט איז וואַסער און וואַסער דאַרף זיך גיסן!
סטאַרט — ציינער אויף העלזער,
געביסן!
אַלע שלאָגאָדערן דאַרפן ווערן איבערגעריסן!
בלוט איז וואַסער און וואַסער דאַרף זיך גיסן!

און דו? פּאָעט — אידיאָט —
פאַרלוירענער פון מענטשן, פאַרגעסענער פון גאָט,
טראָגסט אינמיטן דערינען אַ ליד אין דיין ציטערדיקער האַנט?
און עס בלוטיקט אין דיין האַנט, ווי אַ כריסטוס־וווּנד —
אויף אַן אמת, אָן אַ שפּאַס,
איין מינוט פאַר דעם אָנגריף מיט גאַז?
מען דאַרף דיך צושטעלן צו דער ערשטער וואַנט
און דערשיסן, אידיאָט, ווי אַ משוגענעם הונט!
—
ענטפערט ער אַזוי:
ווערטער, ווערטער, ווערטער —
אַלע שיסווונדן פון דער וועלט גייען דורך זייערע הערצער,
זיי טרענקען זיך — מיט אַלע פאַרטראָנקענע שיפן אויף ימים,
זיי ווערן פאַרברענט אין פייער אין אַלע וואַרפערס פון פלאַמען,
און לייטערן זיך אין פייער פון יעדן וועלטן־האַס,
און ווערן דערשטיקט אין יעדן אָנגריף מיט גאַז,
פליען און פאַלן מיט יעדן דערשאָסענעם עראָפּלאַן,

און קומען ווידער צוריק —
קומען — ווייל ווידער קומט אויף דער וועלט דער ערשטער און לעצטער מאַן,

זיינע הענט צעעפנט און הויל,
און אין זיין גליענדיק מויל —
אַ ליד — ווידער אַ ליד פון ווערטער, ווערטער, ווערטער,
און ווו ער גייט שמעלצן ווי וואַסער די שווערטער,
ווייל נישט בלוט איז וואַסער,
נאָר דאָס וואַסער אפילו פון דער וועלט איז הייליק אַזוי ווי בלוט,
נאָך אַ טאָג, נאָך אַ נאַכט, נאָך אַ שעה, נאָך איין מינוט,
און די וועלט וועט זיין גרייט צו הערן דאָס ליד,
אַז נישט בלוט איז וואַסער, נאָר אפילו וואַסער איז בלוט,
און אייביק איז דאָס ליד. —
פון איין זייט דעם שטורעם ציט —
פון דער צווייטער ציט הימל און זון — און דאָס לעצטע ליד.

# גענעראַל־שטאַב אין שטאָט

## סצענע פון 1915

וועלט־קריג.
רוסישער פראָנט.
גענעראַל־שטאַב אין שטאָט.
נאָוועמבער־נאַכט, רעגן־גאָס, וואָיען פון ווינט —

— ווער האָט דאָ אין דער פינסטערניש אַריינגעשאָסן?

דאָס וואָיען איז געוואָרן מיט בלוט פאַרגאָסן.

— דו, שיכורער חזיר, צו וועמען רעדסטו? צו זיך אַליין?

— טראַלאַלאַלאַ! הער אויף, משוגענער ווינט,
איך שים אַזיסט אויף דיר, ווי אויף די הינט!

— לאָז אָפּ די הענט!
דאַנערוועטער־קרייץ־קרוציפיקס־און־באָמבען־עלעמענט!
קרייץ־קרוציפיקס! האַלט! ווער דאָ?

— אַ מאַן פון דרייסיקסטן רעגימענט!
— דאָקומענט?
— אורלויב, אַ וואָך.

— פֿאַראָלע?!<br>
— פּראָנט!<br>
— פֿעלדרוף?!<br>
— גאָט.<br>
— אָבער פֿאַרגעס נישט, הונט, אַז אין שטאָט איז דער שטאַב!<br>
— קלאַפּ נישט, זעסטו נישט, אַז איך האָב אין קאָפּ אַ לאָך?!<br>
— מאַרש! וועט זיך אויסהיילן בײַם ווײַב איבער דער וואָך!<br>
וועסט געפֿינען דעם וועג אין דער פֿינסטער? מאַרש, גלײַך, גראָד!<br>
— נישט דײַן זאַך, ס'איז מײַן אײגענע שטאָט!<br>
— מאַרש — נישט גערעדט — אידיאָט!

קלאַפּ, טשלאַפּ, ער גיט אַלעמאָל מיט די הענט אַ טאַפּ,<br>
אַ באַקאַנטע וואַנט. מיט די שטיוול — אַ באַקאַנטן שטײן.<br>
דאָ נישט ווײַט דאַרף שוין זײַן די הײם.<br>
קלאַפּ, טשלאַפּ, ער דערהערט אַ באַקאַנטע רינווע, וואָס זינגט און רינט,<br>
גיט אין דער נאַסער פֿינסטער אַ צינד<br>
אַ פּײערל אָן.

פֿאַטראָל וואַקסט אויס אויף אַמאָל:<br>
— נאָר ווי די הינט דאַרף מען אויסשיסן אַלע, נאָר ווי די הינט,<br>
מען זאָגט דיר דאָך, אַז אין שטאָט איז דער שטאַב!

ער הערט, ענטפֿערט נישט,<br>
נאָך אַ כלאַפּ, נאָך אַ טשלאַפּ און ער פֿאַרשווינדט<br>
אין זײַן הײם. אין אַ פֿינסטער הויז,<br>
די פֿאָדער־טיר אָפֿן, גיט אַ סקריפּ.<br>
ווערט באַרעדעוודיק, נאָך מער פֿאַרזשאַווערט ווי אַמאָל,<br>
ער חידושט זיך, רעדט צו זיך אָן אַ קול:<br>
די קיך־טיר איז נישטאָ, מסתּמא פֿאַרבּרענט —<br>
ער טאַפּט שוין אינעווייניק די ווענט.<br>
אָט איז ער בײַם אויוון. עפּעס ווארעמס? אהא! די שווארצע קאַץ!

זי יאַזשעט אָן די נעגל פֿאַר שרעק,
גיט אין די פֿרעמדע הענט אַ קראַץ,
איר רוקן — אַ בויגן. זי גיט אַ שפּיז מיט די גרינע אויגן
און אַ שפּרונג אַוועק.

דאָס בעט? יאָ, דאָס בעט, וואָס איז דאָס בעטגעוואַנט?
ער רעדט צו דער פֿינסטער, דעם קאָפּ געשטרעקט, דעם האַלז געשפּאַנט,
— דאָס בין איך, איך בין דאָס!
מיין ווייב און מיין טאָכטער זענען דאָ נישטאָ?
נו, קיינער נישטאָ?
אהא — אין שטאָט איז דער שטאַב. —

מיט די הענט פֿאָרויס צום פֿאָדערהויז,
צו דער קעלער־טיר,
אַ שטילער קלאַפּ.

— ששש — שטיללל!
נאָך אַ קלאַפּ.
— ששש — שטיל!!

נאָך אַ קלאַפּ.
— דאָס בין איך, איך, נו, איך!
— דו? דו אַליין?
— מיט וועמען דען זאָל איך איצט דאָ זיין?
די טיר גיט אַ סקריפּ, ער גיט די פֿינסטער אַ שאַר מיט די הענט
און ליינט זיי אַרום דעם האַלז פֿון ווייב.
אַ קוויטש —
זי יאַזשעט זיך אָן פֿון נאַסקייט, קעלט און שרעק,
גיט אַ שפּיז מיט די גרינע אויגן און אַ שפּרונג אַוועק,
און אַראָפּ מיט די טרעפּ.

ער טשלאַפּעט נאָך.

— טרינקען!
זי דערלאַנגט אים דו קופּערנע שעפּ.
— האָסט זי נישט אװעקגעגעבן דער קאָמאַנדרע?
— די שעפּ נאָך אויך? נישט גענוג אַ מאַן און אַ זון?
— העלף מיר, װײַב, גיב אַ פּעסטן שלעפּ!
— דעם זאַק פון רוקן?
— װאָס רעדסטו אַזוי קאַלט, װאָס נעמסטו מיך אויף אַזוי טרוקן?
— װײַל דו שװײַגסט, װײַל דו זאָגסט נישט קײן װאָרט װעגן זון —
— מײנסט איך טראָג אים, װי קינד אויף די הענט?
— איר זענט נישט מער בײַ אײַן רעגימענט?
— כ'װײס נישט, דאָרט אין זאַק איז פון אים.
— װאָס? װאָ־אָס?!
— כ'װײס נישט, װעסט זען בײַטאָג.
— װאָ־װאָס האָסטו, דאָ אויפן קאָפּ?
— ריר עס נישט אָן, ס'טוט װײ!
— דו!
— װאָס?
— װוּ ליגט זי? װוּ איז — נו — די טאָכטער?
— אָ, דרײ נישט קײן קאָפּ, דאָ ליגט זי, אָדער ערגעץ אַנדערש,
בײַ אַ שכן פאַרקראָכן, כ'װײס אַלײן נישט װוּ זי איז,
װעסט זען בײַטאָג!
— זאָג, װוּ איז זי, זאָג איך, זאָג!
זאָאָג!

שױן טאַפּט ער װי אַ בער אין דער פינסטער די ערדערנע װענט,
צינדט אַ פײַערל אָן, נאָר דאָס פײַערל ברענט
אַ רגע און װערט דערשטיקט פון דער נעץ.
זעלנעריש גיט ער אַ צי זיך אויס, גײט גלײַך, פּלוצלונג אַ זעץ
מיט דעם לעכערדיקן קאָפּ אָן אַ שטײן,
און ער גליטשט זיך אויף נאַסע קאַרטאָפל אויס,
עס רעװעט אין אים, נאָר ער רעװעט נישט,
לאָזט זיך אויף אַלע פיר אַראָפּ און קריכט דעם גאַנצן קעלער אויס,

ער קלאַפּט אָן אָן די ווענט מיט די לאַנגע הענט,
ווי מיט די פליגלען אַ פלעדערמויז.
— זאָגסט ליגנט, דאָס קינד איז נישטאָ —
דאָס קינד איז פאַרביי, — פאַרביי —
ער זעצט זיך אַוועק און גיט די פאַרבלאָטיקטע שטיוול אַ ריס
פון די נאַסע פיס —
צום לאָך אין קאָפּ פילט ער נאָך אַ לאָך
אין וואַרעמען, ברייטן האַרץ,
וואָס האָט גרויס און וואַרעם דאָ ערשט, ווי אַ ברויט
אין אַן אויוון, אין זיין בוזעם מיט ליבע געברענט.
איצט איז עס קאַלט, ווי אַ שטיק פאַרגליווערטער טויט,
און שווערע געדאַנקען טשלאַפּען אין לאָך
פון זיין קאָפּ:
מ׳עט שוין איבערזיצן, אַז מען איז דאָ אַראָפּ,
די שבעה — די פרייע וואָך.

האָט זיך די מאַמע אַוועקגעלייגט — נאָר ווי קאָן זי ליגן,
זיצט זי אויפן שטרוי, און זיצנדיק אַזוי
האָט זי אָפּגעשוויגן
אַ האַלבע נאַכט,
האָט געגלאָצט אויפן ווייסן פלעק, וואָס געבלענדט
האָט אויפן קאָפּ פון איר מאַן,
זי האט אין דער פינסטער אַריינגעטראַכט, געטראַכט, געטראַכט,
שולדיק אַזוי, ווי ווען נישט די כאָלירע, נאָר זי אַליין,
וואָלט די איינציקע טאָכטער אומגעבראַכט.
און אַ שטילער וואָי איז געגאַנגען פון ווייסן פלעק,
ביז ער האָט זיך אַ בויג געטון.
ערגעץ אין דער פינסטער אַראָפּ,
און פון וואָי איז געוואָרן אַ שווערער, סאָלדאַטישער כראָפּ.

נאָך גליווערט שטום דער מאַמעס האַרץ, נאָר אָט גיט עס זיך אַ צעריר,
אַ געשאָכטענע קו — אַ רגע פאַר־טויט,

זי פּויזעט אויף אַלע פיר
צו די באָרוועסע פיס פון מאַן, וווּ עס ליגט אין אַ רימען און שנור
דער טלומעק פון זון, פון דעם יונגן סאָלדאַט.

זי רייסט דעם רימען מיט שטאַרע פינגער, קניפּט מיט די ציין די נאַסע שנור,
קנעט די קליידער דורך אין די הענט.
— די אַרבל? גאַנץ. די זייטן? גאַנץ. נאָר ביים סאַמע האַרצן עפּעס אַ לאָך,
ווי אַ גראָשן גרויס, ווי אויסגעבּרענט,
און אַרום עפּעס רוי, פאַרגליווערט, האַרט,
מיט עפּעס פאַרנעצט און שפּעטער פאַרדאַרט.

די טרוקענע ליפּן פאַלן צו אַליין, און זי קושט שטילערהייט,
דאָס פּוסטע, טויטע סאָלדאַטן־קלייד.
און ס׳גיט אַ גאָס דער טרערן־קוואַל,
נעצט דאָס פאַרדאַרטע, טרוקענע קלייד.
זי קושט און זי וויינט — אויף אַמאָל — אַ ריס,
דער מוח גיט אַ שאַרפן בליץ —
וואָס איז דאָס? די טרערן זענען זויער און זיס?!

— דו!
זי גיט אַ טאָרע די באָרוועסע פיס.
און ס׳מויל גיט זיך אָן עפן ברייט,
זי ווייס שוין נישט מער, וואָס זי טוט,
און אַ קוויטש, ווי אַ שפּיז,
שטעכט דורך דאָס האַרץ פון דער פינסטערניש:
— בלוט!
בלוט פון זיין האַרץ! וואָס האָסטו מיר באַלד נישט געזאָגט?!

ער וועקט זיך איבער:
— האַ?!

מיט דער בלאָטיקער זויל
פון דעם באָרוויסן פוס
גיט ער דעם ווייבס צעשריגענע מויל
צוריק א פּארקלאַפּ:

— שטילער, דו!
אין שטאָט איז דער שטאָב!

# דעם סטאָלאַרס טאָכטער

### צו זינגען מיט אַ קאַטערינקע־מעלאָדיע

ר'האָט אַ היים געהאַט און אַ סטאָלאַר־וואַרשטאַט
און אַ קעלער־שטוב מיט פּרימאָרגן־זון,
ס'איז געווען אַמאָל, ווען דאָס גרויסע בלאַט
פון דער וועלט האָט זיך פּלוצלונג אַ קער געטון.

ר'האָט אַ ווייב געהאַט, פּונקט לויט זיין שטאַנד,
און אַ טאָכטער פון דריטהאַלבן יאָר
האָט ער איר אויף שבת געקויפט אַ באַנד
פון בלויעם סאַמעט צו גאָלדענע האָר.

און אַז דאָס נייע געשיכטע־בלאַט
האָט זיך געשריבן מיט מענטשן־בלוט,
האָט ער דאָרט אויך זיין חלק געהאַט:
אַ רעכטע האַנט — זיין איינציק גוט.

שרייבן האָט ער קיינמאָל נישט געקאָנט,
מיט דער לינקער האַנט אוודאי נישט,
האָט אַ בריוו ער געשריבן מיט פרעמדע הענט,
דאָס ווייב געגריסט און דאָס קינד געקישט.

נאָר דער בריוו איז געקומען צוריק אין שפּיטאָל,
פון וואַרשע קיין קיעוו צוריק,

ווייל דאָס בלאַט פֿון דער וועלט האָט זיך נאָך אַמאָל
געווענדט שוין אין גרויסן קריג.

און דאָס גרויסע ראָד פֿון דער גרויסער וועלט
האָט זיך אַלעמאָל גיכער געדרייט,
טראַכט ער. וואָלט אַ קאַליקע דאָרט זיי געפֿעלט,
איז מיר אַלץ אײנס — בין איך גרייט.

זענען שפּעטער געגאַנגען מיליאָנען בריוו
פֿון קיעוו קיין וואַרשע שוין,
נאָר אונזער סטאָלער האָט זיך פֿון בריוו־
שרייבן גענצלעך אָפּגעוווינט.

ביז ער האָט אײנמאָל אין דרייסיקסטן יאָר
באַטראַכט דאָס געלע בילד דער פֿרוים —
און דערמאָנט זיך, אַז ער האָט שוין גרויע האָר —
און זײַן טאָכטער מוז דאָרט שוין זײַן שיין און גרויס.

ווי ער שטייט און ער גייט לויפֿט אַרוים ער אין גאַס,
גלייך ס'וואָלט אים געטראָפֿן דאָס גרויסע גליק,
און אויסגעשטרעקט האָט ער זײַן האַנט, זײַן פּאַס,
און געגאַנגען קיין וואַרשע צוריק.

דורך דערפֿער און שטעטלעך און גרויסע שטעט,
מיט דער לינקער האַנט קעגן קאַלטן ווינט,
ער נעכטיקט נישט, עסט נישט און טרינקט נישט — עס גייט
דער סטאָלער צו זײַן טאָכטער, זײַן קינד.

און ווי ער קומט בײַנאַכט קיין וואַרשע אָן,
וויל ער גלייך אין זײַן היים, אין זײַן קעלער אַראָפּ,
וואָס איז דאָס? עס וואַרפֿט אים אַ צאָן אין אַ צאָן,
און עס דרייט זיך, ווי אַ מיל, דער קאָפּ.

זאָל דאָס מעגלעך זיין, זאָל דאָס אמת זיין?
וואָס וויל דאָ די מויער, דריי שטאָק אין דער הויך?
און ער איז זיך פאַרגאַנגען אין אַ געוויין —
ווי אַ וואָלף מיט דעם קאָפּ אין דער הויך.

און ווי ער שטייט אַזוי מיט דעם קאָפּ אַרויף,
און ער דרייט זיך אים דול, ווי אַ מיל,
זעט ער האַרבסטיקע שטערן אין אייביקן לויף,
און די לבנה זיך גליטשן שטיל.

זענען נעבן אים אונטן פיל מענטשן פאַרביי,
און אויבן — נישט ווייניקער שטערן —
די ווייזערס פון טורעמזייגערס, די צוויי,
שטייען גלייך ווי פאַרמאַכטע שערן.

האָט פון טויער אַ שאָטן אַ שפרונג געטון,
אַ מיידל צו אים מיט אַ פאַרביקער שאַל:
— שעמט אייך נישט, בחור, וואָס האָט איר דערפון,
עס מאַכט זיך אַמאָל אַזאַ פאַל. — —

— איי, לאָזט מיך אָפּ, כ'האָב דעם קאָפּ נישט דערצו,
כ'בין אַ קאַליקע אָן אַ האַנט,
כ'האָב ווייב און קינד געהאַט אָט אַ דאָ —
כ'קום פון זייער אַ ווייטן לאַנד.

— און איך האָב אַ מאַמען געהאַט אָט אַ דאָ
באַקט זי איצט בייגל אין דער ערד,
און דער טאַטע איז אַוועק אין אַ בייזער שעה,
און מ'האָט מער פון אים נישט געהערט.

— ווי לאַנג שוין ליגט דיין מאַמע אין דער ערד,
— און ווי לאַנג איז דער טאַטע אַוועק?

— ווען דער דייטש האָט פּאַניען דעם קריג דערקלערט —
נו, קום שוין, בחור! זע נאָר זיין שרעק.

— און וואָס איז געווען דיין טאַטע דען?
און די מאַמע געדענקסט נאָך? געדענקסט?
און דו האָסט דיין טאַטן קיינמאָל נישט געזען?
און קיינמאָל צו אים נישט געבענקט?

— דער טאַטע האָט קאַסטענעס געמאַכט,
איצט פוילט ער מסתמא אין אַ קאַסטן אַליין,
אַז מ׳האָט די מאַמען געגראָבן האָב איך געלאַכט,
וואָס קאָן אַזאַ וואָרעם פון דריי יאָר פאַרשטיין?

— און אַז דו ווייסט, אַז דיין טאַטע אַז אַ סטאָלאַר געווען,
און דו האָסט אים קיינמאָל נישט געזען —
זאָגזשע מיר גיכער, זאָגזשע מיר הויך —
דיין טאַטנס נאָמען און דיין אייגענעם אויך!

— בחור, צאַפּלט נישט, און די האַנט לאָזט אָפּ,
אָדער גייט, אָדער נישט — און זייט זיך געזונט!
צוערשט שטייט ער דאָ מיט דעם קאָפּ ווי אַ הונט,
און איצט דרייט ער מיר דעם קאָפּ.

— איך באַשווער דיך אויף דיינע יונגע יאָר!
נאַ אַ זילבערקערבל, נאַ, ס׳איינציקע, וואָס כ׳האָב,
און זאָג מיר כאָטש דיין אייגענעם נאָמען נאָר,
זאָג אים מיר — קינד מיינס — זאָג מיר נישט אָפּ. —

— אַ זילבערן קערבל? אַ פיין מעדאַליאָן!
כ׳וועל מיר אים שבת אויף דעם האַלז אָנטון —
— נו — שיינדאַלע האָב איך געהייסן אַלס קינד,
און זשעניע הייס איך אַצינד.

— שיינדאַלע, טאָכטער, מיין קינד, מיין גרויס!
ווי איז מיר, ווי איז מיר — אוי!

און ער איז לענגאויס די גאַס אַוועק,
די איינציקע האַנט צום הימל געשטרעקט —
און פאַר אים איז געלאָפן דער הארבסטיקער ווינט,
ווי אַ סטאַדע הינט,
און דעם סטאָלארס נשמה האָט מיט אַ וואי
זיך אַרויסגעריסן פון אים,
און האָט זיך אַזוי לאַנג געוואָרפן, געטלומעט
צווישן די ווענט און די פענסטער און טירן,
ביז זי איז ווי אַ בלעטל געפאַלן אויף דער ערד
און באַגראָבן געוואָרן אין שטויב און פאַפירן.

## באַלאַדע וועגן דער מוטער פון נומער 1603

מיט דער גרויסער באַן און דער קליינער באַן,
פון אַ גרויסער שטאָט אין אַ שטעטעלע,
און פון שטעטעלע מיט דעם פעלדוועג אַרויס,
ווו דער זומער גליט און דאָס קאָרן איז צעבליט
און עס איז אַ טאָג פאַר שניט,
איז געגאַנגען אַ מוטערל, געגאַנגען אַ ווייס,
אויפן קאָפּ אַ היטעלע, אויף די אַקסלען אַ שוואַרצע שאַל,
צום גרויסן ברידער־בית־עולם,
צווישן מאָרגעס פעלד, צוויטוויזנט קברים,
צו איר איינציקן זון, וואָס איז געפאַלן
אין 1916,
אין אַכצטן לעבנס־יאָר.

— וואָס איילט איר זיך מוטערל,
היינט איז נישט אַמאָל,
מיט אַ יאָר דרייסיק צוריק,
ווען איר פלעגט אַזוי לויפן מיט האַסטיקע שריט,
פאַרמיטאָג אָפּוואַרטן אים ביי דער שול.
אייער מאַן ליגט אין פוילן, אייער זון ליגט אָט דאָ,
זעט בעסער ווי דער זומער בליט,
עס איז שטיל — אַ טאָג פאַר שניט.

און זי קוקט זיך אַרום, ווער רעדט עס צו איר?
נאָר פלוצלונג פאַלט

איר בליק אויף א ברייטן, יונגן וואַלד,
זיינע יונגע שטאַמען שטייען פעסט, זיינע יונגע קרוינען גליִען גרין,
זי דערקענט
וואָס דאָס איז פאַר א וואַלד און זי ווענדט
אירע גיכע טריט אַהין,
ווּ עס רוען שטיל די יונגע ריטער, צווייטוויזנט מאַמעס זין,
און יאָזשי, איר זון אינמיטן.
און זי גיט א פּלאַטער און איז שוין דאָ,
און זי גיט א קלונג און האַלט שוין פעסט
א צעטל אין ציטערדיקע הענט,
דאָס טירל גייט אויף, דער היטער פירט זי דריי טרעפּלעך אַרויף
און וויל פאַרשטיין איר פרעמדן אַקצענט:

— ווען ער וואָלט געלעבט, וואָלט איך אים באַלד
אפילו אין פופציק יאָר דערקענט,
(און זי טוט אַלעמאָל זיך א העפלעכן נויג
צום היטערס — איינציקן פוס,
און א שמייכל צו זיין איינציק אויג—)
אָבער אַזוי — איז מיר שווער, מיין האַר,
אפילו אין זעכצן יאָר צו דערקענען,
מוז איך אָנקומען גראָד צו אייער גנאָד. —

— גיט דעם קוויטל אַהער, כ'וועל א קוק טון אין בוך,
און איר זעצט אייך צו אויף דער באַנק!

נאָר זי זעצט זיך נישט און קוקט אויף דער באַנק,
און דערמאָנט זיך עפּעס פון לאַנג, פון לאַנג
פון ווייט איבער דרייסיק יאָר,
ווען מען האָט ביי איר אויך א קוויטל גענומען
און געהייסן זיך זעצן אויף א באַנק,
און אין דריי שעה אַרום האָט דער מאַן געבראַכט בלומען — —
יאָזשי איז דעמאָלט אויף דער וועלט געקומען,
און זי הערט און הערט נישט ווי דער היטער רעדט:

— דער נאָמען איז ריכטיק, דאָס עלטער אויך,
זיבעצן מיט אַ האַלבן יאָר,
נישט וואָר?

— זיבעצן יאָר?
איז פּאַרוואָזשע האָב איך אַזעלכע גרויע האָר?

— דריטע אַרמעע, אַ רייטער פון זעקסטן רעגימענט,
זיין נומער איז, זיין נומער איז —
1600 — אָט בין איך שוין דערבײַ —
טויזנט זעקסהונדערט דריי — —
אָט דאָ איז די ערשטע הויפּט־אַלעע,
אַז איר וועט גיין צו דער צווייטער,
און שפּעטער נאָך איינע ווייטער,
און שפּעטער ציילט אָפּ דריי גאַסן,
און אין דער דריטער גאַס
וועט איר שוין גיין לויט דעם נומער
ביז 1603.
(און ער לאָזט זי שטיין און זעצט זיך אַוועק,
נאָר זיין האַלצערנער פוס בלייבט אויסגעשטרעקט,
ווי אַ ביקס אין איר האַרץ אַריין —).

און זי קוקט זיך אַרום און לאָזט זיך גיין
איבער דער ברייטער אַלעע,
און זי שפּרייט אירע הענט, ווי צוויי פליגלען אויס,
האַלבע ווערטער קראַקעט דאָס בלויע מויל,
עס פלאַטערט אין דער לופטן די שאַל, דעם זאַמד רירט נישט אָן
די צעטרעטענע זויל,
אַלעען און גאַסן און קברים פאַרביי —
זי איז אַ קראָ געוואָרן,
די מוטער פון טויזנט זעקסהונדערט דריי.

אַלעע איינס, אַלעע צוויי,
די ערשטע גאַס, די צווייטע גאַס,
איר פּנים ווערט בלוי, איר פּנים ווערט בלאַס,
זע ווי עס בייט
זיך איבער פּלוצלונג אויף אַ שטיק קרייד,
זי קראַקעט נישט מער — זי שרייט,
אַט איז שוין 1600 באַלד,
דער גאַנצער צלמים־וואַלד
האָט זיך אויפגעהויבן און פליט מיט איר —
1601 — 1602 — —
יאָ — זשי!

און אַ שעה איז אוועק און די צווייטע פאַרגייט,
נישט זי וויינט שוין מער און נישט זי שרייט,
די מוטער פון 1603,
די פאַרנאַכטיקע זון צינדט אָן די שפּיצן
פון פרישגעפאַרבטע צווייטוויזנט צלמים,
און זיי ברענען, ברענען
און ברענען אָפּ
און צווישן זיי אַ ווייסער קאָפּ
פון אַ מוטער, וואָס איז געקומען אַראָפּ
אַ קבר פון אַן איינציק קינד דערקענען.

די זון איז אינגאַנצן פאַרביי —
און פאַרביי איז דאָס ווייטע געשריי,
דער היטער הינקט אַהין און אַהער,
און ענדלעך טוט ער עפּעס האַסטיק אַ קלער
און לאָזט זיך ערגעץ הינקען גיך
און רעדט אַליין צו זיך:
עס איז נאַכט, מען דאַרף פאַרמאַכן דעם טויער,
פאָלגט מיך, מוטערל, און לאָזט אייך איבער

אויך אויף מאָרגן אַביסל טרויער...
אַ—לע—ע איינס, אַ—לע—ע צוויי,
די דריי—טע הויפּט־אַ—לעע,
די ערש—טע גאַס, די צוויי—טע גאַס,
1600, 1601, 1602 —
— אַלט ווייב, דו ביזט פון זינען אַראָפּ!!
וואָס גראָבסטו דאָ די ערד
מיט די בלויזע הענט?!

און ער גיט מיט זיין האַלצערנער פוס אַ פּויק
אויף דער מוטערס אַלטן, הוילן, פּוסטן רוקן.
און ווילד גיט אַ ווינק זיין איינציק אויג,
און דער רוקן גיט זיך נאָך רונדער אַ בויג:

— ווי זאָל איך דען נישט אויפגראָבן די ערד,
אַז ווי נאָר איך בין צו, האָב איך וויינען געהערט,
איך בין דאָך אַ מאַמע, איך האָב דאָך די שטים דערקענט,
עס איז דאָך אַ קינד נאָך, זיבעצן יאָר —
יאָזשי, יאָשזי!

און ווייטער גראָבט זי מיט שוואַרצע הענט,
שוואַרץ פון פאַרנאַכט, פון צער און ערד.

איצט גיט זיך אייליק דער היטער אַ דריי
רופן הילף
צו דער מוטער פון 1603.

און זי — האָט מיט די הענט שוין דערטאַפּט אַ ברעט,
און רייסט פאַרפוילטע שטיקער אַרויס,
איר האַנט זינקט פלוצלונג אין אַ פוסטקייט טיף
און קאָן נישט מער ווערן לויז,

נאָר דער צלם גיט זיך אַ וואַקל, אַ בויג, אַ שטעל זיך שיף,
ער גיט אַ קרעכץ און אַ שטרעק די הענט,
אַן איינציקן רוף נאָך הילף —
און ער פאַלט און ער נעמט מיט צוויי האָלצערנע הענט
די מוטער אַרום.
זי — פרעגט אים עפּעס און ער ענטפערט איר,
אַז זי האָט די שטים פון איר זון דערקענט — —

מיט דער האַנט אין גרוב, מיטן קאָפּ אַרויף
זעט זי אויבן צווישן די נאַכטוואָלקנס הינקען
אַן איינציקן גרויסן שטערן,
און פון אונטן קומען שטימען צו איר
פון אַ הינקענדיקן נאַפטלאַמטערן,
אָט זענען זיי דאָ שוין, זיי זענען דריי,
איינער פון זיי
טראָגט אַ שטריק פאַר דער מוטער פון 1603.

די הילף איז געקומען צו גיין — —
אויבן הינקט נאָך אַרום דער שטערן,
אונטן שטייט פעסט דער נאַפטלאַמטערן,
און איינער, דער מיט דעם שטריק,
וואַרפט דערשראָקן אַ בליק
און אַ שטילן זאָג. מוטער!

האָט זי זיך געטון אַ ווילדן ריס
און גלייך צו אים אין די אויגן,
מיט אַ בינטל ריטלעך אין אַ שמאַטע —
אָדער זענען דאָס נישט קיין פוילע ריטלעך? — —
האָט דער צווייטער זי אָנגעכאַפּט ביי די פּיס
און געבונדן צום צלמס פוס,
און דער ערשטער האָט צוגעהאַלטן די הענט
און געבונדן איינציקווייז צום צלמס הענט,

און דער דריטער האָט געהאָלפֿן אויך,
ער האָט געהאַלטן הויך
דעם גרויסן נאַפּטאַלאַמטערן.

איצט גייט די לוויה צוריק אין דאָרף,
אויבן הינקט אַן איינציקער שטערן
און אונטן אַ גרויסער נאַפּטאַלאַמטערן,
גאַס צוויי, גאַס איינס, אַלע דריי, אַלע צוויי —
די לוויה פֿון דער נישטגעשטאָרבענער מוטער
פֿון 1603.

נאָר יאָזשי האָט זיך אַ טרייסל געטון,
און זיך אויפֿגעזעצט און צוזאַמענגעקליבן
די פֿינגער, וואָס זענען אים נאָך געבליבן
פֿון פֿליק פֿון שראַפּנעל און דער מוטערס ריס,
און האָט זיי צום שאַרבן צוגעלייגט,
צום לאָך, וווּ דער אויער איז געווען,
און דײַטלעכער האָט ער איצט דערהערט
קלינגען אין שאַרבנס בײַן
די מענערס שריט און דער מוטערס געוויין:
יאָזשי, — יאָזשי — יאָזשי — — — —
און האָט נאָך באַוויזן צו טון אַ שעלט
די גאַנצע בײַנאַכטיקע וועלט
און האָט זיך צוריקגעלייגט ציטערנדיק פֿון קעלט.
נאָר איידער ער איז ווידער אַנטשלאָפֿן
איז נאָך איינמאָל אַ קלאַנג צו זײַן שאַרבן דערלאָפֿן:
שלאָף רואיק,
יאָזשי — יאָזשי — — — —

# תפילה צו דער אידייע

דו, וואָס דו האָסט די הענט פון רודערשקלאַפן אין שווערע בייכער
פון האָלצערנע שיפן,

פון פאַרזשאַווערטע אייזן־רינגען באַפרייט!
דו, וואָס האָסט, די ערשטע, דערזען די אָפּגעשונדענע הויט
אויף די הענט פון די ים־קנעכט אין דער רגע פון טויט,
אינמיטן פון שטורעם, אין זינקען פון שיף,
ווען זיי האָבן נאָך איין איינציק מאָל
געוואָלט א רודער טון פרייע,
ווי טרענקענדיקע חיות —
אָבער אין כוואַליעס איז שוין געווען געקלאַמערט דער האַלז, אין רינגען
די הענט —

דו, וואָס האָסט, די איינציקע דאַן, ווי א ליכטפייל געאײַלט
איבער די בייכער פון שיפן, פון רודער צו רודער,
און העכער ווי דער שטורעם האָט געוואָיעט א וואָרט: ברודער, ברודער!
און ווי הימל־פייער האָט עס דאָס אייזן געפּיילט
פון די הענט אַראָפּ.
דו, הייליקע אידעע פון באַפרייאונג,
קום ווידער איבער אונז!
מיר זענען א קרעציקער דור — אין צוואַנציקסטן יאָרהונדערט,
מיר זענען אַן איינזאַמער דור — און דו ביסט אָפּגעזונדערט.

דו, וואָס האָסט דערזען אַמאָל, אַמאָל אין שוואַרצער נאַכט
אויף שיטער־האַרטן שטרוי־געלעגער,

גליען צוויי פלאַמען, צוויי אויגן פון אַן אַלטן שקלאַף, אַ נעגער,
וואָס מען האָט אים יינגלווייז פאַר טויזנט דאָלאַרן געקויפט,
און מען קאָן פאַר אים איצט שוין קיין הונדערט נישט קריגן,
און מען האָט אים דערפאַר אין פּנים געשפּיגן —
דו — וואָס דער געקאָפּעטער בויך, און דאָס שוואַרצע פּנים ווייס־באַשפּיגן,
האָט דיך נישט מער רוען געלאָזט,
ביז דו האָסט אים פון געלע־ער אויפגעהויבן, יענעם אַלטן נעגער,
און געעפנט פאַר אים די טויערן פון דער נאַכט,
און אינמיטן טויער האָט אַ רויטע זון געגליט,
אַ פרימאָרגן,
און דאָס ערשטע מאָל איז דער טאָג און די זון,
וואָס ער האָט דערזען,
זיין אייגן געווען —
דו, הייליקע אידעע פון פאַרבּרידערונג,
קום ווידער איבער אונז!
מיר זענען אַ קרעציקער דור — און דו ביסט אָפּגעזונדערט,
מיר זענען אַן איינזאַמער דור — אין צוואַנציקסטן יאָרהונדערט.

דו, וואָס דו האָסט די אייביקע נאַכט פון דעם מענטש פון אַרבעט
מיט שעהן פון ליכט און פון רו, ווי מיט אַ געוואַלטיקער ליכטשווערט געשפּאָלטן,
דו, וואָס צום אַכטיעריקן לערניינגל האָסטו דיין אויער אָנגעבויגן
פאַרטאָג, איידער אויפשטיין צו אַכצן שעה אַרבעט,
און אויסגעקושט האָסטו די טרערן אים פון צונטער־רויטע קינדער־אויגן,
און דאָן האָסטו אין דער וועלט אַריין, אַזוי ווי ליכטראַקעטן,
געוואָרפן ווערטער, געשליידערט טענות, געשליידערט טאַטן,
וואָס האָבן די אַנדרימלטע און טויבע געוואָרפן פון די בעטן:
שלאָף נישט, ווען יענער שטייט ביים וואַרשטאַט אויף העלפטן צוויי צעבראָכן,
און מיט מאָזאָליעס ווערן זיינע הענט באַצויגן,

און פון מידקייט זענען שוין אַרויסגעקראָכן
אים פון קאָפּ די אויגן,
אַלץ פונדיינעטוועגן!
דו, וואָס פינף טויזנט יאָר האָט אויף דיר געוואַרט
פון מידע מענטשן — אַ מיליאַרד,
און דו האָסט ווידער טאָג און זון
אין זייערע אויפגעמאַכטע תפילה־הענט געשאָטן,
דו — הייליקע אידעע פון אַרבעטער־פאַרייניקונג,
קום ווידער איבער אונז!
קום אַ נאַקעטע און אַ הייליקע ווי אַמאָל,
מיר זענען אַ קרעציקער דור אין צוואַנציקסטן יאָרהונדערט,
מיר זענען אַן איינזאַמער דור און דו ביסט אָפּגעזונדערט.
דו, וואָס אין דער רגע פון גרויסן און גערעכטן צאָרן
האָסטו שוין נישט איין מלוכה
אָנגעכאַפּט ביים אָקסישן האָרן
און געוואָרפן מיט די שווערע פיס,
וואָס זענען טעמפּע איבער מענטשן־הערצער,
ווי איבער גראָז געטראָטן.
דו, וואָס האָסט געוואַגט אַנטקעגן גאָט
אויפצושטיין, ווי אַ זון אַנטקעגן אַ גרויזאַמען, אַלטן פאָטער,
אידעע —
שטיי היינט אויף אַנטקעגן אונז אַליין,
ווייל ווי יענער פאָטער גרויזאַם זענען מיר געוואָרן.

קום ווידער איבער אונז, ווער פייערזייל פאַר אונזערע אויגן,
אידעע —
זון פון אַלע זונען, גערעכטיקייט פון גערעכטיקייטן!
שרייב דיך ווידער מיט ליכט אויף אונזערע ברודער־בלוט באַפלעקטע פּאָנעז,
אָ, זאָל דיך ווידער אין יעדער רגע איינער ביים אַנדערן מאָנען,
ווייל בלויז אין צאָל זענען שטאַרקער געוואָרן אונזערע רייען —
אַ שאַנד צו אונז און וויי צו אונז!

די צייט איז שוין געקומען, דער אַלטער פּאַטער פון דער ערד איז טויט,
און מיר זענען נאָך נישט ווערט
צו זיין דער יורש פון דער ערד —
לייכט ווידער איבער אונז
אידעע —
לייכט זיבן־פאַרביק, האָפּערדיק, נייגעבוירן ווי אַ רעגנבויגן,
ווער ווי אַ טויער אינמיטן הימל פון איין וועלט אין אַ צווייטער אריין,
גלי ווידער מיט ווילדער ליבע פון אונזער אַלעמענס אויגן,
טו, אַז עס זאָל
אונזער קאָפּ שטיין ווידער אין לייכט־אָרעאָל,
פון דעם מעגטשהייטס־באַפרייער.
טו, אַז מיר זאָלן זיין דער דור, וואָס איז ווערט
צו לעבן אין דער צייט פון די צייטן,
ווען דו, גערעכטיקייט פון גערעכטיקייטן,
וועסט זיין איינע איבער אַלע ערדישע וווייטן.

# און גיב אונז אונזער טעגלעכע צייטונג

אַ טעגלעכע אָוונט־צייטונג,
אַ קופּע שמאַטעס מיט שוואַרצער פאַרב,
און אין דער קופּע מיליאָנען מײַלער
שרײַען מיט לעצטע כוחות: ראַטעווע! איך שטאַרב!

איך ליג און איך לעז — און פּלוצלונג שווערט
די צייטונג אין האַנט, ווי אַ שווערע קויל,
אַ בלוטיקע קויל אַזוי גרויס ווי די ערד,
און עס שפּאַלט זיך די קויל בײַם עקוואַטאָר אויף,
ווי אַ געוואַלטיק פאַרצווייפלט מויל,
און עס שרײַט — — זע, ווי שוואַרצער גאַווער ווערט
די שוואַרצע דרוקער־פאַרב —
און עס שרײַט דאָס מויל פון דער חיה: איך שטאַרב!

און די חיה שרײַט — אַ חיה פאַרשפּאַרט
אין דער תּפיסה פון אוניווערס,
מיט שטימען הייזעריק, איינס, צען, אַ מיליאָן, אַ מיליאַרד,
צוויי מיליאַרד —

שפּאַניען בלוטיק אין ברודער־שלאַכט,
יאַפּאַן האָט כינע פאַרכאַפּט איבערנאַכט,
געטהע ווערט מיט אַ בלוט־גיריקן באַס
פון דײַטשלאַנד דעקלאַמירט:

— און גיסטו נישט וויליק — נעם איך מיט גאז!
אין דער פעלקערליגע סימבאָלישער שאָם,
דער ערשטער טראָפּן פון בלוטיקן גאָס,
וואָס די חיה ערד דאַרף אַ גאָס טון באַלד —
און אַזאַ רעווע טון, אַז דער וואַלד
פון דעם אוניווערס זאָל אַ ציטער טון.
און אַ נייער פלעק זאָל אַזש אויף דער זון
זיך באַווייזן דערפון,
און דער אַסטראָנאָם זאָל זיך ברעכן דעם קאָפּ
אויף דער שטראַלן־סובסטאַנץ אין זיין ספּעקטראָסקאָפּ,
און ער וועט נישט דערגיין, אַז די שטראַלן־סובסטאַנץ
פון פּלוצלונג פאַרטונקלטן גלאַנץ
איז בלוט.
ער וועט אין פאַרצווייפלונג אויף אַ טורעם ארויף
און אַריין אין אַ פּאַראַשוט
און זעלבסטמאָרד באַגיין מיט אַ שפּרונג אין אין־סוף.
און אין ראַטנפאַרבאַנד איז פאַרטיק שוין
פאַר יעדן בירגער אַ פּאַראַשוט,
און אין ענגלאַנד — דערציילט די צייטונג מיט פרייד —
איז פאַר יעדן בירגער, מאַן, פרוי און קינד,
און אַפילו פאַר קעץ און אַפילו פאַר הינט,
אַ גאַזמאַסקע גרייט.
און דער דיקטאַטאָר פון רוים
זאָגט, אַז אַן אמת גייט ווערן זיין טרוים,
און ווי צעזאַר אַמאָל איז ער אויפגעלייגט,
ווייל ווי צעזאַר צו רוים, האָט ער אונטערגעליינט
שוין די בראַנד־פאַקלען צו דער וועלט.

און דאָס איינציקע, וואָס אים נאָך פעלט,
איז אַ גיטאַרע אין זיינע הענט —
ווייל עס סמאַליען שוין די וועלטן־ווענט.

און עס ליגט און דערדריקט די צייטונג מיין האַרץ,
און עס דאַכט זיך מיר, אַז די פאַרב, וואָס איז שוואַרץ,
איז פאַרגליווערט בלוט פון די צוויי מיליאַרדס
באַוווינער פון דער ערד.
און ס'וואַקלט די צייטונג, אַ שווערע קויל,
און עס רייסט זיך פון דעם פאַרחלשטן מויל
אַ לאַנגער וואָיענדיקער אוי — — —

אָ —
וואָלט איך, דו שיינע ערד, דיך נישט
דורכגעוואַנדערט אין דער ברייט און לענג,
אָ —
וואָלט מיך קיינמאָל דער טוי נישט געקושט
פון זונען־אויפגענג און אונטערגענג,
וואָלט מיך נישט געבראָטן און נישט געברענט,
ווי אויף אייגענעם לייב דער העלישער פלאַם,
וואָס לעקט שוין דיינע הייליקע ווענט —

אַ קופּע שמאַטעס מיט שוואַרצער פאַרב —

איך דרימל — און דורך מיין דרימל ציט
אַ מחנה פויסטן־ביילער,
קריגס־שריט געאיילט, פויסטן געפּיילט,
און אַ צווייטע מחנה אָפענע מיילער
און שריט,
און אויף די ווינקלען פון די מיילער — פאַרב:
איך שטאַרב — שטאַ—אַרב!

און איך ווער אַנטשלאָפן און אין חלום שפּרייט
זיך די צייטונג אין דער לענג, אין דער ברייט
פון דער ערד — ווי אַ טויטער טעפּיך אויס,
שוואַרץ און ווייס —
זע, וואָס איז דאָס? די אותיות זענען משוגע געוואָרן,

און צעלאָפּן זיך ווי פּאַרסמטע מייז —
ווי אַ פּוסטע, ווייסע לאָנקע זעט די גאַנצע ערד איצט אויס —
און אַ ווינט, ווי אַ רויך לויפט אַרום און בלאָזט —
און זוימען צעטראָגט ער — און אַ רעגן גייט רויט —
און די ערד ווערט ווידער באַוואַקסן — מיט שוואַרצן גראָז.

אויף דער ווייסער לאָנקע — צווישן שוואַרצן גראָז,
שפּרינגען שוין ווידער די אותיות אַרום,
אין דער קרייז, אין דער קווער, אין דער ברייט, אין דער קרום,
אויף דער לאָנקע, וואָס ווי פּאַפּיר איז ווייס,
די אותיות ווי פּאַרסמטע מייז.

און איבער דער לאָנקע, איבער שוואַרצן גראָז,
גייט אַ באָרוועסער מאַן — ווי יעזוס כריסטאָס,
איינער אַליין — און ער פליט נישט, נאָר ער טרעט,
אַזוי שטיל ביז ער קומט צו — צו מיין בעט,
און איך טוליע דעם קאָפּ איין אין דעם טוך
פון זיין קלייד — און פּלוצלונג פיל איך צייטונגס-גערוך.
און ער גייט און ער גייט —
שיר נישט אַריבער איבער מיין האַרץ —
נענטער, נענטער — ער האָט מיך שוין אָנגערירט,
איך זע זיינע פיס — זיי זענען מיט צייטונגס-פאַרב אויסגעשמירט
און ווי קוילן שוואַרץ —
און ווי איך דערזע דאָס, גיט עפּעס מיט מיר
אַ ריס — און די ליפּן גיבן אַליין זיך אַ ריר,
און איך שריי:
פּאַרוואָס, פּאַרוואָס האָסטו
צוגעלאָזט דערצו?

רעמאַלט הויבט זיך אָן אַן ענטפער אויף
די געשטאַלט — און פליט אַרויף —
און צערינט און צעשטראַלט

אין דעם פריען מאָרגנס רויטן גאָלד —
איך בין וואַך, פון דערוויטנס ווידערהאָלט
אַ וואָרט: זיי האָבן אַזוי אַליין געוואָלט — —

עס וואַקלט נאָך אין שטוב די טיר.
איז עמעץ דאָ געווען בײַ מיר?
ווײַזט אויס — ווײַל אויף דעם טישל, וואָס שטייט
בײַ מײַן בעט — ליגט שוין די מאָרגנצײַטונג גרייט.

# דיקטאַטאָרס נאַכט

ער האָט שוין צו זיין פאָלק גערעדט,
און ער ליגט שוין שווער אין זיין שווערן בעט.
ער האָט אויך שוין אויף איבערנאַכט
די מאַשין פון זיין מויל פאַרמאַכט,
נאָר דאָס האַרץ זיינס קלאַפּט, ווי האַמער אויף שטיין —
און די זייגערס צעקלינגען זיך עלף.
ער טרינקט פון אַ שווערן, רוימישן זילבער־בעכער, שווערן, אַלטן וויין,
דער בעכער איז שווער און גרויס,
ער האַלט אים מיט ביידע הענט און ליידיקט אים אויס
ביז העלפט.
דער דיקטאַטאָר —
און — ער — שלאָפט — רואיק — איין.

דער דיקטאַטאָר שלאָפט —
זיין נאַכט, ווי אַ טיגער, שלייכט — — —
די ווייזערס פון זייגערס האָבן שוין דערגרייכט
איינער דעם צווייטן: מיטערנאַכט.
ס'האָט איינער דעם צווייטן אַ סוד געבראַכט —
האָט אַ רגע זיך אָפּגעשטעלט,
און זיך ווידער צעגאַנגען — צו דער וועלט,
ווייל דער דיקטאַטאָר ליידט
נישט קיין איינזאַמקייט.
ס'צעקלינגען זיך גלאָקן — — בהלח —

צוועלף!
פון ווייטע דערפער, ווי פון וועלדער — יללה —
פון מאַמעס, ווי פון וועלף.

דער דיקטאַטאָר שלאָפט,
ער האַלט די פויסטן, ווי שטיינער, פאַרדריקט,
ווי ער וואָלט געהאַלטן אין די פויסטן — שטריק,
ווי לייצעס פון פערד — פון דעם פאָלק, וואָס איז זיינס —
די זייגערס קלינגען — איינס!

דער דיקטאַטאָר שלאָפט.
ער האָט זיך אין שלאָף איצט איבערגעקערט,
אַ גלאָץ געטון מיט אַ שטאַרן בליק
און די אויגן פאַרקלאַפּט צוריק.
עפּעס דאַכט זיך אים, ר'האָט אין שלאָף געהערט
פון זיינע תפיסות געוואָרגן־געשריי —
די זייגערס קלינגען צוויי.

דער דיקטאַטאָר שלאָפט.
ער מורמלט עפּעס, ער גיט אַ ברום,
עפנט ווידער די אויגן און קוקט זיך אַרום,
פּלוצלונג רעדט ער מיט דייטלעכער שטים:
העי, וואָס שטייט איר דאָ אַרום?!
איז עס די וואָר, אָדער דאַכט זיך עס אים,
אַז צו ביידע זייטן פון זיין בעט אויף דער בריק
האַלט ער צוויי מענטשן אויף צוויי שטריק,
און זיי —
שרייען עפּעס אָן געשריי —
און אָטאָ ליגן אויף צוויי נאַרעס זיי,
און עס וואַרפן זיך זייערע יונגע קעפּ —
און דורך אַלע טירן — פויסטן־קלעפּ—און האַלצערנע קאָלבעס־קלעפּ—
— שלאָפן! שלאָפן, דאָרט איר, זאַלבעדריט!
— זאַלבעדריט? אויך ער אינדערמיט?

ער — צווישן זיי?
— שלאָפן!!
און די זייגערס קלינגען דריי.

דער דיקטאטאָר שלאָפט.
זיין פּנים ווי פון שטיין געהאַקט,
גיט זיך ווידער נישט קיין ריר,
ער מורמלט אין שלאָף: ווער — האָט — געוואגט?
און איידער די זייגערס צעקלינגען זיך פיר,
לאָזט זיך פון הויכן באַלקן אראָפּ
אויף אַ שטריק אַן אָפּגעהאַקטער קאָפּ,
און לייגט זיך אויף זיין קישן אראָפּ,
קאָפּ נעבן קאָפּ,
און גיט זיך אויך נישט קיין ריר,
ווען די זייגערס קלינגען פיר.

דער דיקטאטאָר שלאָפט.
איצט לאָזט זיך אויף אַ תליה־שטריק
אַ יונגע פרוי פון דעם באַלקן אראָפּ,
און זי טאנצט ווי אַ שדל אויף גומענעם שטריק
ארויף און אראָפּ.
לבנה־ליכט לעשט זיך און צינדט זיך צוריק,
און דאָס טויטע מיידל טאנצט ווי אַ נימף
ארויף און אראָפּ
ארום דעם דיקטאטאָרס קאָפּ.
די זייגערס קלינגען פינף.

דער דיקטאטאָר שלאָפט יעדע נאכט ביז ווען
עס גיט אַ קוויטש די ערשטע סירען,
און זיין לאנד, ווי אַן איינציקע ריזן־פאבריק,
שקלאַף ביי שקלאַף צו זיין ווילן געבונדן, ווי צו אַן איינציקן שטריק,
שטייט אויף — אַלע, ווי איין פרוי, ווי איין מאַן,
און לייגן די קעפּ אריין אין שפּאַן.

דער דיקטאטאָר וואכט אויף — עס איז זייגער זעקס,
און מען דערלאנגט אים אין זילבער צום בעט
א קאַלט גלאָז מילך און פריש געבעקס,
און א וועלט־עקספּאָזע און א לאַנד־דעקרעט,
און צום סוף א ביטע צו זיין גנאָד.

דער דיקטאטאָר לייענט דעם עקספּאָזע,
שרייבט אונטער, כאָטש נאָך אין בעט,
דעם דרינגענדיקן לאַנד־דעקרעט,
און לייגט אָן א זייט די ביטע צו זיין גנאָד.
עס ווערט שפּעט,
עס איז שוין זייגער זיבן,
ער האָט די ביטע נישט אונטערגעשריבן
און דער אורטייל איז שוין אויסגעפירט.

דער דיקטאטאָר שטייט אויף, א דינער ליגט נעבן אים און שנירט
זיינע הויכע רייטשטיוול — נאָך דער שעה פון זיין גנאָד.
נאָר איידער ער נעמט זיין פרישטיק און באָד
מוז רייטן דער דיקטאטאָר א האַלבע שעה.
פאַר אים און פאַר זיין פאָלק, פאַרביידן איז עס גוט,
ווייל עס בארואיקט נאָך דער נאַכט זיין בלוט.

ס'איז א פערטל אכט,
דער דיקטאטאָר האַלט שוין פעסט די לייצעס פון דער מאַכט
און רייט.

און ביי זיין זייט
א שדל —
און לאַכט —
און לאַאכט,
ווי ער וואָלט שוין אָט איצט א דער לעצטער געלאַכט.

# די צען פֿאַראַגראַפֿן פֿון דער נייער קאָנסטיטוציע

(פֿאַראַפֿראַזע)

§ 1.

איך בין דער מענטש,
אומעטומיק, מיליאָנען־געשטאַלטיק,
ווי די אייביקע נאַכט און דאָס אייביקע ליכט — געוואַלטיק,
איך בין דער מענטש — און בין אין יאָרן
מיליאָנען געוואָרן,
און האָב מיך מיט מי און האָב מיך אַליין
פֿון דעם שטיין פֿון דער ערד,
פֿון דעם צווייג פֿון דעם בוים,
פֿון דער חיהעס געביין
אַרויסגעצויגן —
און אויפֿגעפֿלויגן —
איך בין דער מענטש!

§ 2.

און דו זאָלסט נישט קאָנען,
און דו זאָלסט דיר נישט מאַכן,
און דו זאָלסט נישט האָבן,
און דו זאָלסט נישט לויבן,

און נישט דערהויבן,
און זאָלסט נישט גלויבן,
נישט אונטן, נישט אויבן,
קיינעם נישט — אַחוץ מיר.
און כאָטש איך בין קליין,
און ס'איז ענג מיין נשמה,
אַנפליגלדיק — נישט ווי איר גוף,
און כאָטש איך פאַרשרייב אַלץ, אַזוי ווי אַ הענדלער,
און כאָטש איך געדענק אַלץ, אַ וואָך און אַ יאָר,
ביז צום דריטן און ביז צום פערטן דור,
צו נעמען נקמה,
קאָן איך אויכעט זיין, אָט ווי איך בין קליין,
פונקט אַזוי מעכטיק און גרויס,
ווען עס קומט איבער מיר, דעמאָלט ווייז איך אַרויס
מיין גוטסקייט — טויזנטפאַך.
און איך טו עס פאַר אַ קליינער מתנה,
דער איינציקער זאַך,
וואָס איז איבער אַלע זאַכן געשטעלט
אויף דער ערדן־וועלט;
פאַר ליבע.
איך בין דער מענטש.

§ 3.

איך בין דער מענטש,
מיליאָנען־געשטאַלטיק, אַליין־געוואַלטיק,
אַלעמאָל בין איך גערעכט,
און קיינמאָל וועל קיינעם איך געבן דאָס רעכט
צו רעדן אין נאָמען פון מיר.
און ווער עס רעדט —
געפעלשט האָט ער נאָר.
געפעלשט — און ער וועט

אפילו אין טויזנסטן דור
צום משפּט שטיין.

§ 4.

איך בין דאָס טון און איך בין דאָס רון,
איך בין דאָס לעבן און איך בין דער טויט,
און עס קומט מיר מיין קלייד,
און עס קומט מיר מיין דאך,
און טעגלעך מיין ברויט,
און נאכטלעך מיין פרייד,
גיי איך דאָך דורך זעקס טאָג פון טון
צום זיבעטן טאָג פון רון,
גיי איך דאָך דורך דעם איינציקן, קורצן טאָג פון טון
צו זעקס טעג פון רון — ניין, צו אייביקייט רון —
מיר קומט דאך און קלייד,
און ברויט און פרייד,
ווייל איך בין דאָס לעבן און גיי צום טויט,
און דורך די שבתים געוווין איך מיך צו
צום לעצטן שבת — רו.

§ 5.

שטיי אויף אין דער פרי לידער צו זינגען,
יעדן פרימאָרגן צו דיין מאַמען,
מיט איר ביסטו איינס, ווייל מיט איר צוזאַמען
ביסטו געבונדן צו אלע צייטן,
צו אלע דורות, צו אלע שטאַמען,
ביז צו חיה אַרויף,
ביז צו בוים אַרויף,
ביז צו ערד צוריק —
ביז צו דער וויג פון די וויגן — דער וויג.

דורך איר ווי איין ים מיט אַלע ימען.
איך בין דער מענטש,
און איבער מיר —
איז מאַמע.

§ 6.

דו זאָלסט נישט הרגענען!
פינסטערער נאַר!
נישט אַ מענטש אין זיין הויז, נישט אַ קו אין איר שטאַל!
אָפּגעריסענער נאַר, קאַניבאַל!
זעסטו דען נישט, ווי עס גייט דיין האַק,
ווי דעם זייגערס אומרו — אין אייביקן טיק־טאַק —
פון דעם מענטש־קאָפּ און קו־קאָפּ צוריק צו דיין קאָפּ,
און מיט איין שאַרפן שאַר
פון דיינע אַקסלען אַראָפּ,
מאַכט זי פון דיר, דו פינסטערער נאַר, אַ קאָפּלאָזן נאַר.
הרגע נישט, קיינעם נישט, גאָרנישט!
געדענק, איך זאָג דיר איצט אַ וואָרט,
וואָס איז געווען, איז און וועט זיין,
אַז זינט די וועלט שטייט
האָט יעדער, ווער ס'איז באַגאַנגען אַ מאָרד
געהרגעט זיך אַליין.

§ 7.

ווער עס לעבט מיט אַ מענטש, וואָס ער רופט זי זיין פרוי,
ווער עס לעבט מיט אַ מענטש, וואָס זי רופט אים איר מאַן,
דער טוט עס אַזוי
צוליב דעם געשריבענעם וואָרט פון רעכט,
און ווער עס לעבט מיט סתּם אַ פרוי,

און ווער עס לעבט מיט סתם אַ מאַן,
איז אין דעם דער סוד פון זיין פאַראַן,
דער טויט
דאָס טונקלע, טיפע, נישט געשריבענע,
פון דער צייט פון ערשטן טאָג געבליבענע
רעכט פון בלוט.
און אין יעדן מאַנס און אין יעדער פרויס
נאַטור־עוואָלטן פאַראַט
אַנטפּלעקט זיך דער ערשטער ווילן, וואָס איז געוואָרן טאַט,
און עס שרייט דאָס קול פון דער הייליקער מאַמען אַרויס —
און איך בין דער מענטש,
און מאַמע איז איבער מיר.

§ 8.

דו אָרעמער, אָרעמער, אָרעמער דו,
וואָס דו קאָנסט נישט געפינען אין די נעכט קיין רו,
און טאַפּסט דורך דער נאַכט זיך — אַ וואָרעם דורך ערד,
צו גנבנען עפּעס, וואָס נישט געהערט,
נישט דיר און נישט אים — און קיינעם נישט,
ווי קאָן מען פאַרמשפּטן דיך אויף אַ יאָר
פון אַליין־זיין?
וואָס איז דען אַליינער, ווי דו ביסט שוין אַליין?
און דו ביסט דאָך געשטאַנען צום משפּט שוין
אין דעם טאָג, ווען מען האָט דיך געקרוינט מיט דער קרוין
פון לעבן — און אין יענעם הערלעכן מאָרגן־רויט
פון דעם ערשטן טאָג דיך — פאַרמשפּט צום טויט.
דו אָרעמער, אָרעמער, אָרעמער דו,
וואָס דו קאָנסט נישט אפילו אין די נעכט קיין רו.
דו ביסט אָרעם און קראַנק,
דו דאַרפסט אַ טראַנספּוזיע פון אַ גלאָז — געדאַנק.

§ 9.

גלויב אים, דעם מענטשן, וואָס שטייט נעבן דיר,
און הייס אים קיינמאָל נישט שווערן,
אַלץ איינס איז ליגנט, וואָס ער זאָגט צו דיר,
און הונדערט־מאָל ליגנט וועט ווערן
יעדע זאַך, וואָס ער וועט באַשווערן,
זאָל ער זיך רעדן און דו מעגסט אים הערן,
און אויב דו וועסט קיינמאָל קיינעם נישט גלויבן,
וועסט אים דערהויבן און זיך דערהויבן,
ביסט נישט בעסער ווי ער,
און ער איז נישט בעסער ווי דו.
זאָל ער רעדן —הער.
גיב אַלצדינג צו און גיב גאָרנישט צו.
איך בין דער מענטש,
און איבער מיר איז די מאַמע.

§ 10.

געלוסט נישט!
אַלץ קערט צו דיר און גאָרנישט איז זיין.
אַלץ קערט צו אים און גאָרנישט איז דיין.
אַזוי איז געווען, איז און וועט זיין.
דורכאויס שוואַרץ איז די ערד און נאָר אויף איר פּלאַך
איז אַביסל שטראַלן־שיין,
און אויך דאָס איז נאָר ווידערשיין
פון זון,
וואָס דו זעסט און דו פילסט אַ גלוסטונג דערפון,
דיין שכנס הויז
עס איז ווידערשיין בלויז.
זיי קלוג און זיי גרייט
און זאָל אויף דיין טון

פֿאַלן הייליקער שיין פֿון דיין קומענדיקן רון,
וואָס וועט זיין אַן פֿרייד און וועט זיין אַן לייד.

איך בין דער מענטש,
און איבער מיר איז די מאַמע,
און איבער דער מאַמען איז זון,
און איבער דער זון איז גאָט,
און איבער גאָט איז סוד. —

און אונטער דעם סוד איז ווידער גאָט,
און אונטער גאָט איז ווידער זון,
און אונטער דער זון איז ווידער מאַמע,
און אונטער דער דער מאַמען איז ווידער מענטש,
און איך בין דער מענטש,

# אַ ליד וועגן אַ בלינדן רייטער

פאַרביקע פענער פלאַטערן אין ווינט,
ביימער פלאַקערן פרילינג־צעגרינט,
דער הימל — אַ בלויע שאָל,
די ערד — אַ ריזן־פריידן־טאָל,
דער חלל פול מיט ראַדיאָ־מוזיק,
די מענטשן אַלע — טרעגער פון גליק.
געדענק־טאָג פון גרויסן זיג,
יום־טוב פון דער רעפובליק.

ער וווינט אין אַ קעלער, איז ער געל און בלאַס,
זעכצן יאָר שטייט ער אין זעלבן ווינקל גאַס,
איין אויג קוקט ווי גלאָז — דאָס צווייטע פאַרמאַכט,
זעכצן יאָר דויערט זיין איינציקע נאַכט,
זי וועט דויערן דרייסיק, זי וועט דויערן — ווער ווייסט,
ביז זי וועט ווערן אָפּגעלייזט
פון אַ צווייטער נאַכט, נאָך אַ צווייטער שעה,
אויב צווייערליי פינסטערניש איז ערגעץ דאָ.

טאָג איין און טאָג אויס, ווי אַ פערד פון שטאַל.
נאָר אין יום־טוב־טעג טוט ער אָן אַ מעדאַל,
אַ גרעסערן טעלער נעמט ער אין האַנט,
זיין הונט פירט אים צו צו דער ווינקל וואַנט,

ער פּירט אים צו און שטרעקט אויס דעם קאָפּ,
טשעפּעט ער אים פון קיטל אַראָפּ.
לויפט אַוועק דער הונט צו אַ טיר פון אַ קיך,
זינגט אַ יאָר פאַרדינט ער אַליין אויף זיך.

הערט דער בלינדער איצט אַ טרומייט טרומייטן,
אַן איינציקן רייטער הערט ער רייטן,
און עס גיבן זיך נאָך אים ענדלאָז אַ שאָט,
אין פיר־רייען־טראָט, אין פיר־רייען־טראָט,
רעגימענטער —
און ווייטער שריט פון בעלגישע פערד,
עס ציטערט זיין וואַנט, די שטאָט, די גאַנצע ערד,
און איצט אַ שווערער, רייטיקער קייטן־געקלאַנג,
אַ טאַנק, און ווידער אַ טאַנק, אַ טאַנק, און ווידער אַ טאַנק.

אויף איינמאָל אַ ריס אין אייזערנעם פאַס,
אַ לאַנגע רגע איז שטיל די גאַס,
און ווידער אַ העלער טרומייטער,
פערד־שריט און פערד שריט — אַן איינציקער רייטער —
און עס גיט — אים פּלוצלונג פון זיין וואַנט אַ ריס,
און ער כאַפּט שוין דעם רייטער אָן ביי די פיס —
— ווער ביסטו? — אַזוי מוז עס זיין!
און דער בלינדער זיצט שוין אויף דעם פערד אַליין.

אַ רגע שטיל — פאַרשטורעם אין וואַלד,
און ווי אַ בליץ גיט אַ בליץ אַ וואָרט: האַלט!!
האַלט! איך באַפעל דעם גרויסן צוריק!
צוריק אין קאַזאַרמע, אַהיים צוריק!

זיין אויג, וואָס איז ערשט נאָך ווי גלאָז געוועז,
האָבן איצט אַלע אין שטראַלן דערזען.

— צו די שוועסטערן צוריק, צו די ברידער צוריק,
צום פריליגג און צו דער זון צוריק!

און ער רייט לענגאויס פון רעגימענט,
און באפעלט מיט די גלע קעלער־הענט:
— בלינדע — ווערט ווידער זעעוודיק,
איך באפעל דעם גרויסן דעם לעצטן: צוריק!!

און עס גיבן זיך נאך אים ענדלאז א שאט,
פיר רייען אין טראט, פיר רייען אין טראט,
און פון דער גאנצער שטאט — מיליאנען שריט,
גייען מיט, גייען מיט, גייען מיט.

און פענער פלאטערן ווידער אין ווינט,
ביימער פלאקערן פרילינג־צעגרינט,
דער הימל — א בלויע ריזן־שאל,
די ערד — א ריזן־פריידן־טאל,
דער חלל — פול מיט ראדיא־מוזיק,
די מענטשן — ווידער טרעגער פון גליק,
די בלינדע — זענען ווידער זעעוודיק,
הימל־באקרוינט און זון־באשיינט,
געבוירן געווארן איז זי היינט —
די גרויסע רעפובליק.

נאר דער בלינדער רייטער רייט ווייטער און ווייטער,
און אומעטום לייכט זיין אויג, און אומעטום שרייט ער
די בשורה פון דער גרויסער רעפובליק,
ער האט זעכצן יאר ביי דער וואנט געווארט
און מיט אים אלע צוויי מיליארד.

ער רייט איבער שטעט, איבער פעלדער און וועלדער,
ער רייט איבער גרענעצן, רייט איבער לענדער,
פלאטערן אין ווינט זיינע ווייסע געווענדער,

צעטרעט די גרענעצן דאָס ווייסע פערד,
און עס ווערט אומעטום איין גלייכע ערד,

און ווי ער קומט צו צום גרויסן טייך,
רייט ער אים אריבער ווי אויף פעלדער גלייך —

רייט ווייטער, ווייטער
דער בלינדער רייטער.

# דער אויסלייזער

זי האָט אַ טאַטן און אַ מאַמען געהאַט,
נאָר די וועלט האָט זי געפונען אין גאַס און ביינאַכט,
אַז זי איז געוואָרן זיבעצן יאָר
האָט מען פון איר אַ דינסט געמאַכט.

האָט זי זיך געשליידערט אַרום אויף איר בעט
צווישן די טעפּ אין דער קאַלטער קיך,
און היימלעך ביינאַכט די טיר אויפגעמאַכט
און אַריינגעלאָזט איר געליבטן צו זיך.

און צו זעקסטער וואָך, ווי דער זייגער שלאָגט,
האָט זי אים דעם גרויסן, זיסן סוד געזאָגט —
האָט ער מיט רציחה אויפגעברויזט
און אַ זעץ געטון אין בויך מיט דער פויסט.

— דו זונה, דו הורן־טאָכטער, דו,
זוך דיר דערצו אַן אַנדערן יאָלד,
(און ער גיט אַ פייף און שטייט שוין אין טיר)
ווער האָט דיך געבעטן? האָסט נישט געזאָלט!

— איך האָב געזאָלט און איך האָב געמוזט,
איך בין איינע אַליין און דו, דו ביסט — —

(אויף דער בריק איז געפאַלן א זילבערשטיק)
— אריינגעשרויפט? שרויף ארויס צוריק!
— — — — — — — — — — —
פאַרטאָג — פרישער שניי — אַן איינציקע קרא
שפרינגט אום, פליט אויף און א קערנדל זוכט.
א שורה שריט — ס'איז געלאָפן דאַ א מויד
פטרן איר ליבעם ערשטע פרוכט.

— ווער רייסט דאָס דאָרט פאַרטאָג די טיר?
— נאָר איר קאָנט ראטעווען, נאָר איר, נאָר איר!
— הורן וויל עס און ס'זאָל אפגיין גלאט!
— איך האָב נישט געהורט, כ'בין ווי א שטיין אליין און האָב ליב געהאַט!

— און איבעריקנס, א צענער האָסטו מיט?
ווייניקער אפילו א גראָשן ניט!
— כ'האָב א פינפער, איך שווער אייך, אין דער האַנט —
— גייזשע אין דער ערד מיט אים ביינאַנד.

נאָר זי האָט די מכשפה נישט געהערט
און איז נישט געגאַנגען אין דער ערד,
נאָר צום אַלטן דאָקטאָר, צו דעם ווייסן מאַן.
— שטייט אויף, הער דאָקטאָר, עפּעס א ווילדע מויד איז פאַראַן.

— הער דאָקטאָר, הער דאָקטאָר, ווי און ווינד,
הערט אוים אַן אומגליקלעך ממזר־קינד,
אוי קען איך, קען איך זייער מזל גוט,
הרגעט עס כל זמן עס איז א שטיק בלוט.

— פאַראַנען, קינד מיינס, א גרויס געזעץ,
איז עס פאַרשריבן ביים ריכטער אין בוך!
עס וועט זיין א זון, שטאַרק און שיין, ווי דו —
— ניין, כ'וועל מיך דערוואַרגן מיט אַט דעם בוך!

נאָר דערוואָרגן מיט דעם בוך האָט זי זיך נישט,
נאָר זי האָט זיך געשטעלט פאַר דעם ריכטערס גרינעם טיש:
— ריכטער, ריכטער, גערעכטער האַר,
צוויי מענטשן זענען אין געפאַר!

ראַטעוועט מיך און דעם צווייטן אויך!
(און זי ווייזט מיט דער האַנט אויף דעם בויך)
— מײַן געזעץ איז געשריבן מיט קלוגער האַנט,
ס'איז פאַר אַלעמען, פאַר דעם גאַנצן לאַנד.

צוויי מענטשן זענען אין געפאַר?
און אז דאָס גאַנצע לאַנד וועט זיין אין געפאַר —
ווו וועט ער נעמען סאָלדאַטן פאַר
זיין לעגיאָן, דער גענעראַל פון דעם קעניג, דעם האַר?

— לאָזט מיך דורך, לאָזט מיך דורך, נעמט די ביקסן אַוועק!
דער ריכטער שיקט מיך צום גענעראַל!
אַ לאַנד אין געפאַר, הער גענעראַל,
כ'בין שוין געווען איבעראַל,

נעמט אַרויס די שווערד פון דער שייד,
כ'האָב געמיינט עס וועט אַפגיין גלאַט —
שניידט אויף דעם בויך, הער גענעראַל,
און נעמט אייך באַלד אייער יונגן סאָלדאַט!

האָבן וואַך־סאָלדאַטן זי געשליידערט לאַנג,
געקוויקט זיך מיט אירע עפּל — די בריסט,
צומאָרגנס שוין שטייט זי צוריק אין קיך,
און פוצט די שיך און טראָגט דאָס מיסט.

מיסט אין די הענט און אַ קינד אין בויך,
פאַרשטעלט מיט אַ ברעט — ווי לאַנג ס'האָט זיך געלאָזט,

ביז ס'האָט די באַלעבאָסטע א זייטיקן קוק
געטון אויף איר קלייד. — זאָג נאָר, וואָס האָסט,

דו דאָרט אַזאַ מין געשוואָלענעם פּאַק?
ווּ וואַסער געווען, וועט וואַסער זיין —
און זי האָט זי געוואָרפן מיט האַק און פּאַק
צו אָוונט צו אין גאַס אריין.

נאָר מיט אַזאַ מין פּאַק, כאָטש אַ יונגע מויד,
איז אין גאַס נישט אַהער, נישט אַהין —
— קום צו מיר, פאַר אַ האַלבן גילדן אַ טאָג
האַלט איך מיידעלעך פון אַזאַ אָ מין. —

נאָר אַז זי האָט געטון דעם ערשטן קוויטש,
האָט מען זי ווידער געטון אַ וואָרף
מיט האַק און פּאַק אין גאַס אריין.
— דאָרט וועט דיך שוין צונעמען ווער עס דאַרף. —

נאָר ס'איז נישט געקומען ווער עס דאַרף
און דער ממזר שפּאַרט מיט זיין גרויסן קאָפּ,
האָט זי דעם פּאַק געלאָזט אויף דער נאַסער גאַס
און אַליין אין פינסטערן קעלער אַראָפּ.

און דומפּ האָט געציטערט דאָס גאַנצע הויז
פון איר ווײ־געבורט און דערשטיקטן געוויין,
און איבערן הויז איז געשטאַנען אַ גאַנצע נאַכט
אַ רעגן־בויגן און אַ פייער־שיין.

פאַרטאָג איז דער רעגן־בויגן אַוועק
און דער פייערשיין האָט זיך אָפּגעשטעלט,
ס'איז געבוירן געוואָרן אין בלוט, ווײ און מוטער־טויט
דער אויסלייזער פון דער וועלט.

ס׳האָט דער קעניג אויך אין יענער נאַכט
געזען דעם פייער־שיין אין יענעם הויז,
פאַרטאָג האָט ער געפרעגט ביי זיין חכם און ביים נאַר:
— דעם ביינאַכטיקן רעגן־בויגן — ווער טייטשט אויס?!

האָבן ביידע די שטערנס געקנייטשט, נאָר פּלוצלונג
האָט זיך ביידעס פּנים צעהעלט.
— נישט אַנדערש, נאָר אין יענעם הויז איז היינט נאַכט
געקומען דער אויסלייזער אויף דער וועלט.

— — — — — — — — — —

און מען האָט אים געוואָרפן פון האַנט צו האַנט,
דעם אויסלייזער פון דער וועלט,
ביז צו דריי חדשים — דעמאָלט האָט ער זיך שוין
אויף די אייגענע פיסלעך געשטעלט.

צו זעקס חדשים האָט ער גערעדט
און ברויט געגנבעט צו צען,
און צום יאָר איז ער איבער דער וועלט אַוועק
און מ׳האָט אים מער נישט געזען.

ס׳האָט צוועלף יאָר געציטערט קאַלט
דער קעניג אויף זיין טראָן,
צו צוועלף יאָר האָט דער אויסלייזער שוין
אַרויסגעפירט אויף דער וועלט זיין לעגיאָן.

און באַלד האָט ער געוואָרפן אַראָפּ
פון דעם טראָן דעם געקרוינטן גע̇ץ,
צעריסן דעם אַלטן ריכטערס בוך
און געהייסן שרייבן אַ ניי געזעץ.

און ווייל ער איז געווען אַ קינד
פון זיין מאַמעס ליבע און לייד און טויט,
האָט ער דאָס נייע געזעץ זיינס געבויט,
מיט זיין געזעצגעבערס זיכערע הענט,
אויף דעם לעצטן און זיכערן פונדאַמענט
פון ליבע און לייד און טויט.

און צעבראָכן האָט ער ביים גענעראַל
די בלוט־פאַרזשאַווערטע שווערד,
און שמידן האָט ער געהייסן די שמידן
אַקערס פאַר דער יונגער ערד!

און ווידער האָט זיך אַ רעגן־בויגן
איבער זיין יונגן קאָפּ געשטעלט.

און פון דעמאָלט אָן האָבן יעדע נאַכט שטיל
די שטערן ווי זילבער־גלעקלעך געקלונגען,
און די זון האָט יעדן טאָג ווי אַ פּאַסטוך
איבער דעם בלויען הימל געזונגען. —

עס איז געקומען —
געקומען — געקומען —
דורך הייליקער מאַמעס ליבע און בלוט,
דורך הייליקער מאַמעס וויי און טויט,
דער אויסלייזער, אויסלייזער, אויסלייזער —
פון דער שיינער וועלט.

# VIII

# וועגעטאַרישע

## זיבן-קי-באַלאַדע

דער סוחר האָט געצאָלט מיט זילבער-געלט,
דער פּויער האָט דאָס מינץ פאַרבונדן אין אַ טוך
און מיט די ציין פאַרצויגן אַ טאָפּלטן קניפּ.

— און איצטער, פּויערל, גיב
מיר דיין פּאַסטוך צו טרייבן די זיבן קי!
— אַ — אַווּ?
— צום שטאַטישן שעכטהויז צו!

די פאַרנאַכטיקע זון איז געשטאַנען
האַרבסטיק-קאַלט און רויט,
דאָס וועטערפענדל אויפן דאַך פון דער שטאַל
אין דער זייט פון טויט. —

דער פּויער האָט נאָכאַמאָל באַטאַפּט דעם קניפּ,
דער פּאַסטוך האָט דעם מאַנטל פאַרשטייפט מיט אַ שטריק,
דער האָלצערנער ברונעם האָט געטון אַ סקריפּ
און אַרויסגעגעבן אַן איימער בלוט.

— נאַסטעמפּ, גוויאַזדולאַ, געזשלאָקעט גענוג!
(און ער שלעפּט זי ביים ווייסן האָרן),
— אין שטאָט וועסטו טרינקען מער!
איז איר ברוין און גרויס און פאַרשאָטנט אויג
פאַרלאָפן מיט אַ טרער.

די פויערטע האָט דערלאַנגט אַ ברויט און אַ קעז,
— נאַ, מיכאַל, פּרעס,
נאָר לאָז דיר איבער אַ שטיק אויפֿן וועג,
ווייל אין שטאָט וועסטו זיין אין אַנדערטהאַלב טעג,
און אַ טעפּל נעם און מעלק דיר אָן
ביי דער קאַרער קו, איר מילך איז גוט.

נאָר אַז ער איז צו צו דער קאַרע קו,
האָט זי זיך געלייגט אויף דער קאַלטער ערד,
זי האָט גערעדט — און אַלע האָבן געהערט:
— איך האָב נישט קיין מילך מער, איך האָב נאָר בלוט.

דאָס שיקסל איז באָרוועס אַרויס אויפֿן הויף,
אויף דעם קאָפּ פֿון דער טשאַרנע אַרויפֿ־
געפֿאַלן און אירע גאָלדענע צעפּ
האָבן פֿאַרבונדן זייערע קעפּ.
הערן איצט אַלע ווי די טשאַרנע ווידער רעדט:
— טייערע חברטע, כ'האָב אין זין אַ מתנה
דיר צו שיקן פֿון שטאָט, אַ קליינע מתנה, נאָר נעם זי אָן,
מיכאַל וועט דיר ברענגען פֿון מיר,
פֿון מיין בעסטן פֿלייש אַ פֿונט,
און זאָל דיר, חברטע, זיין צו געזונט!

האָט די שיקסע געטון אַזאַ ווילדן קוויטש און אַזאַ מין וויין,
אַז דער פּויער האָט זי מיט אַ פּאַסעק באַלד
געטריבן צוריק אין כאַלופּע אַריין.

— אַ סוף!

מיכאַל האָט געטון אַ הויכן שנייץ,
געשלאָגן אויף דער קוואַרער ברוסט אַ קרייץ,
געפּרוווט דעם שטריק, צי גענוג איז ער שטייף,
די בייטש געפּרוווט מיט אַ פּייף,

גוויאזדולא האָט זיך, ווי שטענדיק, אין דער ערשטער ריי געשטעלט,
און די סטאַדע קי איז אַוועק
נאַקעט און הויל אין דער גרויסער וועלט.

זיבן טייכן, זיבן לאָנקעס, זיבן דערפער פאַרביי,
אַ נאַכט און אַ טאָג, און ס'איז נאַכט ווידער גראָד,
מיט טויזנטער ליכטער איז אויסגעשטערנט די שטאָט,
שווימט אין דער נאַכט מיט אַ פייערשיין
איבער דער ברייט פון דער הימלישער הייך,
זיבן טורעמס האָבן געקלונגען גלייך
די בשורה פון מיטערנאַכט,
ווען די זיבן קי זענען אָנגעקומען צום גרויסן טייך
און אַריבער בשלום די לאַנגע בריק.

אויף דער בריק האָט גוויאזדולא דעם קאָפּ אויסגעדרייט
צו די דערפער, צו דער נאַכט, צום פאַרגאַנגענעם גליק,
און האָט זיך צעוויינט: — לאָמיר גיין צוריק!
האָט מיכאַל אַ צי געטון דעם שטריק
אַרום דעם מאַנטל שטייף
און געטון מיט דער בייטש אַ פעסטן פייף.

זעט מיכאַל די גאַסן, טראַכט ער, זיי זענען משוגע געוואָרן,
פאַרביקע בלעכוועגן זעט ער כסדר פאָרן,
שינעס הערט ער קריצן מיט שאַרפע ציינער,
חיות מיט ליכט־אויגן וואָיען און לויפן,
און ער זעט ווי פייערזיילן שרויפן
אַריין זיך אין שוואַרצן ברעט פון דער נאַכט,
שרייען הערט אויף דעכער און ווענט,
בילדער און שילדער זעט ער שימערן,
בלוי — רויט — גרין — רויט גרין — בלוי —
און ער טראַכט אַזוי.
ס'איז אַ גרויסע שטאָט מיט אַ סך, אַ סך טויזנטער צימערן,
און אין יעדן ליגן מענטשן, און אַלע מוז מען מאַכן זאַט. —

נאָר שוין לעשן זיך פענסטער פון צימערן אויס.
ווערן איין גרויסע, שוואַרצע וואַנט,
אין גאַס בלייבן איבער די הינט, דער ווינט און דער פּאָליציאַנט,
גייט ער צו און פרעגט אים דעם וועג, וואָס ער דאַרף —
ענטפערט אים יענער שטום, מיט דער האַנט. —

גאַס איין און גאַס אויס, גוויאַזדולאַ גייט אַלץ נאָך פאַרויס,
טונקלקייט איין און טונקלקייט אויס,
גייט אַ שווערע פּראָצעסיע פון סאַמעטענע, נאַסע לייבער,
הינטער זיי דער גלח, אַ מענטש, אַ טרייבער,
גייט אַ שווערע פּראָצעסיע, גייט אָן געזאַנג דעם לעצטן גאַנג,
בלייבט אַלעמאָל שטיין אין דערשראָקענעם פלאַנטער
פון העלזער און הערנער-געדראַנג,
אַ פּראָצעסיע פון זיבן פירפיסיקע לייט
אַלע, ווי איינער, צו שטאַרבן גרייט
פאַר דער שטאָט, וואָס זינקט אין שלאָף.

גייט אַ פּראָצעסיע צו אַ קירך פון בלוט און פון וויי,
אויסצושרייען דעם לעצטן שריי
צו זייער גאָט,
וואָס מאַכט זיך דאָרט אַ וואַרעם-באָד,
פּלעסקעט זיך אין אַ טייך פון בלוט
און וויל נישט וויסן פון קיין גנאָד.

האָט גוויאַזדולאַ שוין אַ פאָדערשטן פוס
אויף דער רויטער שוועל געשטעלט,
דעם קאָפּ פאַרדרייט און געשיקט דעם לעצטן גרוס
פון זיבן קי צו דער וועלט.

# IX

# י י ד י ש ע

# געזאַנג אויף ימים צו מאַמע-לשון

פאַרשטויסענע מאַמע, לשון פון אונזער פּראָסטן פאָלק,
אומעטום דיזעלבע, אָרעמהייליקע אויף אַלע פינף קאָנטינענטן.
דער מידער קאָפּ אין דיין שויס, די ליפּן וועלט־ווינט און וועלט־צער פאַרברענטע,
זיץ איך, דיין זון, ביי דיינע פיס, לאָז מיך קושן דיינע אַלטע שקראָבעס.
ציגנד אָן די ליכט אין די קאַרטאָפליעס־לייכטער, ביי דיר איז אייביק שבת,
נאָר ביי מיר, ביי מיר איז שטענדיק אינדערוואָכן,
אַלע מיינע געטער האָב איך אַליין צעבראָכן, אַלע מיינע גלויבנס האָט די וועלט צעשטאָכן.

פאַרשטויסענע מאַמע, טרייסטערין פון אונזער פּראָסטן פאָלק!
אויף שמאַטעס דיין בעט, דיין קעסט איז פאַר זעקס גראָשן ברויט אויף באָרג,
אין אַלע בוידעמער און אַלע קעלער־שטובן פון װאַרשע ביז ניו־יאָרק.
ווי אַן אָרעמע מאַמע קומסטו אין דיין פאַרטוך אַריין צו דיינע זין און דיינע טעכטער,
צו שפּאָט און צו שאַנד פאַר זיי, די אייניקלעך צו אַ לייטיש געלעכטער.
האָט שוין נישט איינמאָל זיך איינער פון דיינע זין פון כעס פאַרסאַפּעט,
און האָט דיך מיט די פיס פון זיינע גילדערנע שטיבער אַרויסגעקאַפּעט.

פאַרשטויסענע מאַמע, פירערין פון אונזער פּראָסטן פאָלק!
דו ביסט ווי אַ נביאה אין איין טאָג פון דיינע שמאַטעס אויפגעשטאַנען,

דו, די איינציקע, האָסט געגלויבט, אַז גערעכטיקייט איז נאָך פאַראַנען,
כאָטש קיין גערעכטע זענען נישט אין ערגעץ דאָ. דו איינע, אַלטע מאַמע,
האָסט מיט יונגן ברען אויפגעהויבן איבער ווילנע, דיין קרוינשטאָט
אַ פאָן אין פלאַמען,
און געוואָרפן אונטער די פּרוכנע פונדאַמענטן פון דער אַלטער וועלט
און זי אונטערגעצונדן — —
און שפּעטער האָט דער שיכורער תּלין דאָס מויל דיר פאַרשטאָפּט, און
דיין הויט ווי דיינע שמאַטעס געשונדן. —

פאַרשטויסענע מאַמע, הייליקע פון פראָסטן פאָלק!
מיט פרייד — צו געליבטע, צו דיר קומט מען דעם צער זיך
אויסצוּוויינען,
צו דיר האָבן אַלע טענות, נאָר דו האָסט צו קיינעם נישט קיין טענה;
אַ טאָכטער פון דעם גאַנצן פאָלק אין דיינע יונגע יאָרן,
ביסטו אויף דער עלטער אַ מאַמע צו אַלע געוואָרן.
און נאָר איינמאָל האָט דיין צעאַקערט פּנים געלאַכט מיט ווייסע ציינער
פאַרשייט,
ווען דיינע אייגענע זין האָבן פאַר דיר אַ קבר געגרייט.

פאַרשטויסענע מאַמע, לשון פון מיין ווי איבער ערדן און ימים,
דיינע ווערטער, רינגען אין אַ קייט, שמידן אונז אַלע אָרעמע און
גערעכטע צוזאַמען,
זענען אייזן אין דער צייט, ווען אַלטע וועלטן גייען אויס אין פלאַמען,
דיינע ווערטער, פּערל־טרערן אין אַ שנור, פאַר דעם צער, דעם
אויסגעליייזטן,
די לעצטע טרייסט אין שווערע צייטן, ווען נאָר נאָך טרערן קאָנען
טרייסטן,

פאַרשטויסענע מאַמע, אונזער מאַמע,
פון איינזאַמע יידישע דיכטער —
דער ים־ווינט שרייט פון מזרח צו מערב,
בליצן, ווי הערשן מיט פייער־געהאָרן,

דונערן ריטשן שווערע און ווילדע און יאָגן זיי נאָך,
דער שטורעם שפּרינגט פון הימל אין וואַסער אַראָפּ,
און פון וואַסער צוריק אויפן הימל אַרויף.
דער שוים־זיגזאַג פון דער וואַסער־שלאַנג,
געכאַפּט, ווי אַ פיש אויף אַ האָק,
אויף דער שטאָלערנער שרויף
פון דער שיף —
וואַרפט זיך און וויל זי ציען אַראָפּ אין דער טיפעניש.
אַליין שטיי איך איצט אויף דעם דעק,
די פיס מיט געזאַלצענע כוואַליעס פאַרגאָסן,
דאָס האַרץ — מיט בלוטיקע כוואַליעס פון לעצטער שרעק.

די שעהן גייען איבער מיר, גרויסע, געוואַלטיקע שעהן,
די דונערן האָבן שוין אויפגעהערט,
נאָר די בליצן שיסן נאָך אויף און אָפּ, ווי פייער־אַלבאַטראָסן,
נאַכט ווערט. — —

און פלוצלונג זע איך דיך גיין צו מיר,
איבער אַלע ימים, פון אַלע טיילן פון דער ערד,
דו גוטע, דו אַלטע מאַמע,
שוין הער איך אין אַלע ווינטן זינגען
אַ וויגן־ליד. —

און עס איז מיר אַזוי גוט, אַזוי גוט,
צו זינגען עס מיט דיר צוזאַמען.
— — — — — — —

דיך האָב איך געפונען מאַמע,
ווען אַלץ איז שוין געווען פאַרלוירן,
ווען אַלץ וועט גיין צום שטאַרבן,
וועסטו נאָך אין געזאַנג און אין ווי
אַ נייע וועלט געבוירן!

# וועלטפאָלק יידן

וועלט־יידן —
צוזאַמען מיט דער וועלט באַשאַפן געוואָרן,
די טרעגער פון געטלעכן נאָמען אין אַ געטלעכן ארון,
די ערשטע צעשטערער פון געצן,
אַגענטן פון געטלעכן וואָרט, שרייבער פון ערשטע געזעצן,
די קינדער פון גאָט פון נקמה —
געבוירן געוואָרן
אין טאָג פון זיין גרויסן צאָרן. —

די ערשטע סוחרים אין אוראַלטע מדבר־קאַראַוואַנען,
פּאַסאַזשירן ערשטע אויף אַלע וועלטן־באַנען,
די ערשטע אין אַלע שיפן אויף אַלע דריי אָקעאַנען.

די געטלעכע בייטש —
מיט זיי דער כעס
אויף די פעלקער אויסצולאָזן —
דאָס ווייסע, פאַרבלוטיקטע קרבן־לאַם, דער ציטערדיקער שעיר לעזאזל.

שלאָג איינעם פון זיי מיט אַ בייטש, וועלן זיי דיך אויף קניען בייגן
מיט דער בייטש פון דער וועלט־רעקלאַמע!
נאָר הונדערט טויזנט פון זיי מעגסטו רואיק אין שטיקער שניידן —
און אַלע וועלן שווייגן,
און נאָר זעלטן, און נאָר אין דער שטיל אַ קרעכץ טון: מאַמע —
הייליקע מאַמע!

זיי היטן שוין פירטויזנט יאָר דאָס יחוסדיק בלוט, זייער שטאַם,
ווי מען היט פאַר אַ ווינט אַ הייליקן פלאַם —
און לוחות אין זייערע הענט,
און דאָס הייליקע פייער ברענט,
אַלע זעכצן מיליאָנען, ווי איינער,
דעם הייליקן פייערס געטרייע וועכטער —
נאָר ווי אַ לאַנד און ווי אַ שטאָט ליגן אין פרעמדע בעטן זייערע שיינע טעכטער,
און וויינען שטילע אין די נעכט, אַז דער מאַן זאָל נישט דערהערן,
און פון די באַקן אויף די קישנס רינען הייסע שנורן טרערן.

זיי האָבן זייער שליחות געטאָן אין שטומען לייד
און אין איינזאַמקייט
און אין טרערן, וואָס אין פינסטער איבער באַקן רינען —
און ווי בשמים — געטריפט די וויטאַמינען
פון זייער בלוט אין דעם בלוט פון דער וועלט.

וועלט־יידן —
שטאַרבן אויף אַלע עשאַפאָטן מיט אַלע מינים מיתות,
קענסט זייערע ברענענדיקע אויגן זען ברענען דורך אַלע קראַטעס פון אַלע תפיסות,
אויף אַלע שטיינערנע טעמפל־טרעפ
פון אַלע וועלט־אידעאַלן
איינזאַם און וויליק פאַלן
זייערע פלאַמען־קעפ.

אין מלכות־פאַלאַצן מלכות־שרייבער זיצן,
און גריבלען זיך אין אַלטע וויקל־פערגאַמענטן,
און זייערע בלייכע, הויכע שטערנס שוויצן,
צו געפינען אין זייער מלכס בלוט אַ טראָפּן פון יידישן יחוס,
דער וועלט צו באַווייזן זיין געטלעך שליחות.

און זען קאַנסטו אַ גראָבן פּויער מיט אַן אָקסן־קאָפּ,
טרינקען ביר פון אַ גרויסן, ערדענעם טאָפּ,
און אַלע זיינע דריי געדאַנקען אַנצוּווענדן,
און קלאַפּן זיך מיט דעם קולאַק אין דעם קולאַקישן אָקסן־שאַרבן,
צו באַווייזן דער וועלט — אין איינקלאַנג מיט דעם נייעם געזעץ,
אַז זיין בלוט איז ריין פון יידישע קרעץ.

וועלט־יידן —
הענדלער מיט רויע בריליאַנטן און בריליאַנטן — קרישטאַל־געשליפן,
דו קאָנסט שמוגלען זיי זען איבער אַלע גרענעצן און אין אַלע שיפן,
צווישן די בערזעס פון קימבערלעי, אַנטווערפּען און אַמסטערדאַם,
אַרוים פון ים און אַריין אין ים — —
און זען קאָנסטו — ווי די קאָרן־קערנער אין דעם פּויערס האַנט —
רינען פון איין יידנס האַנט אין אַ צווייטער האַנט —
ווי אַ זשמעניע קאָרן — אַ זשמעניע בריליאַנט — —
אַ —
און אין אַלע שטעט און שטעטלעך שיקן מאַמעס קינדער יידישע און באָרוועסע
אויף נאַסע שטיינער פון דער נאַס
אויסצושטרעקן די דאַרע קינדערהענט —
נאָך אַ פּעני, נאָך אַ גראָשן, נאָך אַ קאָפּיקע, נאָך אַ פעניג, נאָך אַ סאַנטים אָדער נאָך אַ סענט —

וועלט־יידן —
ערשטע מעקלער פון די בערזעס מיט די שוואַרצע, ברוינע, געלע, ווייסע שקלאַפן,

וועלטן־יידן —

ערשטע געזעצגעבער פאַר אַלע שוואַרצע,ברוינע, געלע, ווייסע שקלאַפן,
וועלט־יידן —
ערשטע געהויבענע פויסט — די שקלאַפן־שאַנד פון דער וועלט אָוועקצושאַפן!

וועלט־יידן —
אַלע וועלטן־שיפן און אַלע וועלטן־באַנען פירן
אין די ערשטע קלאַסן די וועלט־פּאַסאַזשירן,
וואָס שנויפּלען מיט די לאַנגע נעזער,
און גלאָץ־גלאַנצן אין יעדער נשמה אַריין מיט נייגעריק־בליציקע אויגן־גלעזער,

עסן חזיר פּרינציפּיעל,
און מיט חזיר פעטס גלאַנצט זייער רויטע פעל,
זעקס וואָרשטלעך פעטס אויף די קאַרקעס,
און דריי אַזש אַרויף אויף די פעטע קעפּ,
צען וואָרשטלעך די פינגער פון די הענט,
און אויף יעדע פינף וואָרשטלעך פון אַזאַ האַנט,
צען פינגערלעך — איינס אין איינס בריליאַנט.
די ווייבער — פּלאַטינענע צלמימלעך אויסגעזעצט מיט בריליאַנט,
די מענער בריליאַנטענע צלמימלעך אין די מאַנשעטן־קנעפּ. —

אַ —
אַ —
וועלט־יידן קאָנסטו זען אונטער רעדער פון באַנען צעשטיקלטע ליגן,
ווייל עס האָט זיי זייער פאָטערלאַנד אויסגעשפּיגן —
צו וועמען זשע זאָלן זיי שרייען? — האָבן זיי נישט געשריגן,
נאָר זענען שטילע אַוועק צום פּלאַנט —
און אַוועקגעפאָרן — אונטער די רעדער פון דער ערשטער באַן
אין אייביקן לאַנד.

וועלט־יידן —
ליגן ווי ים־קראַנקע סקעלעטן,
אין בייכער פון שיפן אויף קופּעס קוילן, חדשים־לאַנג, ווי מען ליגט אויף בעטן,

אַליין פאַרשוואַרצט ווי אַ קופּע קוילן,
צווישן אַמעריקע, אַפריקע, אַרגענטינע, אויסטראַליע —
און דעם לאַנד פון דער אָפּגעשטויסענער ליבע — פּוילן.

וועלט־יידן —
אין אַלע אימפּעריעס, קעניגרייכן און אין רעפּובליקן אַלע —
שטילער ווי דאָס גראָז, נידעריקער ווי וואַסער — שעפּעלעך לאַיאַלע,
מעקען מען — מאַלעגיירען, קייען ווידער גראָז,
דאַרפן נישט מער ווי דאָס —

וועלט־יידן —
קאָנען נישט שלאָפן דורך נעכט, עס וואַרפט זיך זייער אינגעווייד פון דעם
גיפט פון דעם וועלטן־ליגן,
זיי חלומען אַ וועלטן־שטורעם, זעען ווי די וועלטן־כוואַליעס וויגן
דעם ים פון דער וועלטס געוויסן; און אין חלום זעען זיי אַליין זיך רייטן
אויף די ווילדע, ווייסע שוים־פערד,
אויף די כוואַליעס, אויף די טרוים־פערד —

וועלט־יידן —
רייטן איבער אַלע צייטן, איבער אַלע וועלט־ווייטן,
איינער קעגן אַלע, אַלע קעגן איינעם, אַלע צוזאַמען, אַלע אַליין,
וועלט־יידן אויף שוימפערד און טרוימפערד
וועלן זיגן — און אַליין
אין די כוואַליעס אונטערגיין.
ווייל נישט דער ציל — דאָס מיטל זענען זיי —
דאָס געמקריבטע, דאָס געהייליקטע —
דאָס בלוטיקע —
דאָס מיטל צום ציל פון דער וועלט —

# בערלינער קדיש 1934

געגרויסט און געהייליקט דיין נאָמען — גאָט,
און דער טויט — דיין העלפער — אויף דער ערד,
דערהויבן היינט און אין אייביקייט,
וואָס דו האָסט מיין תפילה אויסגעהערט.

און האָסט גענומען מיין קינד צו דיר,
מיין איינציקע טאָכטער פון צוואַנציק יאָר,
איך וועל נישט שטעלן קיין שטיין איבער איר,
אַז קיינער זאָל נישט געפינען איר שפור.

שלאָף רואיק, מיין קינד, און זאָל מיין געוויין
דאָס לעצטע וויגליד אויף דער ערד דיר זיין,
ס'וועט קיינער דאָ מער נישט געפינען דיין שפור
און דיר נישט זאָגן מער: יידישע הור.

געגרויסט און געהייליקט דיין נאָמען, גאָט,
און דיין רעכטע האַנט, דיין העלפער, דער טויט,
וואָס עס האָט נישט קיין וואַקל געטון איר האַנט,
אין איר ערשטן צער, אין איר לעצטער נויט.

וואָס זי האָט זיכער און גוט געצילט
אין איר האַרץ פול מיט צוואַנציק יונגע יאָר,
און זי וועט נישט הערן מער, קיינמאָל מער,
אַז זי איז אַ יידישע הור.

און דו, מאַמע־ערד, דו ביסט אַלעמאָל גלייך,
מעגסטו זיין דייטש, ווי אַ מאַמעס שויס
ביסטו — דו שוועסטער פון גאָטס העלפער טויט,
דו — ווארף מיין טאָכטער מער נישט אַרויס.

ווייל מיין טאָכטער וויל רוען, מאַמע, זי וויל רו —
נישט קיין קינד צו זויגן געוועזן איר באַשערט;
זי וועט זויגן איצט מיט איר בלוט דאָס גראָז
און די ביימער פון דער דייטשער ערד.

צווישן גראָזן מורמלט נאָך איר געזאַנג,
און אויף ביימער הענגט נאָך איר יוגנט־ליד,
מיט אירע צוואַנציק יידישע יאָר
איז זי אויסגעלעבט שוין און אַזוי מיד.

נאָך די ניינצן יאָר לעבן און איין יאָר נויט,
גיב רו איר איצט, מאַמע, אַן אייביק יאָר —
און אַז דו וועסט בייז זיין אַמאָל אויף איר,
זאָג איר אַלץ, נאָר זאָג איר נישט: יידישע הור —

שלאָף רואיק, קינד מיינס, איך גיי שוין אַוועק
איבער גרענעצן, איבער דער איינזאַמער ערד,
דערלעבן די יאָרן, אין בענקשאַפט נאָך דיר,
די יאָרן, וואָס זענען מיר נאָך באַשערט.

געגרויסט ביסטו, גאָט, וואָס דו האָסט געטון,
אַז מיין שטאָם זאָל מער נישט ווערן פאַרמערט,
דורך מיין טאָכטער, דער יידישער הור —
דו האָסט זי צו אַנדערע געגעבן, די ערד,

זאָל זי געהערן, צו וועמען זי געהערט,
זיי זענען זי אפשר בעסער ווערט —
געגרויסט און געהייליקט דיין נאָמען, גאָט,
און דער טויט, דיין העלפער אויף דער ערד.

# אַ יידישער דיכטער פון פוילן

גייט מיר נאָך דער טרויער פון פוילישע לאַנען,
איבער פינף קאָנטינענטן און דריי אָקעאַנען,
ווי דער ליכט־פּאַס גייט נאָך די מעטעאָרן,
גייט מיר נאָך דאָס ליכט פון די קינדער־יאָרן.

Polsko, Ojczyzno moja, dzieciństwa duszo,
Ty jesteś jak wiecznie otwarta rana,
Tym, którzy Cię wiecznie kochać muszą,
Bo tysiąclecia kajdanami z nimiś związana.

און נישט איינמאָל בלייב איך שטיין אינמיטן
ערגעץ אַ וועג אַ זון־צעגליטן,
און טויזנט פראַגן קומען און פאַרשטומען:
וווּ גייסטו, פון וואַנעט האָסטו זיך גענומען?

Nagle łzy jak krwotok buchają ze mnie:
Polsko, kocham Cię wiecznie, potajemnie;
Niech milczy, kto Miłość zamilczeć może,
My, poeci, nie możem; smutno nam, Boże.

אַזוי ווי דו קענסט פון דיין הויט נישט שפּרינגען,
אַזוי מוזסטו וויינען און הערן, ווען פּלוצלונג צעזינגען
זיך אין דיין נשמה די פּוילישע לאַנען,
און קירכן־גלאָקן פאַרנאַכטיקע קלינגען, דערמאָנען — דערמאָנען.

Polska Ty mowo, niby krew bandaże przesiąkłaś mą duszę,
Do Boga po polsku mówię, gdy wzywam Go na morzu, przez burze,
Po polsku kocham — gdzieś w Nowym-Jorku lub Singapurze,
Bo kiedykolwiek Miłość wyznaję — po polsku wyznawać muszę.

ווער בין איך, וואָס איז מיין נשמה —
האָבן זי אויף אַן אמת צוויי מאַמעס געבוירן?
קלינגען, קלינגען, קלינגען —
גלאָקן קאַטוילישע, פּוילישע, פּאַרנאַכטיקע.
אין שקיעה־ליכט — קלינגען — אין רויטן.

אָבער ווו גיי איך?
וואָס מיינען פּלוצלינג די ווערטער, וואָס קלינגען
אין מיינע אויערן:
די וועלט האָט זיבן טויערן
און אַלע זענען פאַר דיר פאַרשלאָסן —
די נאַכט האָט פּלוצלינג שוואַרץ פאַרגאָסן
דעם אונטערגאַנג, דעם רויטן —
און — ווי וועט מיין סוף זיין? אויב צווייטאָל געבוירן —
מוזן אויך קומען צוויי טויטן?

# ביי די וואַסערן פֿון דער ווייסל

ביי די וואַסערן פֿון דער ווייסל,
אונטער קרומע שינדל־דעכער,
הינטער פֿענסטער — ווינט אין לעכער פֿון די שויבן,
ביי די פּוסטע טישן — פּוסט אָן ברויט און פּוסט אָן גלויבן,
זיצן זיי מיט הענט פֿאַרלייגטע,
פֿירן אין די שיך, אין די צעווייקטע,
הערצער פֿול מיט האָפֿענונגען אויסגעדאַרטע —
און וואַרטן — וואַרטן — וואַרטן —

ביי די וואַסערן פֿון דער ווייסל,
אויף די שיינע, אויף די לעצטע, אויף די אַלטע יאָרן,
זענען בעטלער זיי געוואָרן
ביי די אייגענע זין און טעכטער,
ברידער־שוועסטערן אויף די ווייטע קאָנטינענטן.
בריוו מיט בלוט און בריוו מיט טרערן —
מיט וואָס נאָך דען קאָן מען שרייבן?
קיינער וויל זיי מער נישט גלייבן —

צו די וואַסערן פֿון דער ווייסל
זענען זיי פֿאַר טויזנט יאָרן,
מיט קינד און קייט, מיט האָב און גוטס,
ארטריבן געוואָרן, אין בוידן פֿאַרפֿאָרן,
שטע יידן, זייערע עלטער־זיידעס.

היינט — מיט טויזנט יאָרן ווייטער,
ווייזט מען זיי אַרויס די טירן —
וווּ־זשע גייען און וווּ פירן
נאָך טויזנט יאָרן אָט די טירן? — — —

פון די וואַסערן פון דער ווייסל
און פון אירע שוועסטער־טייכן
גייען אויף אין ליכט אין בלייכן
פון דער פּוילישער לבנה
שאָטנס פון אַמאָל; פון אַ גוטן, גרויסן, רייכן
לעבן, שאָטנס פון אַ גרויסער ליבע —
און די שאָטנס שווימען שטראָם־אַפּ
פּונקט ווי זיי, ווי זיי פון היינט מיט שאַנד געטריבן.

פון די וואַסערן פון דער ווייסל
איבער אַלע ערדנס־באַנען,
איבער אַלע וועלטן־ימים,
איבער אַלע גרענעץ־צוימען
זענען אין די קינדער זייערע געקומען,
זענען אין די פרעמדע וועלטן אויפגעשטאַנען
לעבעדיקע, די קליינשטעטלדיקע טרוימען,
און די ווייטע וועלטן איינגענומען.
איצטער זענען זיי אַליין — נאָך טויזנט יאָרן —
נאָך נישט אויפגענומען און נאָך נישט אַרויסגעטריבן,
און פון גרויסן טרוים? חורבות —
אַ טרוים אַפילו נישט אויף אַ טרוים פאַרבליבן — — —

ביי די וואַסערן פון דער ווייסל
וואַקסן יידישע בית־עולמס
איבער מאַרקן, איבער שטיבער,
איבער שטעט און שטעטלעך אַריבער —

און דער טויט — — דורך פענסטער־לעכער
שטעקט ער זיינע ווייסע ביינער־פינגער;
וואָס ער וויל — דאָס קאָן ער קריגן,
אַלטע פון די טויטן־בעטן, קינדער פון די וויגן — — —

# רעדים, מיין שטעטעלע

אין רעדים, מיין שטעטעלע, ווייט, ווייט פון דאנען,
שמעלצט שוין דער שניי פון די נידעריקע דעכער,
צען טויזנט מייל שיפן, צוויי טויזנט מייל באנען —
און אין מיר איז געוויין — געוויין.

דער ווינט פייפט אין קוימענס, די שטיבלעך, זיי טוקן
זיך טיף אין דער בלאָטע, און ס'שארפט שוין די ציינער
דער וואָלף — דער וואָלף — ווי א לאם זיי פארצוקן —
און אין מיר זענען טרערן — טרערן —

און ס'זענען אליין מיטן טויט דאָרט פארבליבן
מיינע טאטע־מאמע אין די פוסטע שטובן.
כ'האָב א בריוו צו זיי היינט מיט טרערן געשריבן,
און אין מיר איז געוויין — געוויין —

ס'איז דער בושעל שוין דאָרט נעקומען צופליען
פון די ווארעמע לענדער, ווי זינט טויזנט יאָרן,
און מחנות שוועלבעלעך אויפן הימל ציען —
און אין מיר זענען טרערן — טרערן —

און ס'פלאַטערן אין מערץ־ווינט מיינע פעטערס פאות,
זייערע שטיוול שטעקן אין דער טיפער בלאָטע,
אין די ליידיקע שפייכלערס פייפן די מייז —
און אין מיר איז געוויין — געוויין —

אויפֿן מאַרק זענען פּויערן געקומען צופֿאָרן,
מיט די דריי קאַרטאָפֿליעס און די דריי פֿונט האָבער,
פּונקט ווי אַלעמאָל, ווי זינט הונדערט יאָרן —
און אין מיר זענען טרערן — טרערן —

האָבן יידן געטאַפּט די מאָגערע זעקלעך,
און דריימאָל געציילט די זיבן גראָשן,
און אַהיימגעגאַנגען מיט די טשאַפּלין־שטעקלעך —
און אין מיר איז געוויין — געוויין —

און אויפֿן בית־עולם גרינען שוין די קברים,
און אין שטעטל וועלן באַלד די מתים זיצן
אין תּכריכים בײַ די פֿינסטערע סדרים —
און אין מיר זענען טרערן — טרערן —

חלומען די קינדער פֿון שיפֿן און פֿון באַנען,
און די אַלטע חלומט זיך שיינע לוויות —
וווּהין, וווּהין? אַוועק פֿון דאַנען!
און אין מיר איז געוויין, געוויין!

ווער איבער דער ערד — און ווער אַרונטער,
דערווײַל זינקט מײַן שטעטעלע טיפֿער און טיפֿער,
ווי אַ שיף אין דעם ים, אין דעם ווײַ פֿון מײַן האַרצן,
מיט אַ ווילדן, לעצטן געשריי גייט עס אונטער,
און אויפֿגיין גייט אין מײַן האַרצן
געוויין, געוויין.

# אויף קבר־אבות — איבער דער וועלט

איז עס אַ וועלט, אַ גרויסע וועלט,
און פעלקער זענען אַ סך אויף דער וועלט,
איז איין פאָלק דאָ צווישן פעלקער אַ סך,
רופט מען עס דאָס פאָלק פון געלט.

און ווייל מען רופט עס דאָס פאָלק פון געלט,
איז געלט פאַר אים די איינציקע טרייסט,
האָט עס אַריינגעטון זיך אין געלט,
אין געלט און אין גאָלד — אין גאָט און אין גייסט.

און מען יאָגט עס איבער דער וועלט אַרום,
פאַר געלט און פאַר גאָלד, פאַר גייסט און פאַר גאָט,
איז ווי דאָס געלט פאַרשפּרייט איבער דער וועלט,
איז דאָס פאָלק פאַרשפּרייט איבער לאַנד און שטאָט.

און אין יעדער לאַנד און אין יעדער שטאָט
פּייניקט מען עס אויף אַן אַנדערן מין.
פרעגט עס ביי גאָט און ביי גייסט — און עס בלייבט
ביים פרעגן וועגן דעם גאַנצן זין.

ווייל שווייגן שווייגט גאָט און שטום בלייבט גייסט —
נאָר — דער טויט קומט שטענדיק אין דער רעכטער שעה. —
זענען איבער דער וועלט, וווּ אַ לאַנד, וווּ אַ שטאָט,
וווּ אַ דאָרף — בית־עולמס יידישע דאָ.

און איך בין אַ ייִדישער זינגער, בין איך,
גיי איך אויף קבר־אבֿות אַרום,
פֿון לאַנד צו לאַנד און פֿון שטאָט צו שטאָט,
זינגען צו מיר די בית־עולמס — שטום.

און איך זע די שטיינער און איך לעז אויף זיי,
אַמאָל נעמען בלויז, אַמאָל שטומע קלאָג,
און איך זע שוין קומען דאָס לעצטע יאָר
און טאָגן דעם לעצטן טאָג.

און איך זע ווי די וועלט ווערט אַ מבול־טײַך,
און איך זע ווי די קבֿרים מאַכן זיך אויף,
און איך זע — ווי די שטיינער פֿון סמבטיון־טײַך
פֿליען די מצבֿות אַרויף —

צו דעם הימל, צו דעם פֿענסטער פֿון גאָט,
מיט דער גרויסער טאַפֿלע פֿון בלויען גלאָז —
ווײַל קומען מוז אַמאָל דער טאָג,
ווען איבערשווימען וועט די מאָס
און פֿאַלן אַראָפּ די גערעכטע וואָג!

נאָר דערווײַל — דערווײַל זענען די בית־עולמס
פֿאַר אונדז די איינציקע ייִדישע טרייסט,
אין זייער ערד איז דאָס רעטעניש,
דאָס אומלעזבאַרע אויפֿגעלייזט.

און אונטער שניי איז אין זיי דער ווײ,
דער ווילדער ווײ געשטילט,
און מומיע־רואיק רוט, וואָס ערשט נעכטן
ווי אַן אָקס אין בלוט איז געפֿגרט ווילד.

און אַ פֿרעגצייכן פֿון אַ זיבעציק יאָר
מיט אַ פֿראָסטן שטיין איז פֿאַרענטפֿערט פֿעסט,

און נישט איינער פון מיינע זינגער־ברידער
איז דאָ — ביי גאָט אויף אייביקע קעסט.

פון קעיפּטאון און פון וועלינגטאָן,
ניו־יאָרק און האָנג־קאָנג און ווישעגראַד —
כ׳בין אַ יידישער זינגער, גיי איך ארום
אויף קבר־אבות פון שטאָט צו שטאָט.

פאַראַנען אַ וועלט, אַ גרויסע וועלט,
און אין איר אַ צווייטע — אַ יידישע וועלט,
און אין דער צווייטער — אַ דריטע וועלט,
אין דער ערד אויף דעם יידישן פעלד.

און פעלט מיר אויס אין די טעג מיינע — טרייסט,
און אין נעכט מיינע פעלט מיר — גאָט,
פאָר איך אויף קבר אבות, פאָר איך
פון לאַנד צו לאַנד און פון שטאָט צו שטאָט.

ביז ערגעץ, אין איינער פון די טויזנט שטעט,
וועט גאָט אַ זאָג טון: אָ דאָרט — גיב אַ קוק —
וועל איך פרעגן ערשטווינט. דאָס צוגעזאָגט לאַנד?
וועט ער זאָגן: יאָ — און וועט זאָגן: גענוג!

וועל אנידערלייגן אויך איך דעם קאָפּ,
ווי אַלע, אונטער אַ שטיין,
און אמאָל, אמאָל וועט אויך צו מיין שטיין
אַ יידישער זינגער קומען צו גיין.

און אַלע די פראַגן אָן אַן ענטפער גאָר,
און אַלע געדאַנקען, צו אַ סוף נישט דערקלערט,
וועלן זיין פאַרענטפערט, ווי דער הימל קלאָר,
אונטער אַ הויפעלע ערד.

פֿאַראַנען אַ גרויסע וועלט אויף דער וועלט,
און אין איר אַ צווייטע, יידישע וועלט,
אַ וועלט פֿון גאָלד און פֿון גייסט און פֿון גאָט,
בין איך אַ זינגער — פֿון דעם פֿאָלק פֿון — — געלט.

און אין לעבעדיקער יידישער וועלט,
איז אַ דריטע וועלט דאָ, אַ דריטע — איז דאָס
די וועלט פֿון קברים, די וועלט פֿון בית־עולמס,
האָב איך זי ליב, און איך ווייס פֿאַרוואָס.

אין די טעג אָן טרייסט זע איך אין איר אַ טרייסט,
און אין נעכט אָן גאָט קומט פֿון דאָרט צו מיר גאָט, — —
דאָרט וועט ער מיך ברענגען צו רו, צו רו —
אַלץ איינס: אין ניו־יאָרק, צי אין ווישעגראָד.

# X

# אין־פיר־ווענטישע

# אַ ליד פון די, וואָס די וועלט איז נישט זייער

ז'איז נישט אונזער די וועלט און ס'איז בעסער אַזוי,
און דאָס בעסטע, וואָס זיכער, ווי זונען־שיין,
אַז זי וועט שוין קיינמאָל אונזער נישט זיין.

ז'איז נישט אונזער די וועלט און ס'איז בעסער אַזוי,
אויב זי איז אַזאַ וועלט, אַז רעגירנדיק
זי — איז אין איין האַנט אַ האַק, אין דער צווייטער — אַ שטריק.

ז'איז נישט אונזער די וועלט — דאָך קאָן קיינער נישט —
אַרויסנעמען זי פון אונזער בליק,
נישט דאָס בלוי פון דעם הימל, נישט די ווייסע וואָלקנס, ווינטיק יאָגנדיק.

ז'איז נישט אונזער די וועלט — אָבער אונזער דאָס האַרץ
און דאָס גליק פון דער ליבע אין האַרצן איז טיף.
נישט אונזער די וועלט, הלוואי אויף אייביק און דעפיניטיוו.

ז'איז נישט אונזער די וועלט — און דאָך אונזער די וועלט
פון טרוים — — וועז אויף אונזערע פויסטן ליגן אונזערע קעפּ.
בעסער אַזוי! ווייל אייערע, הערשער, ליגן אין טויטשרעק אויף —
גילאָטינעטרעפּ.

ז'איז נישט אונזער די וועלט, נאָר אונזער די רו נאָך דעם אָרעמען מאָל,
און די הענט אויפן טיש, און זיי ליגן רואיק און רוען גוט — —
אַנו פּרוּווט עס אויך — אויף דעם טישטוך וועלן בלייבן פלעקן פון
בלוט.

ז׳איז נישט אונזער די וועלט, וואָס דאַרף מען אַ וועלט,
אַז מען האָט גענוג ווען מען האָט אַ טרייסט
מיטן טויט צו ווערן אויסגעלייזט.

ז׳איז נישט אונזער די וועלט, און נישט יעדן טאָג
איז דאָ ווייסע מילך צום שוואַרצן ברויט,
אָבער יעדן טאָג איז דאָ האָפענונג אויף טויט.

ז׳איז נישט אונזער די וועלט — זאָל זשע זי אַ גוט יאָר —
אַבי לאָזט אונז שטיין און זיך צוהערן שטאַרק,
וואָס עס פּרעדיקט דער האַר, וואָס שטייט אויפן באַרג.

ז׳איז נישט אונזער די וועלט — נאָר וואָס דען? יענע וועלט —
פאַרוואָס? — ווייל מיר זענען אָרעם אין גייסט —
דאָס איז אויך עפּעס ווערט און ס׳איז מער ווי אַ טרייסט.

ז׳איז נישט אונזער די וועלט —
איז געליבטע דו, אייביקע פרוי,
דער פרילינג איז גרין, די וואָלקן ווייס,
און דער הימל און דאָס וואַסער איז בלוי —
ז׳איז טאַקע נישט אונזער דידאָזיקע וועלט,
איז עפן־זשע דיינע אָרעמס ברייט
און שלים אונז אין דיר,
דו ביסט מער ווי די וועלט,
דו ביסט גאָט, דו ביסט אייביקייט —

דו ביסט אונזער —
ווייל אונזער איז די ליבע.

# דער פּלאַנעט און די בלום

אָ, ער איז אַזוי גרויס און שיין דער פּלאַנעט,
און די פינף קאָנטינענטן אַרום אים אַרום,
נאָר גרעסער און טיפער ווי די וועלט איז אָפט
א פינף־בלעטלעך־פרילינגס־בלום —

און ווייט איז דער ים ביים עקוואַטאָר און בלוי —
און אין צפון ווילד־שוים און שטאָליק־גרוי —
נאָר טיפער, ווי די ימים איז פאַרטאָג אַמאָל
א הענגענדיקער טראָפּן טוי.

און גרויס איז דער גייסט פון די וועלטן־פעלקער,
אין נביאס פייער־וואָרט אויסגעדריקט,
נאָר טיפער אַן איינזאַמער קרעכץ ביי א פלויט
צווישן פארהאַקטע ציין דערשטיקט.

# נאַכט-געשפּרעך מיט זיך און מיט גאָט

ווי אַ דערטרונקענעם פון אַ טייך אַמאָל
גיט עס אַ ריס צו דער אויבערפלאַך,
אַזוי ווער איך אָפט פלוצלונג אינמיטן דער נאַכט
מיט ברייט־צעעפנטע אויגן וואַך.

און ווי דעם דערטרונקענעם איבערן טייך,
טראָגט עס מיך איבער דער נאַכט אַוועק,
ווי איבערן אָפּגרונט פון שוואַרצן טייך,
איבער דעם אָפּגרונט פון שרעק.

וווּ בין איך, וווּ, און די קופּע פלייש,
וואָס ליגט אויף דעם בעט, וואָס איז זי שייך
צו מיר? — וואָס שווימט זי, און וווּ, אין דער נאַכט אַצינד,
ווי יענער דערטרונקענער אויף דעם טייך?

ווער בין איך? ווער די פרוי? ווער דער אַלטער מאַן,
וואָס ווילן מײַנע טאַטע־מאַמע זײַן?
אַז אַפילו איך און מײַן לײַב זענען צוויי?
מײַן לײַב אַליין און איך אַליין?

ווער זענ׳ ווידער זיי, וואָס זיי רופן זיך
מײַן טאָכטער און מײַן זון?
אָט שווימט זייער פאָטער ווי אַ מת אויף אַ טייך —
צי ווייסן זיי דערפון?

און ווער זענען די, וואָס זיי נעמען זיך רעכט
צו שיקן מענטשן פון לעבן אין טויט?
און טראַכטן זיי קיינמאָל נישט, וואָס איז טויט —
אָט ווי איך צוויי שעה פאַר מאָרגן־רויט?

און די קופּע פליִיש, וואָס רופט זיך: איך —
שטייט אויף פון בעט און זעצט זיך צום טיש,
און שפּאַרט אָן דעם קאָפּ אָן ביידע הענט,
און גלאָצט אַריין אין דער פינסטערניש.

און איבער די באַקן פון דער קופּע פליִיש
ציט זיך אַ נאַסע, זאַלציקע שנור —

וואָס רודערט די טיר — ווער קלאַפּט עס מיט איר?
ווער איז אין דער נאַכט אַריין צו מיר?

עמעץ זעצט זיך אַריין אין דער מיטן־נאַכט,
אין דעם ווייסן פלעק, וווּ עס שטייט דאָס בעט.
פון וואַנעט קומט דייטלעך אַ שטימע צו מיר?
ווער רעדט?

ווער ביסטו פרעמדער? און קאָנסטו נישט
מיר זאָגן כאָטש, וואָס עס האָט
אין מיטן דער נאַכט אין מיין שטוב דיך געבראַכט?
זאָגט דער ווייסער פלעק: איך בין גאָט. —

און אין טיפער שרעק האָב איך באַלד מיין קאָפּ
אויף די געטלעכע קני אַנידערגעלייגט.

— זאָג מיר, גאָט, ווער ביסטו, ווער בין איך, ווער זענען מיר אַלע?

און ס'איז שוואַרץ אַרום מיר דער טײַך פֿון דער נאַכט — און גאָט
שווייגט.

די ערשטע שטראַלן פֿון זון איבער וועגט
שטייגן,
און פֿאַרבײַ איז נאַכט און שרעק און גאָט
און שווייגן.

# דער מאַן פון דרייסיק יאָר

1.

דו ביסט מיין גאַנצע, גאַנצע וועלט,
פון דעם ברויט, וואָס איך עס
קומט מיר אַנטקעגן דער ריח פון דיין לייב,
דו מיין לעצטע זעט, דו מיין ערשט ווייב.

פון דעם וואַסער, וואָס איך טרינק
רוישן זיס אַנטקעגן כוואַליעס פון דיין בלוט,
און סודען ווי דו: אַז דו — דו —
געליבטער טרינקסט מיך — איז גוט.

און אין אַלע ווערטער, וואָס איך הער,
רעדסטו צו מיר און קיינער נישט מער,
און אויב איך טו אַלץ, וואָס מען וויל פון מיר —
איז עס נאָר, ווייל איך טו עס פאַר דיר,
מיין וועלט.

2.

— דו, מוטער פון אַ קינד פון אַ פרעמדן מאַן.
— דו, פאָטער פון אַ קינד פון אַ פרעמדער פרוי.
— אין דעם איז אַ טיפער סוד.
— מיט דעם איז געשען דער ווילן פון גאָט.
— און אויב ס'איז שוין געטון די גרויסע שולדיקייט —

— זענען מיר פריי צו ריינער פרייד —
— דו, מוטער פון א קינד פון א פרעמדן מאַן.
— אין דעם איז אַ טיפער סוד פאַראַן.
— דו, פאָטער פון א קינד פון א פרעמדער פרוי.
— ווי וואונדערלעך, וואָס דאָס איז אזוי. —

3.

דו בײַ דײַן מאַן בײַנאַכט — און איך בײַ מײַן ווײַב,
ווי מיט נעגל צום קרייץ איז געקרייציקט אונזער לײַב
צו פרעמדע מזלות, פרעמד לעבן און טויט.
עס זשאַווערט דאָס אייזן פון נעגל אין בלוט, און ס'האַלץ פאַרבט זיך רויט.

און ווי דער געקרייציקטער מיט לעצטער מאַכט,
רופסטו מיך, רוף איך דיך, ווי גאָט אין דער נאַכט.
און ערגעץ אינמיטן דער נאַכט, אין פעלד, אָדער טונקעלן ים —
ווערט איינס אונזער רוף, ווי איינס ווערט פלאַם.

4.

אינמיטן פון לעבן, אינמיטן פון וועלט,
האָב איך אַמאָל מיך אָפּגעשטעלט,
ס'איז געשטאַנען א פרוי בײַ דער זייט נעבן מיר —
דו! — און געזאָגט: איך גיי מיט דיר.

און אויב דו ווילסט גיין מיט מיר, ווײַל דו
מיינסט, אַז מײַן לעבן גייט דורך רו,
מוז איך וואָרענען דיך און זאָגן דיר פריר — —
האָסטו געענטפערט: איך גיי מיט דיר!

— נישט נאָר מײַן וועג איז נישט רו — זאָג איך שטיל —
נאָר די רו איז אויך נישט זײַן לעצטער ציל — —
האָסטו מיר מיט ליבע אָן א שיער
געקוקט אין די אויגן — און אַוועק מיט מיר.

.5

עס קומען ווערטער פון ליבע
און לייגן זיך אנידער,
און טוליען זיך אין דיין שויס,
ווי ווערטער פון א ווידוי:
דו מיינע — מיינע — מיינע. —

און ווי ווערטער פון א ווידוי
וועלן זיך קיינמאל נישט בייטן,
אזוי וועל איך אזעלכע ווערטער
נישט זאגן מער א צווייטער:
דו מיינע — מיינע — מיינע. — —

.6

די גאנצע וועלט איז פול מיט שטובן,
נאר פאר אונז איז קיין שטוב נישטא,
די גאנצע וועלט איז פול מיט שעהן,
נאר פאר אונז איז נישטא קיין שעה.
די גאנצע וועלט איז פול מיט שפיאנען,
און אומעטום גייט אונז נאך א שפיאן.
די גאנצע וועלט איז פול מיט זינדן,
נאר אונז קוקט מען ווי זינדיקע אן —
דו מיין הייליקע פרוי,
פארוואס איז עס אזוי?

.7

דו מייסטערין פון הארץ,
דו הארין פון ווערטער,
דו קענערין פון לייד און פרייד,
היילערין — הייל מיין לייד.
גוטע דו — גיב מיר פרייד.

ווי די דיכטערס לעבן פארשטייסט,
קיינער מער פארשטייט,
און קיין פרוי וועט קיינמאָל פון מיר נישט וויסן,
וואָס דו ווייסט.
הייליקע היילערין — הייל מיין ליד,
בעסטע פון גוטע — גיב מיר פרייד.

.8
אזוי ווי דער האר מיט דעם זינדיקן ווייב,
פון גאנץ ירושלים פארדאמט,
האָסטו לאנג געשוויגן אין גאָרטן מיט מיר,
און ענדלעך פארשעמט מיט א שירם נעשריבן אין זאמד:
פארוואָס האָסטו מיך ליב?

און אזוי ווי דער האר בײַ דער זינדיקער פרוי,
האָב איך לאנג געהאלטן דעם קאָפּ צו דער ערד,
און ענדלעך צו דיר זיך אומגעקערט
און געענטפערט אזוי:

ווײַל דו ביסט ווי א מאמע —
ווײַל ווען אלע האָבן זיך אָפּגעקערט
פון מיר — פאר די גרויסע און קליינע זינד,
ביסטו — ווי א מאמע בלײַבט בײַ א קינד —
געבליבן בײַ מיר.
און אפילו, ווען איך אליין
האָב א שטיין גענומען און אליין געוואָלט
אים ווארפן אין מיין געוויסן אריין,
ביסטו אויפגעשטאנען
צווישן מיר און מיין אייגן געוויסן,
און דעם שטיין פון מיין האנט געריסן,
און די האנט, נאָך קאלט פון דריקן דעם שטיין,
צו דיין ווארעם הארץ געדריקט
לאנג און שווייגנדיק.

9.

דריי טויזנט שווארצע רייטער, דריי טויזנט טונקלע קנעכט,
אַן אַרמיי פֿון נעכט,
געריטן איז אין שאַרפֿן ווינט
צו דיר — זינט
די יאָרן, וואָס כ'האָב דיך ליב.
דריי טויזנט רייטער האָבן געטראָגן אין די פֿאַרקלעמטע ציין
איין
איינציק וואָרט פֿון ליבע צו דיר.
און איצט בין איך געקומען אַליין
דער קנעכט פֿון די קנעכט פֿון די דריי טויזנט נעכט.
און פֿון אונטער דעם שטומען פּנימס וויזיר
פֿרעגן בלויז די אויגן ביי דיר:
וווּ גייסטו? — וווּ גיי איך? — וווּ גייען מיר? —

10.

איך שענק דיר נישט קיין מתּנות,
כ'האָב ווייב און קינד אין דער היים.
איך האָב נאָר אַ שנור פֿון קרעלן,
ווי מיין האַרצנס וויי און ווונדן,
אַרום דיין האַלז געבונדן.

איך שענק דיר נישט קיין מתּנות,
כ'האָב ווייב און קינד אין דער היים.
כ'האָב נאָר זיבן אָרעם־בענד',
פֿראָסט און שווער — זיבן יאָרן פֿון לעבן —
אָנגעטון אויף דיינע הענט.

און פֿון אומענדלעכע פֿעדים — געדאַנקען פֿון טעג און נעכט,
איז דער פֿילפֿאַרביקער דיוואַן, איז אָט דאָס געפֿלעכט,
וואָס עס האָט אונטער דיינע טריט מיין האַנט
אין ליבע אויסגעשפּאַנט.

איך שענק דיר נישט קיין מתנות,
און ס'איז נישט קיין גאָלד אָט דער רינג,
וואָס איך לייג אויף דיין פינגער ארויף אצינד.
ס'איז אַ וואָרט פון ליבע — און אזא מין וואָרט,
אַז מיין לעבן און מיין טויט
הענגט אויף זיין איינציקן ווינק.

.11
איך ווייס אַליין נישט פאַרוואָס און מיט וועלכן נס,
נאָר אָט בין איך דאָ אין דער מאָרגן־שעה.
איך האָב קומען געמוזט, זיי נישט בייז און לאָמיר
בלייבן, ווי מיר זענען, אין קיך אָט אָ דאָ.

נאָר זיי אזוי גוט, לאָז אים לעבן נאָך אַ שעה,
דעם שווימער אין דער שיסל, דעם פריילעכן פיש,
וועט פאַרשפּעטיקן אמאָל דאָס מיטאָג פאַר דעם מאַן,
וואָס געטריי טיילט מיט דיר דאָס בעט און דעם טיש.

לאָז מיך שטיין דאָ אַ רגע און שווייגן און באַטראַכטן
דיך שטיל, דו מיין גרויסע, גייסטיקע פרוי.
(און פּלוצלונג, אומגעבעטן, ווי איך אַליין, קומט אַ פראַגע)
גרויבע פרוי, ווי איז דאָס אַלץ מעגלעך אזוי?

ליגט אַ מעסער אויפן טיש, שאַרף און גרויס און בלאַנק,
און נעבן מעסער אַ רוי שטיק פלייש,
און שאַרף ווי דאָס מעסער, קומט שאַרפער געדאַנק,
אַז אזוי איז די ווונד צווישן מיר און דיר.

און פּלוצלונג האָסטו דאָס קיכמעסער מיר
געדריקט אין דער האַנט און דאָס האַרץ אַנטבלויזט:
— און דאָך איז מיין ליבע אזוי שיין און גרויס
צו דיר — צי דו לאַכסט פון מיר — אָדער גלויבסט. —

און אויב גלויבסט עס נישט, איז דאָס האַרץ אַנטבלויזט,
שנייד עס אויף און זע! דו פאַרטרויסט
דאָך דעם אייגענעם אויג? אַזוי איז מיין ליבע, אַזוי אירע ווערטער
רוי —

און איך האָב געפּליסטערט:
דו מיין גרויסע, גייסטיקע פרוי —

12.
אַזוי איז די ליבע, די העכסטע,
וואָס צאַרט איז אַזוי ווי טוי.
און די נידעריקסטע ליבע, וואָס איז נישט
מער ליבע — איז אויך אַזוי.

אַזוי איז די הימלישסטע ליבע,
אַזוי די פון דעם גאַסן־ראָג;
זי איז גרייט אין דער ערשטער רגע,
אין דער ערשטער שעה, אין דעם ערשטן טאָג.

זיי זענען ביידע שוועסטערן,
און ביידע הייליק און גרויס,
זיי געבן ביידע אינגאַנצן
זייער לעבן פאַר דער ליבע אויס.

אָ, ווי דאַנק איך דיר, גרויסע פרוי,
פאַר דעם גרויסן סוד און דער פרייד,
אַז דו ביסט פון דער ערשטער רגע
פון זען מיך — — געווען גרייט.

ראָס זענען די רגעס, וואָס די קרוין
פון הימל איז מיט זיי באַצירט.
איך דאַנק דיר פאַר דעם גרויסן ווילן —
כאָטש דו האָסט אים נישט אויסגעפירט.

.13

א שאָטן איז געפאַלן צווישן אונז.
א שאָטן פון א דריטן,
און אָפּגעפאַלן זענען אויף אמאָל
פון דעם זומער פון אונזער ליבע
אַלע ווייסע בלימן.

כ׳האָב מיך שלאָפן געלייגט און נישט געשלאָפן,
און ווי א מוטער ביי א קינד, א קראַנקן,
האָט טרויער געזעצט זיך ביי מיין בעט,
און מיט טויזנט געדאַנקען
און טויזנט פראַגן מיר ס׳לעבן דערגאַנגען.

און מיט דעם טויזנט ערשטן געדאַנק אין מיין האַרץ
בין איך צו דיר אינדערפרי געקומען:
— לאָז מיך גיין צוריק אין דער איינזאַמקייט,
פון וועלכער דו האָסט מיך צו דיר גענומען.

האָסט דיין בליק געוואָרפן צו מיינע פיס,
און — א שולדיקע — מיך איבערגעבעטן.
און איך האָב מיין בליק אויך אראָפּגעלאָזט,
און עס איז דער שאָטן פון דריטן
מער נישט אויף דער ערד געווען.
נאָר פאַרוועלקט און צעטרעטן —
זענען שוין געווען די ווייסע בלימן.

.14

כ׳האָב נישט ליב געהאַט דיך, כ׳האָב אין דיר געגלויבט,
ווי מען גלויבט אין גאָט, ווי מען גלויבט דער מאַמען, וואָס האָט געבוירן,
ווי מען גלויבט אין טויט.

כ'האָב געגלויבט אין דיר, ווי מען גלויבט אין ערד,
אויף וועלכער מען בויט —
איצט ביסטו אוועק און געבליבן איז —
די ערד און דער טויט.

דו ביסט געווען דער גרויסער אמת
פון מיין לעבן,
און כ'האָב דיר דערפאַר דעם גרעסטן אמת
פון מיין זיין געגעבן:
דעם זומער פון מיין לעבן.

און דו ביסט געווען דער גרעסטער ליגן
פון מיין לעבן,
האָסט מיט פּראָסטע דריי ווערטער צוריקגענומען,
וואָס דו האָסט מיט טויזנט־פאַכן געזאַנג
פון דיין לעבנס־פרילינג — געגעבן, געגעבן.

דו ביסט דער גרעסטער ליגן,
וואָס איך וועל ווענס הערן, וואָס איך האָב געהערט.

זאָל דיר דערפאַר אמאָל גרינג זיין דער הימל,
און מיר זאָל גרינג זיין די ערד.

# מײַן טאָכטער פֿון זעכצן יאָר

זי איז אַ פֿאַרפּלאָמטע אַהײמגעקומען,
זיך שלאָפֿן געלײגט מיט איר צער, מיט איר שטומען,
דאָס קינד פֿון מײַן ליבע, װאָס איז נישט מער קינד,
מײַן טאָכטער פֿון זעכצן יאָר.

כ׳האָב דעם לאָמפּ פֿאַרלאָשן און די טיר פֿאַרשלאָסן,
און הײסע טרערן זענען געפֿלאָסן
בײַ מײַן קינד פֿון ליבע, װאָס איז נישט מער קינד,
דורך די שלאַנקע הענט און די בלאָנדע האָר.

אין דער פֿינסטער בין איך זיצן געבליבן,
כ׳האָב אין דער פֿינסטער אַ ליד געשריבן
צו מײַן קינד פֿון ליבע, װאָס איז נישט מער קינד,
אַ ליד פֿון אײנעם, װאָס דאַרף שױן אַװעק.

דו קינד פֿון מײַן ליבע, דו טאָג, װאָס װעט קומען,
דו, װאָס דו האָסט פֿון מײַן האַרצן גענומען
דאָס פֿײַער פֿון יוגנט, װאָס ביסט נישט מער קינד,
און געלאָזן דאָרט שטילקײט, פֿינסטער, שרעק.

דאָ אַ יאָר, דאָרטן צװײ, זאָג, קינד מײַנס, װער האָט דען
אַזױ גיך דײַן פֿאָטערס יאָרן צעשאָטן,
קינד פֿון ערשטער ליבע, װאָס ביסט נישט מער קינד,
װאָס איך קאָן נישט פֿאַרשטײן מער דײַן יונגן געװײן?

פאַראַנען, קינד מײַנס, אַ הײם פֿון הײמען,
דאָרט גײען מיר אַלע זיך אויסצווויינען
צום לעצטן מאָל, דו, וואָס ביסט נישט מער קינד,
נאָר דו קאָנסט עס נאָך נישט פֿאַרשטײן.

און ס'איז מײַן טאָכטער שטיל אײַנגעשלאָפֿן,
די האָר צעפּלאָסן און די הענט ווידער אָפֿן,
און זיפֿצט אין שלאָף, וואָס איז נישט מער קינד,
זי שלאָפֿט — און איך קאָן שוין גײן.

גײן אין מײַן נאַכט, גײן אונטער די גראָזן,
און אונטער די בײמער, און דיך, קינד, דאָ לאָזן,
די בלום פֿון מײַן ליבע, וואָס ביסט נישט מער קינד,
אַלײן אויף דער וועלט, אַלײן.

## דער מאַן פון פערציק יאָר

זי:
דיין לייב איז צייטיק, וואַרעם און ברוין, ווי ברויט,
דיין בלוט איז טונקל און שווער, ווי ווײַן,
און איך בין הונגעריק און דורשטיק און אַליין,
זעטיק מיך און טרינק מיך אָן, געליבטער, אין מיין שפּעטן זומער.

ער:
דאָ בין איך, געליבטע, נעם מיך און גיב דיך צו מיר,
הייליק און גאַנץ, ווי די מאַמע ערד.
נישט קושן וויל איך דיין לייב — אַקערן עס
אין טויטמווייי פון לעצטער ליבע.

זי:
נאָקעט, האַרץ צו האַרץ — געליבטער, די אָדערן שלאָגן ווי קוואַלן,
די רגעם פון גליק פליען און פאַלן,
האַרץ צו האַרץ, ווי מאַמעס מויל צום קינד, רעדט פון ליבע און פון טויט.
נאָקעט — אָן העמד, בלוט צו בלוט — אָן הויט.
זעטיק דיך אין מיר,
מיינע שלאַנקע פיס ליגן פאַר דיר, ווי אַן אויפגעשניטן ברויט.

ער:
דיינע ליפּן, געליבטע, פאַלן צו צו מיר,
ווי ברכות שטילע, צו שטאַרבן אויף האַרבסטיקער ערד פון מיין לייב,

בלוט־רויט צום לעצטן מאָל,
ווי די בלעטער פון וויין אין האַרבסט.

זי:
מיינע קושן, געליבטער, נישט קיין בלעטער אין האַרבסט,
זע — זיי פאַלן טיף אין דיין לייב,
מעטעאָרן אין ערד — ביז טיף אין דיין האַרץ,
פונקט ווי די שטערן,
באַגראָבן צו ווערן
אין דער טיף פון דיין האַרץ.
דאָרט — ווו די הייסע ברונעמן פון דיין לעבנס בלוט און מילך,
פון דיין לעבנס ליבע רינען.
נאָר איך, איך אַליין וועל זיי אפילו דאָרט נאָך צוריקגעפינען.
אַזוי גוט איז צו טראַכטן פון דיין בלוט, געליבטער.

ער:
גיב מיר אויף דיינע הענט, גיב אויף דיין פנים אַן אָרט,
קיינמאָל נאָך פון מענער־ליפּן נישט געקושט,
פון דאָרט, פון דאָרט
וועלן מיינע איינזאַמע דיכטער־ליפּן
רעדן צו דיר פון אונזער ליבע,
וואָס איז אייביק און מיט טויט געמישט.

זי:
אומעטום דאָרט, ווו דיינע קושן, געליבטער,
ווו דיינע ליפּן רירן אָן מיין לייב,
ווערט הייליק דאָס אָרט,
ווייל דיינע ליפּן ברענען ווי דער סנה,
אפילו דאָרט, ווו זיבן מענער האָבן שוין געקושט.
ווייל אומעטום אויף מיין לייב ביסטו דער ערשטער מאַן.
דער סנה פון דיינע ליפּן ברענט מיט הייליקער ליבע,
איך הער אַ שטים — און איך האָב זי דערקענט:

גיי און טו אויס די שיך, גיי און טו אויס דאָס האַרץ.
הויב מיך נישט אויף פון דער ערד, געליבטער,
שטיי איבער מיר,
לאָז זיי, לאָז מיינע בריסט,
ווי הערבסט־בלומען בליען,
מיט ליבע גליען
ביי דיינע קניען.

ער:
דיינע ליפּן, געליבטע, צווייגן פייער אין בראַנד פון אַ וואַלד,
פליען, צינדן מיך אָן אינגאַנצן,
פליען, ווי פייער־אָדלערן,
הימל־הויך אויף.

זי:
קוש —
דיינע ליפּן, געליבטער, ווי שריט, גייען העכער, האַרץ־אַרויף,
מיין בלוט ווערט שטיל, עס שטאַרבט, איך הער
שריט פון נשמות אין דער
טיפסטער טיף פון מיין נישט־דערגאַנגענעם מוטער־וויי,
ערשטע שריטעלעך פון נישט געבוירענע קינדער.

ער:
געליבטע — און ווייסטו דען נישט,
אַז אונזער פאָטער און מוטער איז דער טויט,
און מיר זענען ברודער און שוועסטער. —

זי:
פון זינד?

ער:
מיר זענען ליבע — און ליבע איז גאָט אַליין,
ווי קאָנען מיר זינד

זיין?
מיר זענען גאָט, טויט, לעבן און אפילו קינד
אַליין. —
גיב מיר א נאַכט, ווי א שוואַרצן בעכער,
פון ראַנד ביז ראַנד, פון זון ביז זון,
פון דער אָוונט־שעה, פון זיין טיפסטן דנאָ,
ביז ארויף צו ראַנד, ביז דער מאָרגן־שעה.
פול מיט געטלעכער שטראַלן־זינד,
צווישן ברודער און שוועסטער, מאַן און ווייב,
בלוט און בלוט, לייב און לייב,
גיב מיר אַלע, וואָס מען האָט באַהאַלטן
זינט חוהן, דיין לייבלעכער מוטער, ווייב,
אין דיין הייליק טאָכטער־שוועסטער־מוטער־לייב,
גיב מיר די ליבע, גיב זי מיר
אין אַלע טויזנט געשטאַלטן.

זי:
ווי וויל איך, געליבטער,
דיר געבן, געבן, געבן, געבן —
אַלע טויזנט געשטאַלטן פון ווייב און לייב און לעבן,
ווי לאַנג בלוט איז רויט ביז דער מאָרגן גרויט.
נאָר זאָג מיר צו,
אַז דו, דו, דו —
וועסט מיך איינמאָל נעמען
אויך אין דער טויזנט ערשטער געשטאַלט,
ווען איך — וועל — — זיין —
טויט. — — —

ער:
איך זאָג דיר צו, וויל אין יענער שעה,
וועל איך אויכעט זיין ווי דו, ווי דו —
כ'בין אזוי לאַנג נאָר דאָ, ווי דו ביסט דאָ —

און איצט זינג מיר א ליד, פאַרזינג דעם געדאַנק,
פאַרזינג דעם טויט,
זינג מיר, זינג מיר — מאַמע,
דײַנע הענט לייג אַרויף אויף די מידע אויגן,
צו די ליפּן גיב דײַנע ווײַסע ציין,
די זיסע מילך פון גליק צו זויגן.

זי:
געליבטער מײַנער,
איך בין אייביק פרוי,
דעריבער זאָג מיר דאָס לעצטע צו,
אַז ווען אַ צווייטע וועט קומען צו דיר,
צו רויבן מיר — מײַנע — דײַנע ליפּן —
דײַן פּויסט. —
און אירע ריפּן!
און שעלמישער ליבע דעם פרעמדן מאַן אנטבלויזט.
זאָג —
איז דען פאַראַנען אויף דער וועלט נאָך איין פרוי,
וואָס ווייס וויאַזוי
האַרץ צו האַרץ צו וואַקסן,
בלוט אין בלוט צו מישן,
דײַנע ליפּן — געליבטער — צו קושן?

ער:
נישטאָ אויף דער וועלט
און עס וועט נישט מער זײַן —
ביז אין אונזער טיפסטן ווינטער אַרײַן.

זי:
וויפל פרויען דו זאָלסט נישט קושן —
ווי קאָן איך דיר גלויבן? —
וויפל פרויען עס וועלן רויבן

גליק־רגעס פון דיינע ליפּן בײַ מיר,
מײַנע קושן וועלן אייביק, אייביק,
אַרויפשווימען אויבן,
ווי וואַסער־ליליעס פון וואַסערטיף אין הימל אַרײַן,
אין רויטער אָוונט־שײַן,
און וועלן אייביק אויף דיינע ליפּן
די
לעצטע
זײַן.

# די פרויען, וואָס איך האָב ליב געהאַט

אַזוי בין איך געגאַנגען, אין חלום געגאַנגען,
און אַזוי גיי איך נאָך,
אין חלום איך, און מיינע געליבטע —
און וואַכנדיק־ניכטערנער וואָך.

איצט שרייען זיי אויף די קינדערלעך זייערע,
און מאַכן די מענערלעך זאַט
ביים טיש און אין בעט — די שיינע פרויען,
וואָס איך האָב ליב געהאַט.

און זיי קוקן פול זאָרגן אין גילדערנע שפּיגלען,
און פאַרבן די ליפּן אויף זון־פאַרגאַנג־רויט,
זיי האָבן זיך פון וואַרעמע ליגנס
און פוכיקע פעדערן נעסטן געבויט.

און איך האָב געטראַכט פון זיי, ווי פון וווּנדער,
און אַזוי טראַכט איך נאָך,
און זיי האָבן מיינע ליפּן געביסן,
נאָר ניכטער געטראַכט — און אייביק אין תוך.

אין זיבן שטעט און אין לענדער איז מיין ליבע
געזונקען, ווי עס זינקט די זון,
מיך אַליין שיר נישט זינקענדיק מיטדערטרונקען —
נאָר איך בין נישט קליגער געוואָרן דערפון.

און איינע — ווײ! חשד אויף אַ ראַק.
איינע פון די שיינע איז צוקערקראַנק הײנט,
איינע האָט שוין אַלע ציין פאַרלוירן,
און איינע קעמפט מוטיק — — מיט אַ דינסט, אַ שלאַק.

און איך האָב מיך אַלץ נאָך נישט געביטן,
און עס טוט מיר אפילו נישט באַנג,
כ'האָב פון ליבע־בלוט־דרוק אַלעמאָל געליטן,
און בין אַלץ אויף דעמזעלבן קראַנק.

בלאַס־הענטיק — זיי שרייבן מיר בריוולעך געהיימע,
און לייגן אַלץ אויף דעם „לעבן'' אַרויף,
אָ, דאָס „לעבן'', דאָס „לעבן'', דאָס נידערטרעכטיקע, —
איך ענטפער: נאָר קיינמאָל נישט דערויף.

ווייל איך קען נישט דאָס „לעבן'', נאָר איך קען זיין ווונדער,
וואָזשע זאָל איך ענטפערן דערויף?
אַזוי איז מיין אָנהויב, אַזוי מיין אַצינדער,
און איך האָף, אַז אַזוי וועט אויך זיין מיין סוף.

# אומפאַרשטאַנענע ליבע

— וואָס איז דאָס, וואָס לייכט אַדורך, ווי זון, דורך דיינע ליפּן?
וואָס זענען די קלאַנגען, די אומפאַרשטענדלעכע, אויף דיינע הייסע ליפּן?
וואָס זענען די שאָטנס, וואָס זענען די בליצן אויף דיין ווייסן שטערן?
וואָס הויבן זיך דיינע הענט, וואָס פאַלן זיי, פאַרוואָס זענען אין דיינע קאַלטע אויגן הייסע טרערן?

— גאָרנישט, מיין קינד — איך לעב אין אַ וועלט פון ליבע — נישטאָ דאָרט גאָט און געבאָט און געזעצן,
אַווילדע וועלט פון געוויסן איז דאָס, דו קענסט נישט דאָס לאַנד, דאָס לאַנד פון צעבראָכענע געטער, געטלעכע געצן.

— וואָס גייסטו אַ שטאָלצער אַלעמאָל אוועק און קומסט אַ געקרימטער ווידער?
וואָס שעלטסטו מיך אין פּנים — און באַלד פאַלן דיינע ליפּן צו מיינע פיס אַנידער?
וואָס שווערסטו מיר טויט און נקמה — און באַלד גיסטו מיר דיין לעבן?
פאַרוואָס איז פול לעבן דיין חלום, פאַרוואָס איז אָן ווילן דיין לעבן?

— נעם מיך, ווי איך בין, אין מיין וועלט פון שטורעם און טויט איז געוואָרן
אַ מאַן משוגע פון איינזאַמער ליבע אויף דער גרענעץ פון זיינע פערציק יאָרן.

רעד, רעד צו מיר, מיר איז גוט צו הערן,
לאָז מיך, ווי איך בין — איך וויל נישט ניכטער ווערן.

— איך רעד שוין אַ שעה און צוויי — שוין אַלץ אַרויסגעפּלוידערט —
אַ, דו! דו ביסט דאָך דאָ און נישטאָ! געליבטער, געליבטער! מיך שווידערט —
שלאָג מיך, פּאַרטרייב מיך, וואַרף מיך אַראָפּ פון אַלע דיינע הויכע טרעפּן
איך בין נאָך יונג, איך וויל נאָך טרינקען דאָס לעבן, לאָז מיך שעפּן. —

שווייגן.
שווייגן —
שווייגן. — —

זיינע ליפּן נייגן
זיך איבער איר שטערן,
ער קושט זי שטיל.

שווייגן —
פּלוצלונג רעדט ער —
די ווערטער דונערן — די ליפּן בליצן,
און די בליצן שטרייכן
זיגזאַג
אַלע ווערטער פון דער ליבע איבער.

זי קושט פון שרעק זיינע הענט,
אויף איר שטערן שווימט אַרויס אַ קין־צייכן.

— גיי געליבטע, אַזוי איז דיין פאַרלאַנגען.

זי איז נישט געגאַנגען.

# אַ ליד וועגן אַ דריטן

אַזוי איז זיין מזל, אַזוי איז פֿאַרשריבן
געוואָרן אין בוך פֿון זיין לעבן,
דער וועלט־טיש איז רייך, נאָר גאָרנישט געבליבן
צו נעמען פֿאַר אים — ער דאַרף געבן, געבן. — —

אַזוי איז זיין מזל, מען הערט אים נישט קלאָגן,
ער ווייס, ער וועט אייביק שוין בלייבן דער דריטער,
זיין מזל אין זייען און זייען — די ערד וועט שוין טראָגן
אין צייט, און קומען וועט אין דער צייט דער שניטער.

אַזוי איז זיין מזל און ער נעמט עס מיט ליבע,
דאָס איינציקע, וואָס ער מעג נעמען.
ער איז ליכטיקער שאָטן אין גליקלאָזע שטיבער,
ער ווייסט, ער קומט אָפּ, אים אַרט נישט פֿאַר ווע‏מען.

אַזוי איז זיין מזל — אַ היים נישט צו האָבן,
מיט ליבע באַלייכטן פֿאַראומערטע היימען.
אַז ער וועט שטאַרבן — וועט מען שטיל אים באַגראָבן,
און נאָך שטילער באַוויינען אין צער, אין געהיימען. — —

אַזוי איז זיין מזל, ס'איז דאָס מזל פֿון אַלע פֿיעראָטן:
צו לאַכן דורך טרערן — — דאָס ליד, דאָס אייביק־יונגע, אוראַלטע.
זיין צוואה וועט זיין: שטרייכט אויס דאָס זיבעטע פֿון די צען געבאָטן!
שטרייכט עס אויס — אין נאָמען פֿון אַלע דריטע — שאָטן־געשטאַלטן.

# אַ דאַנק־בריוו אינמיטן ים

שטיל איז דער ים, דער ים, ווי ער וואָלט
געווען בלוי־גלאָז מיילן־טיף —
אזוי איז מיין האַרץ — כ'וועל דיר שרייבן היינט, ווייב,
מיין טיפסטן בריוו, מיין דאַנקעס־בריוו.

און פאַר די קינדער דאַנקען דיר,
וואָס זענען געוואַקסן אין דיין לייב,
און צו ניין חדשים געאָטעמט מיט דיר,
און דיין מילך געטרונקען — ווייב.

און פאַר די לידן דאַנק איך דיר,
פאַר' די אָפּגעשניטענע צוואָנציק יאָר,
אָן דיר וואָלט איך געווען דער סוף,
און מיט דיר בין איך אַ רינג, אַ דור.

און פאַר די לידן נאָכאַמאָל,
פאַר די צוואָנציק רינגען אין דער לעבנס־קייט,
זשאַווער וואָלט איך געווען היינט
אָן דעם פייער פון דעם ליד.

און ווידער און ווידער פאַר דעם ליד,
נאָט איז געווען אין דיינע הענט,

מיט געטלעכן פייער האָסטו דאָך
צוואַנציק יאָר פון מיין לעבן געברענט.

אַ חיה בין איך און אַ חיה ביסטו,
און דאָס איז די איינציקע וואָר,
ווי וואָלט איך עס אַנדערש געוווּסט,
אָן דער שול פון די צוואַנציק יאָר.

איצט שטיי איך איינזאַם, איצט שטיי איך גרויס,
צו אַ נייעם לעבן גרייט,
אַ לעבן פון אמת — ווייל דעם אמת האָב איך
געלערנט ביי דיר אין אַ שולע פון לייד.

איצט שטייסטו איינזאַם, דו האָסט געטון,
וואָס דו האָסט צו טון געדאַרפט,
האָסט אַ מענטשן דערהויבן דורך לייד,
האָסט זיין ווילן, ווי שטאָל געשאַרפט.

האָסט אַ מויד, און אַ יונג, געזונט און שיין,
אויף דער ערד, אויף די פיס געשטעלט,
און ווייטער זאָל גיין, אין דער זון זאָל ער גיין
דער הערשער פון דער וועלט.

האָסט געשטעלט אויף דער ערד, האָסט געשיקט אויף דער וועלט
אַ זון, אַ יונג, און אַ טאָכטער, אַ מויד.
איך דאַנק דיר, דאַנק דיר, דאַנק — ווייל זיי זענען
ווי די עפּל זאַפטיק, געזונט ווי דאָס ברויט.

און איך דאַנק דיר פאַר טויזנט פרילינגס־טעג
דערטרונקען אין דיינע טרערנס זאַלץ,
און פאַר האָניג־דערטראָנקענע האַרבסטיקע נעכט —
אַ דאַנק דיר, אַ דאַנק דיר פאַר אַלץ.

איצט גייען דעם לעבנס אמתן דורך מיר,
ווי דאָס לעבעדיקע אָדערן־בלוט,
און אויב איך בין נאָך איצטער אביסל גוט,
בין איך אויף אַן אמת גוט.

און אויך דו ביסט גוט, אויב דו האָסט געקאָנט
צוואָנציק יאָר געבן צו אָט דעם מאַן,
וואָס איז אַ דיכטער — און אַ דיכטער איז דאָך
האַלב מלאך און האַלב שאַרלאַטאַן.

איצט זענען מיר פיר — איינזאַמע פיר,
צו אַלע וועלטזייטן פיר.
און וואָס מיר זענען — דיינע טרערן און דיין מילך
און דיין בלוט פאַרדאַנקען מיר.

מיר האָבן געהערט גאָטס געזעץ אויף דער ערד,
און ערלעך, אין לייד, געטון אונזער פליכט,
איצט זענען מיר אַלע יונג, מיר פיר —
די נאַכט איז געענדיקט —
איצט גייען מיר
אַלע פיר צו גייעם ליכט!

# א מאַן פון פערציק יאָר הויבט אָן א בריוו צו זיין מאַמען

פון א וויטן לאַנד שרייב איך, מאַמע, צו דיר,
ווו איך בין אוועק צו זוכן גליק,
פון א לאַנד, פון וואַנען עס פירט נישט מער
קיין וועג צוריק.

פון א לאַנד, וואָס איז ווייט און אומבאַקאַנט,
כאָטש ס'איז אַלעמען אַזוי גוט באַקאַנט,
ס'האָט א קעניג אויך, טויט — דער ערשטער און לעצטער...
און לעבן הייסט דאָס גאַנצע לאַנד.

איך האָב מיר דאָ אין דעם וויטן לאַנד,
א שטוב געבויט פאַר ווייב און קינד,
נאָר אַז איך עפן אויף די אויגן ביינאַכט
ליג איך איינזאַם — אין דרויסן — אין רעגן און ווינט.

און אַרומגערינגלט האָב איך מיך דאָ
מיט הונדערט גוטע פריינט —
וואַרף אַוועק דעם בריוו, ווען דו וועסט אים, מאַמע,
האָבן איבערגעלייענט. —
— — — — — — — — — — — — — —
— — — — — — — — — — — — — —

# אַ ליד אַן ליבע

דו האָסט מיך פײַנט און איך האָב דיך פײַנט,
נישט איך בין דיך, און דו ביסט מיך נישט ווערט,
צוויי מיליאַרד מאָל אײַנזאַם איז אונזער ערד,
לאָמיר טאַנצן, טאַנצן, טאַנצן צוזאַמען.

נו, קום שוין אין מײַן בעט, דו באַפלײַשטער סקעלעט,
ס'וועט אַלץ אײַנס דיר געשען, וואָס דיר איז באַשערט,
ס'איז אַן אײַנזאַמע תּפיסה די באַפעלקערטע ערד,
לאָמיר טאַנצן, טאַנצן, טאַנצן צוזאַמען.

ביסט דען דו, און בין איך דען איך?
מיר זענען הײַנט נישטאָ און וועלן מאָרגן נישט זײַן,
מיר זענען נישט צוזאַמען און זענען נישט אַליין,
לאָמיר כאָטש טאַנצן, טאַנצן צוזאַמען.

דו, רוף נישט מײַן הילף, ווײַל אויך הילפלאָז בין איך,
דו — אַז מאָרגן וועט מען אונז פּלוצלונג הייסן גיין,
וועלמיר אין ווינקלען פאַרקריכן צו פּיגרן אַליין,
ווי חיות — לאָמיר טאַנצן הײַנט, טאַנצן צוזאַמען.

דו בויגעוודיק גראָז, דו וואַרעמע מויד,
דער סערפּ, זאָגסטו, קלינגט, דער ווינטערווינט בלאָזט?
ציטער נישט! אַלע דאָ זענען מיר גראָז —
לאָמיר טאַנצן, טאַנצן, טאַנצן צוזאַמען.

דאָס בלוט איז נאָך רויט, נאָר מיר זענען שוין טויט,
זע, זעסטו דאָס פּנים? הער ווי קלאַנגלאָז ער לאַכט,

דער וואָס האָט אונז, ווי גראָז און ווי חיות איינזאַם געמאַכט.
לאָמיר טאַנצן, טאַנצן, טאַנצן צוזאַמען.
נישט דו האָסט מיך פֿיינט און איך האָב נישט פֿיינט — —
דו קינד, וואָס איז דאָס, וואָס האָט אויפֿגעשיינט
אין דיין אויג? אַ טרער? האָסטו אויף אַן אמת געוויינט? — —
לאָמיר טאַנצן, טאַנצן, טאַנצן היינט,
טאַנצן איינמאָל צוזאַמען.

# סעקסועלע וועלט-ליבע

דו, ווייספּיסיקע, דו, שטייפבּרוסטיקע, דו, פרוי פון אַלע פרויען,
דו, גאָלדרויטהאָריקע, דו, שאָטן-שוואַרצאויגיקע, דו, וועלט,
דו! — וואָס האָסטו אַזוי פרעך דיין באָרוועסן פוס אויף מיין ברוסט געשטעלט?!
אָ, איך באַגער דיך, עס איז גוט אַזוי — און עס ציטערט מיין לייב פאַר לוסט.

דו ביסט אַ שקלאַפנהענדלערין, אָ דו, דו מיט פאַלשן חן — — פון טויזנט חנען!
דו ביסט דאָך אַ געמיינע גנבטע, מען קאָן דאָך דיך קויפן און פאַרקויפן פאַר געלט.
דו, געליבטע דו, דיר גיי איך נאָך געליבטע, וועלט, איבער אַ גאַנצער וועלט,
אין דיר — ביז איבערן קאָפּ פאַרליבט, אין דיר — ווי אין טויט פאַרהאַסט!

דו! האַ — האַ! זע נאַר! דו אַלטע ציטערפיסיקע שלאַפּבּרוסטיקע באָבע,
דו חנפעסט דיך דאָך אָנצייַנערדיק צו יעדן מינדסטן פון דיינע קינדערס קינד,
האָסט דאָך גאָרנישט, און ירושה זאָגסטו צו? תאווה-סלינע איבער דיינע בלויע ליפּן רינט,
ווייל דו ביסט אָרעם און אַ גאַסן-בעטלערין אַליין — דו, וועלט.

נאָר אַט — און עס גיבן דיינע רעומאַטישע הענט, ווי אַ בונד פוי־
פליישיקע קנוילן,
זיך אַ צעשפּרייט און אַ צעלאָז — פליגלדיק:
ווער ביסטו? ביסטו דיזעלבע — דו ביסט דאָך — — אייביק יונג צוריק,
דרייסיק! אין דער פולער קראַפט! באַפעל! לעבן הייסט — דיינע באַפעלן
צו טון!

דו! דו ביסט דאָך אַ געמיינע קינדער־אונטערוואַרפערין, דו ביסט דאָך
אַ מלאך־מאַכערין,
דו, גליטשיקע בײשלעפערין אין פּאַלאַצן, ווען דיינע קינדער וויינען אין
נאַכט און אין קעלט.
ווער עס גיט דיר מער בריליאַנטן מיט דעם שלאָפסטו, דו, אייביק לעבן,
וועלט —
מיט אַ פאַלשן שמייכל אויף די ליפּן שלאָפסטו, ווען מען באַשלאָפט דיך.

נאָר — — ווען ער שלאָפט איין, הויבן טרערן אָן גיין דורך דיינע
פאַרמאַכטע אויגן,
ווייל דיין האַרץ איז דאָס האַרץ פון אַלע מאַמעס ביינאַכט — —
אין יענער נאַכט — אַ בראָך צו אַלע פּאַלאַצן־פענסטער, אַלע גאָלד־טירן
אויפגעמאַכט:
די גרויסע מאַמע, די וועלט, גייט איבער דער וועלט־נאַכט אירע געליבטע
קינדער אָנצוזוכן.

דו ביסט ווייב און פלייש, דו ביסט גליענדיקער אָטעם,
דו קלויבסט נישט איבער, נעמסט אָן מיט די הענט און אַ צי צו זיך,
דער ערשטן בעסטן, וואָס דיר געפעלט,
אין דיין אייביקן היינט, ווייל דו ביסט קיינמאָל קיינעמס נישט, דו,
וועלט!
דו ביסט דיין, דיין אַליין — אין דיין אייביקן היינט.

ער האָט דיך אָבער ליב באַקומען דיין איין־נאַכט געליבטער,
און ציטערנדיק האָט ער צו דיר נאָך איינמאָל זיינע הענט געשטרעקט,

דיך אָנצורירן כאָטש, געליבטע הייליקע, וועלט — דו אָבער ביסט נישטאָ
מער, נאַכט איז מיט אים, ביסט פאַר אים געעקט,
ליידיק איז דאָס אָרט, נאָר נעבן בעט שטייט ביינערדיק, סקעלעטיק —
טויט.

דיין געליבטער שרייט — — זיין לעצטן אָטעם אויס. — קיינער הערט
נישט, דו איינע וועסט אים אָבער יאָ דערהערן,
זיינע אויגן וועלן ווערן נאָך איינמאָל מיט איבערוועלטיש ליכט צעהעלט,
איצט קומען דיינע ליפּן איבער אים, דו קושסט אים אַריבער, דיין
געליבטן, אויף יענער וועלט,
און זאָגסט אים דעם גרויסן סוד, דו, אייביקע פרוי, דו, אייביקע וועלט,
און ער נעמט אים מיט זיך. — — —

דו, ווייב, וועלט, קאָנקרעט פון אַלע קאָנקרעטן, אַבסטראַקט פון אַלע
אַבסטראַקטן,
בלוט־שלאָג און אָטעם פון יעדן פלייש, געדאַנק פון יעדן גייסט — —
דערפאַר, דערפאַר — וועל איך אייביק שטיין, ווו דו שטייסט, און אייביק
גיין, ווי דו גייסט,
ביז צו מיין לעצטן אָטעם, דו, אייביקע פרוי, דו, וועלט.

# נאָטיצן און באַמערקונגען

## (לויט דעם סדר פון בוך)

טראָפּישער קאַשמאַר — דאָס ליד, אַוועקגעשטעלט נישט לויטן כראָנאָלאָגישן סדר, איז אַ מין אַריינפיר אין בוך.

טראַנס־סיבירישע באַן־סטאַציעס זענען נומערירט. די לעצטע, נומער 86, הייסט אויך „אָדפּאָר״ — צו באַצייכענען דעם זיג איבערן יאַפּאַנישן אינטערווענט.

לאָרד ליטאָן — איז געווען דער פאָרזיצער פון דער פעלקער־ליגע־קאָמיסיע צו פאָרשן דעם מאַנדזשורישן קאָנפליקט. העראין — פיל ביליקער ווי אָפּיום, פּאָפּולער צווישן די אָרימסטע קולים. קואַפּי און פען — מאַנדזשורישע מטבעות. ס׳רוב אָפּיום־הייזלעך אין מאַנדזשוריע באַלאַנגען צו קאָרעער. קאַאָליאַן און סאָיאַ — מאַנדזשורישע געוויקסן. פון טשיפּו שטאַמען די מייסטע כאַרבינער קולים.

יאַפּאַנישער דיכטער — קאַרשנבליטן זענען יאַפּאַנס נאַציאָנאַלע בלומען־ציר. ניפּפּאָן איז דער יאַפּאַנישער נאָמען אויף יאַפּאַן.

אַ קאָפּ אין אַ רעמל — אין 1935 זענען אין כינע אַרויס געזעצן, לויט וועלכע אָפּיום־רעצעדיוויסטן ווערן געקעפּט. די באַהאַנדלטע קראַנקע ווערן אַרויסגעלאָזט פון שפּיטאָל געסטעמפּלטע, ווי חיות, אויף דער הויט. אַזאַ פייערצייכן איז אַמאָל אויך שוין דער טויט־אורטייל.

כונכוזן — כינעזישע מענטשן־רויבער, זומער־צייט באַהאַלטן זיי זיך און זייערע קרבנות אין הויכן קאַאָליאַן, ווינטער אין די וועלדער־טיפעניש. יאַנגטסע — כינעס גרעסטער וואַסער־אָדער.

האַ־נעי־וואַן — געשריבן נאָך באַגעגענישן מיט טיענטסינער, שאַנכאַיער און פּעקינער סטודענטן, קאַטעי — הייסט כינע אויף כינעזיש.

ריקשאַ־טויט — אין שאַנכאַי די הונדערטער טויזנטער שאַנכאַיער־

ריקשאָס זענען וואַרשיינלעך דער מייסט־עקספּלאָאַטירטער פּראָלעטאַר־יאַט פֿון דער וועלט.

די ווייסע גרעפֿין — אין שאַנכאַי דעגענערירן זינט יאָרן די לעצטע רעשטלעך פֿון דער רוסישער ווייסער גוואַרדיע. אוועניו־זשאָפֿר אין דער פֿראַנצויזישער קאָנצעסיע איז דער צענטער. שיקס זענען אינדיש־ענגלי־שע פּאָליציאַנטן־ריזן אין שאַנכאַי.

בודדאַ קויפֿט אַ זונה — בלינדע מיידלעך, אויב נאָר שיין, ווערן פֿאַרקויפֿט פֿאַר פּראָסטיטואירטע אין כינע, ווייל צו גאָרנישט מער נוציק. אויף די וואַסערן פֿון קאַנטאָן זענען פֿאַראַנען טויזנטער קליינע שיפֿלעך סאַמפּאַנען — מיט פּראָסטיטואירטע. אַממאַס — מיני פֿרויען־אַלפֿאָנסן, וואָס פּאַטראָנירן די מיידלעך. טעיל — אַלטע כינעזישע גאָלד־מטבע. קעש — קלענסטע קופּער־מטבע, עטלעכע טויזנט צו איין אַמעריקע־דאָלאַר.

ליבע ביי לעפּערס — אין די לעפּער־קאָלאָניעס ווערן די קראַנקע חתונה געמאַכט צווישן זיך. יעדע נייע פֿרוי אין לאַגער איז אַ פּאָטענ־ציעלע, שטאַרק באַגערטע כלה. די קינדער זענען געזונט, מוזן אָבער באַלד איזאָלירט ווערן. באַטאַקן — סומאַטרישער פֿאָלקס־שטאַם.

בודאַ אין סייגאָן — אין פֿראַנצויזיש אינדאָ־כינע זענען די אָפּיום־שטיבלעך לעגאַל און אָפֿן ווי אַלע אַנדערע געשעפֿטן.

טאָטעם — האָלצערנע זיילן מיט פֿויגל־געשטאַלטן, שבטים־סימ־באָלן פֿון די אינדיאַנער אורפֿעלקער אין אַמעריקע.

קרייזלער־טורם, דאָס שפּיץ־טורמדיקע צווייט־העכסטע וואָלקן־הויז אין ניו־יאָרק.

פּלאַס דיעטואַל — דער שטערן־פּלאַץ אין פּאַריז, דורך אַכט וועגן געקרייצט.

עמפּאַיר־סטעט — די העכסטע, 102־שטאָקיקע, געביידע פֿון דער וועלט אין ניו־יאָרק.

דאַון־טאַון — פֿריער דער יידישער געגנט אין ניו־יאָרק. היינט איז דער שווערפּונקט אין אַנדערע טיילן פֿון שטאָט.

בראָדוועי — דער ניו־יאָרקער טעאַטער־צענטער.

טעמפּל עמנואל — דער גרעסטער יידישער טעמפּל פֿון ניו־יאָרק, דער גרעסטער פֿון דער וועלט. קעש — ענגליש: קאַסע־געלט.

קאַוויראַנדאַ — אַ מזרח־אַפֿריקאַנישער נעגער־שטאַם, וווינט בעיקר אַרום זאַנזיבאַר, איינעם פֿון די הויפּט־פּונקטן פֿון אַמאָליקן שקלאַפֿן־האַנדל.

העוו־אַ־גוד־טיים — ווייל דיך גוט.

קראַאַל — נעגער־דאָרף אין אַפֿריקע.

טאַפּעטוואַ — ווי שווערע פֿאַרברעכנס ווערן אין דרום־אַפֿריקע

געמשפט באַציִאונגען פון ווייסע מענער צו שוואַרצע פרויען, באַציִאונגען פון ווייסע פרויען צו שוואַרצע מענער זענען נאָך זעלטענער, זענען שיר נישט אויסגעשלאָסן, סיידן אין וועג פון פאַרברעכן.

באַנטו — פאָלק, פעלקער. מיט דעם וואָרט ווערן באַצייכנט אַלע שוואַרצע שבטים אין דרום־אַפריקע.

פינף אָקסן — אָדער דער קעגנווערט דערפון איז דער מינימום־נדן, „לאָבעלאַ״, וואָס אַ שוואַרצער יונג צאָלט פאַר אַ ווייב. ער קויפט זי ביים פאָטער, אָדער ביי די ברידער.

קימבערלעי־קראַטער — אַן אָפן לאָך אין דער ערד, אַ קילאָמעטער טיף. די טיפסטע, היינט אויפגעגעבענע דימענטן־מינע פון דער וועלט. די פּראַקטיק מיט דעם בלווישטיין איז היינט שוין זעלטן.

דרום־אַפריקאַניש הערבסט־ליד — נישט צו פאַרגעסן, אַז דאָס איז די דרום־העמיספערע... סוואַזים — נעגער־שטאַם.

יאַמבאַ בוואַנע — פּאָפּולער נעגער־גרוס: גרוס דיר, האַר! מוזאררע — פּרינצעסין און אויך זונה. (צפון־מזרח־אַפריקאַנישע שפּראַכן). הענג־שטראָף — נישט קיין טויט־שטראָף, בלויז פייניקונג. קאַפער — שימפּ־וואָרט פאַר נעגערס.

סועז — זיין אויפבויער, דער פראַנצויז פערדינאַנד לעססעפּס, האָט מיט דער פראַזע „עפנט די וועלט פאַר די פעלקער״ אָנגעהויבן זיין רעדע אין פראַנצויזישן פּאַרלאַמענט, ווען ער האָט פאָרגעלייגט דעם פּראָיעקט. אויסגעפירט אין 1869.

וואַרשאַוואַ — פאַרשטייסטו, לעזער, דאָס געדיכט? איך אויך, זיין מחבר, פאַרשטיי עס נישט, כאָטש אויפשרייבן האָב איך עס געמוזט, געמוזט.

קלאַשאַרן — פּאַריזער אונטער־בריקן־באַוווינער.

היידפּאַרק אין לאָנדאָן, אַן אייביקער, געמישטער מיטינג מיט צענדליקער גלייכצייטיקע טריבונען. אַ פּערמאַנענטער, וואַנזיניקער יריד פון אַלערליי וועלט־אָנשויאונגען. פאָג — געדיכטער לאָנדאָנער האַרבסט־ווינטער און פּרילינגס־נעפּל.

סמירנאָ — אַכטונג! איניסטראַניעץ—אויסלענדער, אינטוריסט—ראַטנפאַרבאַנדישער טוריסטן־ביוראָ, טאָוואַרישטש —חבר, גראַזשדאַנין — בירגער, ספּאַסיבאַ — דאַנק.

אַבאָרידזשין — ענגל. וואָרט: אוראיינוווינער, אורמענטש. אָפי־ציעלער קאָלעקטיוו־נאָמען פון די לעצטע רעשטלעך פון די אויסטראַלישע פולבלוט־שוואַרצע. ציילן אַן ערך 68 טויזנט.

טערמיטן־בערגלעך — ווי מיסטעריעזע פיגורן באַדעקן ריזיקע שטחים פון צענטראַל־אויסטראַליע.

באַלאַראַט — די גאָלדענע אויסטראַלישע שטאָט אין אָנהייב פֿון דער צווייטער העלפֿט פֿון 19־טן יאָרהונדערט.

אויף מעלבאַרנער גאַסן — יעדן אָנהייב נאָוועמבער קומט פֿאָר אין מעלבאָרן דאָס גרויסע פֿערד־געיעג, דאָס גרעסטע אין אויסטראַליע, איינס פֿון די גרעסטע אין דער וועלט. ווערט געפֿייערט ווי אַ נאַציאָנאַלער יום־טוב.

לובראַ — אויסטראַלישע אַבאָרידזשין־פֿרוי.

אַלבאַטראָסן — די שענסטע פֿליער, באַגלייטן אין דער דרום־העמיספֿערע די שיפֿן, אָבער נאָר אויף הויכע וואַסערן, פֿליען נאָר אין טשאַטעס מיט אַ פֿירער־פֿויגל, אַן אַדמיראַל.

מאַאָריס — אורפֿאָלק אין ניי־זעלאַנד, ערשט מיט אַ יאָרהונדערט צוריק מענטשן־פֿרעסער, היינט קולטיווירט. זייער אַריבערקומען פֿון די האַוואַיִשע אינזלען קיין ניי־זעלאַנד מיט אַ טויזנט יאָרן צוריק — אַ רעטעניש. די באַלאַדע איז באַזירט אויף איינער פֿון די אומצאָליקע מאַאָרי־לעגענדעס פֿון דער צייט פֿון זייער רייזע איבערן גרויסן וואַסער.

אַטלאַנטיס — דער פֿאַרזונקענער, לעגענדאַרער קאָנטינענט אין דער מיט פֿון אַטלאַנטיק.

אַפּאָקאַליפּטישער רייטער — די פֿיר פֿאַרניכטונגס־רייטער אין דער יאָהאַנעס־נבֿואה וועגן וועלט־אונטערגאַנג.

טעגלעכע צייטונג — פּאַראַפֿראַזע צו: „און גיב אונדז אונדזער טעגלעך ברויט‟. „און גיסט נישט וויליק‟ — פֿון געטהעס „ערלקעניג‟.

נאַסטעמפּ גוויאַזדולאַ — רוק זיך אָפּ קו מיט דעם ווייסן שטערן אויף דעם שטערן! פּויליש פּויערן־לשון.

אַ יידישער דיכטער פֿון פּוילן — די פּוילישע סטראָפֿן זענען פּאַראַפֿראַזירט פֿון מיצקיעוויטש־סלאָוואַצקי־פֿערזן. איך גיב נישט צו די איבערזעצונג פֿון דעם פּוילישן טעקסט. דער פּוילישער ייד וועט סיי־ווי פֿאַרשטיין און דער נישט־פּוילישער וועט סיי־ווי נישט פֿאַרשטיין...

רעדים — מיין געבורט־שטעטל, די שטאָט פֿון מיין קינדהייט.

---

די נאָטיצן און אויפֿקלערונגען זענען ווייט נישט אויסשעפּנדיק. איך האָף, אַז איך האָב דאָס וויכטיגסטע געגעבן. זיי זענען אַזוי אויך שוין צו פֿיל. איך האָב געגעבן מאַנכע אויפֿקלערונגען פֿון באַקאַנטע זאַכן, רעכענדיק זיך מיט דעם פֿאָלקס־לעזער. לעזט ער שוין יאָ אַ בוך מיט פּאָעזיע — זאָל ער כאָטש פֿאַרשפּאָרן די מי פֿון נאָכפֿרעגן אויף ווערטער.

# דער זוכצעטל*)

זייט


הקדמה 7

1. אזיאטישע

טראַפּישער קאַשמאַר אין סינגאַפּאָר 19
טראַנס־סיבירישע ווינטער־רייזע 24
לאָרד ליטאָן פֿון גענף און דער קולי מעי־וואַן־פּו פֿון טשיפֿו 27
יאַפּאַנישער דיכטער זינגט צווישן קאַרשנביימער 31
אַ קאַפּ אין אַ רעמל 34
קונפֿוזן־ליד אויף די וואַסערן פֿון יאַנג־טסע 36
* האַ־נעי־וואַן און לי־קוואַן־יו, פּעקינער ליבעס־באַלאַדע 39
אַ ריקשאַ שטאַרבט אין אַ שאַנכײַער פּאַרטאַג 44
די ווײַסע גרעפֿין און דער געלער ריקשאַ־קולי 47
* בודדאַ קויפֿט זיך אַ זונה פֿון אַ סאַמפּאַן אין קאַנטאָן 53
* בודדאַ קויפֿט זיך אַ זונה פֿון אַ סאַמפּאַן אין קאַנטאָן 53
בודדאַ אין אַ סינגאַפּורער אָפּיום־בודע 63

2. אמעריקאַנישע

טראַנס־קאַנאַדע 69
* אין דער ניו־יאָרקער פֿרייהייט־סטאַטוע 72


---

*) לידער, וואָס דער מחבר גלויבט, אַז זיי טויגן פֿאַר רעציטאַציע, זענען באַצייכנט מיט אַ שטערנדל.

| | זייט |
|---|---|
| * א שאָטן פון א שאָטן פון א וויזיע פון א ליד פון ניו־יאָרק | 75 |
| עמפּאַיר־סטעט | 82 |
| * פּאַטעטיש יידן־ליד אויף דער עמפּאַיר־סטעט | 86 |
| פילם: ווילקאָמיר — ניו־יאָרק | 91 |
| * דזשים און דזשין — ניו־יאָרקער נעגער־באַלאַדע | 97 |

### 3. אַפריקאַנישע

| | |
|---|---|
| * וועגן שוואַרצער ליבע, שוואַרצן טויט און גאָלדענעם גאָלד | 105 |
| * טאַפּעטונאַ נאַהלאָווו פון באַסוטאָלאַנד | 111 |
| * דיאַמאַנטענע נעגער־באַלאַדע | 116 |
| שוואַרץ־ווייס־רויטע באַלאַדע | 121 |
| דרום־אַפריקאַניש האַרבסט־ליד | 124 |
| סועז — סצענע אין הימל | 126 |

### 4. אייראָפּעישע

| | |
|---|---|
| * גיטעלע — אַ וואַרשעווער קינדער־באַלאַדע | 135 |
| וואַרשאַווע | 140 |
| זומער־נאַכט־געשפּרעך מיט פרוי פּאַריז | 144 |
| קאָמוניסט, קריסט, טויט און פּאָעט אין לאָנדאָנער הײַדפּאַרק | 152 |
| לענינגראַדער יאַנואַר־באַלאַדע | 158 |
| * ווינטער־באַלאַדע אין לענין־מאַוזאָלעאום | 163 |
| * פרילינג איבער אייראָפּע — 1937. | 169 |

### 5. אויסטראַלישע

| | |
|---|---|
| אַבאָרידזשין־אונטערגאַנג־באַלאַדע | 175 |
| נאַכט־מעדיטאַציע אין דער מדבר | 179 |
| * דער בת־יחידהס נדן | 183 |
| אויף מעלבאָרנער גאַסן אין טאָג פון גרויסן פערד־געיעג | 190 |

### 6. אָקעאַנישע

| | |
|---|---|
| פּאַרטאָג־תפילה אויפן ים פאַר יידישע פּאָעטן | 195 |
| שלאָפלאָזע ים־נאַכט | 200 |
| ים־טאָג — משוגע צו ווערן | 202 |
| [illegible] האַס גייט אוועק — זאָל קומען דער טויט אויפן ים | 206 |

| | זייט |
|---|---|
| דריי־איינקייט אויפן ים | 207 |
| זעקס וואכן ים | 208 |
| פליען אלבאטראסן | 209 |
| אטלאנטיש ליד | 212 |
| * מאארישער טויטן־טאנץ — א לעגענדע פון שטילן אקעאן | 214 |
| **7. פאציפיסטישע און אידעישע** | |
| די פיר רייטער פון דער אפאקאליפסע | 221 |
| אין אלע פארשטעט, אין אלע דערפער | 224 |
| ענטפערט דער דיכטער אזוי | 227 |
| * גענעראל־שטאב אין שטאט | 230 |
| * דעם סטאלארס טאכטער | 237 |
| * באלאדע וועגן דער מוטער פון נומער 1603 | 242 |
| תפילה צו דער אידעע | 249 |
| און גיב אונז אונזער טעגלעכע צייטונג | 253 |
| * דיקטאטארס נאכט | 258 |
| די צען פאראגראפן פון דער נייער קאנסטיטוציע | 262 |
| * א ליד וועגן א בלינדן רייטער | 269 |
| * דער אויסלייזער | 273 |
| **8. וועגעטארישע** | |
| זיבן־קי־באלאדע | 281 |
| **9. יידישע** | |
| * געזאנג אויף ימים צו מאמע־לשון | 288 |
| וועלטפאלק יידן | 291 |
| בערלינער קדיש 1934 | 296 |
| א יידישער דיכטער פון פוילן | 298 |
| * ביי די וואסערן פון דער ווייסל | 300 |
| * רעדים, מיין שטעטעלע | 303 |
| אויף קבר־אבות איבער דער וועלט | 305 |
| **10. אין־פיר־ווענטישע** | |
| א ליד פון די, וואס די וועלט איז נישט זייערע | 311 |
| דער פלאנעט און די בלום | 313 |

| | |
|---|---|
| | ז״ט |
| נאכט־געשפרעך מיט זיך און מיט גאָט | 314 |
| דער מאַן פון דרייסיק יאָר | 317 |
| מיין טאָכטער פון זעכצן יאָר | 326 |
| דער מאַן פון פערציק יאָר | 328 |
| די פרויען, וואָס איך האָב ליב געהאַט | 334 |
| אומפאַרשטאַנענע ליבע | 336 |
| אַ ליד וועגן אַ דריטן | 338 |
| אַ דאַנק־בריוו אינמיטן ים | 339 |
| אַ מאַן פון פערציק יאָר הויבט אָן אַ בריוו צו זיין מאַמען | 342 |
| אַ ליד אָן ליבע | 343 |
| סעקסועלע וועלט־ליבע | 345 |

---

## פון דעם זעלבן מחבר:

אויף דער שוועל — יוגנט-לידער, לעמבערג, 1912. (לעווין).

רואינענגראַז — לידער, ווין, 1917. (היקל).

שפּינאָזאַ, פּאָעטישער פּרווו, ווין, 1918, 1921. (היקל און „דער קוואַל״).

נאַקעטע לידער — ווין, 1921. („דער קוואַל״).

דער קרן פון אַלע מיינע לידער
אויטאָרס אַנטאָלאָגיע פון 6 ביכער, וואַרשע, 1922. („די צייט״).

פּרעהיסטאָרישע לאַנדשאַפטן, פּאָעמעס און באַלאַדן, וואַרשע, 1924. („קולטור-ליגע״).

צו דער יידישער יוגנט, וואַרשע, 1924. (אַליין-פאַרלאַג).

בלוט אויף דער פאַן, סאָציאַלע דראַמע אין עלף בילדער, ווילנע, 1929. (קלעצקין).

די פיר זייטן פון מיין וועלט, פיר פּאָעמעס, ווילנע, 1929. (קלעצקין).

ווייב און מאַן, דריי פאַמיליע-דראַמעס, וואַרשע, 1931. (קלעצקין).

Free Public Library, Newark, N. J.